STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04160

FUN SHTOT UN DORF

Vera Rosanko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Temple Beth Emet Library
1770 W. Cerritos Ave.
Anaheim, California

ווערא ראָזאַנקאָ

פון שטאָט און דאָרף

פארלאג בידערמאַן
176 צווייטע עוו. ניו יאָרק, נ. י.

Copyright, 1934,
by
VERA ROSANKO
Brooklyn, N. Y.

Printed in the U. S. A.
POSY-SHOULSON PRESS
3 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.

Temple Beth Emet Library
1770 W. Cerritos Ave.
Anaheim, California

פון שטאָט און דאָרף

.1

צום פערטן מאָל קומט די סלאווינס א מאזל־טאָוו. און אלץ דער זעלבער מאזל־טאָוו: א מיידל.

און דאָס מאָל האָט מען זיך מער ווי אלע מאָל געריכט אויף א אינגל. עפּעס נאָכן אויסזען פון סלאווינשעס טראָגן האָט מען געזאָגט: אַ אינגל, ווי אין קעשענע.

אפילע כימוליע, דער דאָקטאָר, האָט זיך געטרייסט, אז ער וועט דערלאַנגען סלאווינען א שווארצן אינגעלע ווי א זשוק...

אָבער אז די פערטע איז אָנגעקומען, איז שוין געווען פארפאַלן, און סלאווין האָט זיך גאַנץ גוט דערפרייט און איז ווי אלע מאָל געגאַנגען אין שול, אויסגעהערט דעם מאזל־טאָוו־וואונטש, געטיילט לעקאַך מיט בראָנפן, געגעבן א נאָמען און געקומען אהיים.

מיט אַ נאָמען געבן האָט ער געהאַט שוועריקייטן: אויסגעגאַנגען די נעמען אין דער מישפּאָכע. א סאך פון די עלטערע לעבן נאָך, איז ניטאָ נאָך וועמען!.

איז סלאווין אוועק צום בריאנסקער ראָוו. דער ראָוו, אויסהערנדיק סלאווינ׳ס טאַינעס, האָט געשמייכלט און געפרעגט סלאַווינען צי די ניי־געבוירענע איז א שיינע.

— איך ווייס? ביי מיר זיינען זיי אַלע שיין...

— ווייסטו גאָר וואָס? — זאָגט אים דער ראָוו — אויב זי איז ניט קיין שיינע, לאָמיר האָפן צו דעם ריבוינע־שעל־אוילעם, אז איר מאזל וועט זיין שיין, און לאָמיר איר א נאָמען געבן: ש פ ר ה . . . (שיפרע).

קומענדיק א היים פון דעם ראָוו, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט.

די קימפּעטאָרן איז געשלאָפן, נאָר איר מוטער איז געקומען אַנטקעגן און אים אָפּגעגעבן מאזל־טאָוו.

— נו, ווי הייסט די נייע? — פרעגט זיין שוויגער מיט א שמייכל אויף איר פּאָנים.

— זי הייסט שיפרע! — האָט ער ארויסגערעדט.

די אלטע האָט זיך פארן קאָפּ א כאפּ געטאָן:

— גאזלען, וואָס האָסטו צו מיר? איך לעב דאָך!

סלאווין איז בלאס געווארן.

פּלוצים האָט ער ארויסגעשאָסן אין א געלעכטער און קוים ארויסריידנדיק האָט ער זי געפרעגט:

— איר הייסט שיפרע?

— אַוואָדע! גאזלען, וואָס האָסטו געטאָן? גיי שוין צוריק אין שול אָדער צום ראָוו און גיב איר אַן אנדער נאָמען!

— איך וועל עס ניט טאָן! — זאָגט ער, — גייט איר און טוט עס.

זי האָט געבעטן און אים איינגערעדט:

— אז די קימפּעטאָרין וועט דאָס דערהערן, וועט עס איר פאר־שאטן.

איז ער אוועק איבערבייטן דעם נאָמען.

אויפן וועג האָט ער זיך געקייכט פון געלעכטער. דער ראָוו וועט עס דערהערן וועט ער זיין אויסער זיך...

ארויסגייענדיק פון געסל, האָט אים דער בריוו־טרעגער דערלאנגט א בריוו. ער האָט אים אויפגעעפנט און גענומען לייענען. עס איז גע־ווען פון זיינעם א שוועסטער־קינד, ער שרייבט סלאווינען, אז זיין מו־טער שיפרע איז געשטאָרבן, איז ער געבליבן עלנט און וואָלט וועלן קומען אהער, זיין צווישן אייגענע.

סלאווינען איז ארונטערגעפאלן א שטיין פון הארצן. איצט מעג שוין די נייע מיידעלע הייסן שיפרע. זאָל זיין נאָך א שוועסטער־קינד'ס מוטער...

ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, דערציילט זיין שוויגער די גע־שיכטע, דורכגעלייענט איר דעם בריוו און זיך א ביסל צוגעלייגט אָפּרוען.

די אלטע איז אויפגעריכט געוואָרן:

— דאַנקען גאָט! — האָט זי שטילערהייט אונטערגעמורמלט, וואָס יענע שיפרע איז געשטאָרבן.

די קימפּעטאָרן איז געווען אויסגעמאַטערט פון די פריערדיקע „האָבנס" און פון איר ניט זייער גראָטן לעבן מיט איר מאַן, צוליב די אָפּטע מיידלעך...

דער מאַן האָט געוואָלט א זון, און יעדעס מאָל, ווען א מיידל איז געקומען, האָט זי אים געזען ביים ברעג בעט, א קאַלטן, א גלייכ־גילטיקן. מיט א געצוואונגענער צופרידנקייט פלעגט ער אָפּגעבן: מאַזל־טאָוו.

איר אליין זיינען אלע קינדער געווען טייער, און דעם מאָל איז זי אויך צופרידן. זי האָט דאָך זיי אלע אויף דער וועלט געבראַכט, איר בלוט פאַרגאָסן, איר שוואַכן געזונט איינגעשטעלט. אלע זיינען זיי ביי איר אַזוינע שיינינקע און ליבינקע, און עפּשער וועט זי גאָט בענטשן אמאָל מיט א זון, וועט עס זיין א מיזינעק...

זי קוקט אויפן איינגעוויקלטן מיידעלע, וועמענס נאָמען איז שיפרע און שמייכלט: זי איז א שיינינקע נאָר א מאָגערע. דאָס איז ווייל זי האָט געפילט שוואַך אין טראָגן. זי קוקט אויפן ברוינעם קעפּעלע פון קינד און דערמאָנט זיך, אז די ערשטע האָט אויך אַזוי אויסגעזען: מיט ברוינע, געדיכטע הערעלעך, א ווייסינקע, נאָר יענע איז געווען א פולינ־קע. יענע רופט מען איצט: די אָפּגעמאָלענע „קאַרטינע"...

א מידע, א שוואַכע, הייַנטיקס מאָל מער ווי יעדעס מאָל, איז זי געווען גליקלעך. זי דערמאָנט זיך ווי בימוליע, דער דאָקטאָר, האָט זי געבעטן זי זאָל מער ניט האָבן, אָדער כאָטש וואַרטן אן איבעריקע פּאָר יאָר, ווייל זי איז שוואַך. זי האָט ניט געוואָלט הערן פון דעם: טאָמער וועט גאָט העלפן און עס וועט זיין א זון...

פאַרנאַכט האָט זי זיך דערפילט שלעכט. די אויסגעמאַטערטע אויגן אירע ברענען שוין אביסל צו פיל. די באַקן זיינען באַדעקט מיט א רויטער פאַרב און זי רוט ניט איין אויף קיין אָרט.

אין הויז האָט מען זיך אָנגעהויבן צו שושקען: מען זעט, אז עס איז ניט גלאַט, עפּעס ניט אַזוי ווי געווען...

באַשקע, די קאָסע אקושאָרקע, וועלכע האָט אויף דער קימפּעטאָרן אכטונג געגעבן, האָט זיך ארומגעדרייט מיט פאַרשוואָלענע אויגן. עס האָבן א סאַך פרויען גערעדט, אז באַשקע האָט אוועקגעשיקט

אויף יענער וועלט ניט איין קימפּעטאָרן, ווייל זי איז געווען ניט קיין ציכטיקע, און דערצו אַ קראַנקע.

דער דאָקטאָר איז געווען עטלעכע מאָל, האָט זיך ארומגעדרייט אין הויז און שטרענג באַמערקט צו סלאַווינען, אַז די איצטיקע קימפּעט איז אַן איבעריקע...

און אַ טאָג שפּעטער, אָננעמענדיק זיך מיט מוט, האָט ער סלאַווי־נען געזאָגט, אַז די פרוי זיינע וועט שטאַרבן...

ווי אַ דונער האָט עס דעם מאַן געטראָפן. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס זיין ווייבס אָפטע קימפּעטס האָבן געמיינט פאַר איר. זיין יונגע פרוי, זיין ריווקעלע איז שוין איצט ביי אים אַ גאַסט.

די אומגליקלעכע האָט פאַרשטאַנען וואָס איר שטייט פאָר. קלוג, שאַרפזיניק, און ביים פולן פאַרשטאַנד, האָט זי ניט געוואָלט קיינעם ווי טאָן און זי האָט זיך גענומען גרייטן צו איר אייביקער בעט.

האָט זי צונערופן איר מאַן און האָט אים געזאָגט, אַז זי ווייסט וואו זי האַלט. זי האָט אים געבעטן צונויפרופן אירע קינדערלעך.

אירע אַלע יונגינקע קינדערלעך האָט ער אויסגעזעצט ארום איר. די ניי־געבוירענע האָט זי געדריקט צו איר האַרץ. טרערן האָבן זיך גע־גאָסן פון אירע אויסגעלאָשענע אויגן און האָבן זיך ארונטערגעקייקלט אויפן ברווינעם קעפּעלע פון דער נייאינקער. זי האָט געקוקט אויף זיי: אַלע ליבטיקע. אַלע אירע. אַלע וועלן זיי בלייבן אויף דער גרויסער וועלט אָן איר... און די נייאינקע — זי וועט גאָר קיינמאָל ניט וויסן ווער איר מוטער איז געווען

און... אין אַ נאַכט... אין אַ נאַכט אַ קאַלטער און אַ פינצטערער, דער ווינט האָט געוואָיעט, די בוימער האָבן גערוישט און ארונטערגע־וואָרפן צו דער ערד די געלע נאָאַבער־בלעטער, וועלכע האָבן זיך פאַר־שפּעטיקט...

און אין צימער, ביי דעם שיין פון אַ פאַררויכערטן קעראָסין־לעמ־פּל, וועמענס קנויטל עס האָט געצאַנקט פון ווינט, אַנטקעגן דעם אַלטן וואַנט־זייגער, וועמענס ווייזערס האָבן פון אַלטקייט געסקריפּעט — דאָרט אין אַ בעט, ניט ווייט פון דעם ניי־געבאָרן מיידעלע, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ קוילעטש אין די שטייפע וויקעלעך... איז די אומגליקלעכע קימפּעטאָרן ארונטער פון זינען...

און אין פרימאָרגן, ווען דער ווינט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט

האָט די ארונטערגעריסענע געלע בלעטער ערגעץ צעטראגן, ווען דער ערשטער שניי איז געפאלן און ווייס די וועגן אויסגעשפּרייט, האָט זיך אויסגעלאָשן דער לעבן פון ריוועלעלען... און דער פריש געפאלענער שניי האָט פאר איר אויסגעמאָטערטער נעשאָמע א ווייסן וועג אָנגעגרייט...

.2

אין צוויי פינצטערע שטיבלעך נאָענט צום מארק, די פענצטער נידעריק ביז דעם טראָטואַר, די הייליע ערד אָפּגעשמירט מיט געלע ליים, דארט וואוינט „אַבעזיאַנקע דער באַלעגאָלע" מיט זיין ווייב כיענע, די שטעטלשע אַם.

אין דער ערשטער זייט פון איין שטוב, אין א ווינקל, אויף דער געלער ערד, געפינען זיך עטלעכע גריבער, און איבער די גריבער הענגען א פּאָר קינדער־וויגן, צוגעבונדן מיט שטריקלעך צום פּאָטאָלאָק. דארט ליגן אומגליקלעכע קינדער. ווען מען גייט פארביי די נידעריקע פענצטער פון יענע צוויי צימערן קען מען הערן דאָס סקריפּען פון די שטריק, ווען מען וויגט איין די אומגליקלעכע.

די פּיצעלעך שווייגן ווען מען וואַרפט מיט די וויגן הין־און־צוריק, זייערע קערפּערלעך וואַרפן זיך פון איין זייטל אויפן צווייטן.

די יונגינקע מיילכעלעך קרימען זיך אויס, זיי פאַרגלאָצן מיט זייערע אויגעלעך, גיבן זיך עטלעכע מאָל א צאַפּל און ווערן איינגעזונקען אין שלאָף.

דאַן לאָזט מען אָפּ די פיר שטריקלעך אויף וועלכע דאָס וויגל האַלט זיך. דאָס וויגל הוידעט זיך נאָך אביסל אין דער לופטן און בלייבט הענגען איבער די גריבלעך.

אין יאריד־צייט קען מען דאָס סקריפּען פון די וויגן ניט הערן און עס איז ניטאָ קיין צייט ארונטערצוקוקן אין די קליינע פארשטויבטע פענצטער. יאריד איז — טומל: מען לויפט, מען איילט זיך, מען שרייט, מען פייפט, מען פּאַטשט אין די הענט. גלעקלעך קלינגען, פערד היר־זשען, הענער קרייען, בעהיימעס מעקען. עס איז א יאריד — א געפּיל־דער.

אין ציטוויייליק אויפגעשטעלטע קראָמען פון לייוונט, פארקוי־פן טשערקעסן זיידענע טיכלעך, סארפינקע און יאפּאנעזער סכוירעס.

כינעזער מיט לאַנגע צעפּ און בלויע אַטלעסענע קאַסטיומען מיט קליינע שיכלעך, טראָגן פּעק סכוירע, לויפן איבער די טראַטואַרן און שרייען מיט מעשוגענע קולעס...

אין אַזאַ טאָג פאַלט קיינעם ניט איין צו זען אַז אונטן, קימאַט אין דער ערד, ליגן קינדער.

אין יענעם טאָג זיצן די קינדער אין די גריבעלעך, וועלכע זייערע מאָגערע קערפּערלעך האָבן אויסגעבויערט פון שטענדיקן זיצן דאָרט...

הונגעריקע, נאַסע, שמוציקע, דורשטיקע, מיט זייערע מאַמקעס צווישן זייערע געשוואָלענע ליפּן, וויינען זיי און מאַטערן זיך.

די מאַמקעס ווערן געמאַכט פון אַ שטיקל לייוונט, וואָס מען זייעט אויף דעם מילך. מען צעקייט אַ שטיקל כאַלע מיט צוקער. מען לייגט עס אַריין אין אַ ברעג פון דער שמאַטקעלע. מען פאַרבינדט, מען מאַכט אַ קניפּל, און מען לייגט עס אַריין אין דעם קינד'ס מויל.

אַזוי טוט „אַבעזיאַנקע'ס" ווייב. איידער זי גייט אַוועק אין מאַרק האַנדלען מיט קיכלעך, בייגל און קוואַס, פאַרזאָרגט זי די קינדער מיט די מאַמקעס...

אין איינע פון יענע קאַרזינענע וויגן, וואָס הענגען אויף שטריק איבער די גריבלעך, געפינט זיך די קליינע שיפרע סלאַווין. שוין דריי יאָר, אַז זי זיצט אין די גריבעלעך מיט די איבעריקע עטלעכע קינדער. שוין דריי יאָר, אַז זי עסט אַ מאַמקע פון כאַלע, געמאַכט אין אַ שמאַטע פאַרבונדן.

„אַבעזיאַנקע" איז אַן אָרימער, אומגליקלעכער איד. „אַבעזיאַנקע" איז זיין צונאָמען, ווייל ער איז אַ קליינער, אַ הויקערדיקער, מיט אַ באַוואַקסענעם פּאָנים ווי ביי אַ מאַלפּע. דערפאַר האָט מען אים גע־קרוינט מיטן נאָמען, און וועלכער האָט זיך געפּאַסט צו זיין אויסזען.

זיין ווייב, כיענע, איז אַ הויכע, געזונטע, פעטע אידענע, אַ שוואַר־צע ווי אַ געבאָרענע ציגיינערין. שוואַרצע גרויסע אויגן האָבן שאַרף אַרויסגעקוקט פון איר ברייטן שטערן. צוויי גראָבע צעפּ, פאַרדרייט אוי־בערן קאָפּ; אירע אומגליקלעכע שיך האָבן אויפן קאָל געוויינט פון אירע טריט...

אירע בריסטן זיינען שטענדיק געווען אָנגעפילט מיט מילך. עס איז אויף איר גאַנץ ווייניק קענטיק געווען, אַז זי האָט אויף דער וועלט גע־בראַכט אַ מאַטאַנע: אַכט קינדער. אַלע מיידלעך, אַלע מיעסע, וועלכע

זי האָט מער פיינט געהאַט פון איר מאַן און זיך גאָרניט געקימערט וועגן זייער לעבן.

די צוגעוואוינטע אָרימקייט האָט איר אויך ווייניק געאַרט. זיצנדיק שטענדיק אין מאַרק, פלעגט זי, כאָלילע, איר האַרץ קיינמאָל ניט לאָזן איבערכאַלעשן. יערע ווײַלע האָט זי זיך צוגעזען מיט עפּעס אַנדערש...

דאָס — מיט אַן אָפּגעפּרישטן בייגעלע; דאָס — מיט אַ וואַרימן קיכעלע, אָדער גאָר מיט אַ פּוכקע בולקעלע, אָדער אַ פלעשעלע פרישע קאַלטע קוואַס... וואָס אירע שוואַרצע אויגן האָבן דערזען, האָט די לאַנגע, געזונטע האַנט דערלאַנגט, און די ציין האָבן עס צעקייט..

די אָרימקייט אין הויז איז געווען אַ שרעקלעכע. די פאַרדינסטן פון איר מאַן וואָס איז געווען באַלעגאָלע, האָבן בלויז געסטייעט אויף היי פאַר די פערד, אויף קעראָסין פאַרן לאָמפּ, און אויף עטלעכע קוליעס שטרוי פאַר דער הרובע.

דאָס איבעריקע איז ניט געווען פון וואַנען צו נעמען — כאָטש צערייס זיך! אכט קינדערשע מײַלער, דירע־געלט, האָלץ פאַרן אויוון — דאָס איז געפאַלן אויף כיענעס פּלייצעס...

...איז זי געוואָרן אַן „אָס״ און אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט איר מילך.

איז וואו אַ מאַמע געוואָרן אַ קליינע זייגערין, האָט מען דאָס קינד געבראַכט צו איר. איז וואו אַ מאַמע קראַנק געוואָרן, און כיענע האָט דאָס אין מאַרק געהערט, איז זי שוין דאָרט גלייך אויסגעוואַקסן. איז וואו אַ קימפּעטאָרן געשטאָרבן, האָט שוין כיענע געוואוסט, אַז די „פאַרשלעפּטע קרענק״ וועט שוין מוזן אָפּדאַרן ביי איר יאָרן לאַנג...

געצאָלט האָט זי געקראָגן מיט סכוירע מער ווי מיט מעזומען. מעל, קאַרטאָפל, צוקער, אוגערקעס, קרויט, פלייש, און אַזוי־אַרום איז זי געוואָרן די מאַמע פון שטעטל.

אין שטעטל האָט כיענע געהאַט אַ שעם פאַר אַ גוטער „זייגערקע״; — אַז זי האָט גוטע, געזונטע מילך, און אַז זי זויגט די פרעמדע קינדער בעסער ווי אירע אייגענע...

און אַזוי ווי כיענע פלעגט יעדן יאָר קימאַט האָבן אַ קינד, האָט זי שטענדיק געהאַלטן אין געבן זויגן.

שאַבעס איז געווען דער קינדערשער טאָג.

שאבעס נאָך טשאָלענט פלעגן אלע קרויווים פון די פרעמדע קינ־דערלעך גיין צו כיענען געוואויר ווערן. שאבעס האָט שוין כיענע גע־וואוסט ווי אָנצוגיין מיט איר ארבעט.

די קינדערלעך זיינען געזעסן אויפן קאנאפע... די וויגעלעך האָט זי זיי אויסגעבעט... די מאמקעס זיינען דעם טאָג געווען ווייסע... און קיין זויערס האָט זיך פון זיי ניט געפילט...

כיענע פלעגט פארפלעכטן די נאָר־וואָס אויסגעוואשענע האָר, אָנטאָן א ווייסע בלוזקע מיט א גרויסן אויסשניט... מיט דעם גאָלדענעם זייגערל אויף א לאנגער קייטל, וואָס זי האָט געקראָגן פון „אבעזיאנקען" צו דער כאסענע... זי איז געזעסן נעבן די קינדערלעך אויף דער קאנא־פע, און האָט זיי אלע ווילע געטאפט, צי זיינען זיי כאָלילע ניט נאס.. זיי זאָלן זיך כאָלילע ניט פארקילן...

דערנאָך האָט זי גענומען א קינד אויפן האנט, ארויסגעלייגט די ברוסט אויפן אויסשניט פון בלוזקע און אָנגעהויבן ווייזן די קרויווים וואָס כיענע קען...

...זי האָט אריינגעלייגט די ברוסט אין דעם קינד'ס מיילכעלע און געקוועטשט די ברוסט, אז די מילך זאָל שטראָמען צום קינד אין מויל.

דאָס קינד פלעגט נישט קענען כאפן דעם אָטעם, האָט עס גע־קנאקט מיט די ליפעלעך, שווער געאָטעמט, געשלונגען, זיך פארכלינעט, אָנגעהויבן הוסטן, און געמוזט אָפלאָזן די ברוסט...

דערנאָך האָט זי גענומען שפריצן מילך אויפן קינד'ס פעניםל, אין די אויגעלעך, אין נעזעלע. די מילך פלעגט דעם קינד קיצלען אין נע־זעלע, פלעגט עס אָנהויבן ניסן, און כיענע האָט עס צוגעוואונטשן: צום געזונט! און אונטערגעבורטשעט: דאָס קינד איז זאט און שלעפער־דיק, און אָט וועל איך דיר, נעשאָמעלע, אויסוואשן מיט מילך דיין פעניםל, ועסטו קריגן א ווייסן כאָסן...

די קרויווים, וועלכע האָבן ווייניק פארשטאנען כיענעס כיטרען שפיצל, האָבן זיך געפרעגלט פאר נאכעס, אָפגעזיפצט, אָפגעדאנקט און זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען.

אויפן וועג פלעגן זיי שמועסן פון כיענעס געזונטן אויסזען, פון איר פעטע מילך, פון איר גוטסקייט צו פרעמדע קינדער, און אָפלויבנ־דיק זי ביזן זיבעטן הימל, פלעגן זיי רואיקע זיך פאנאנדערגיין, און נאָך רואיקער פארגעסן וועגן כיענען און וועגן די אויפעלעך.

מער ווי איין מאָל אין וואָך, שאבעס, האָבן די אויפעלעך ניט פארזוכט אפילע קיין טראָפּן פון כיענעס מילך...

די גאַנצע וואָך זויגן זיי די מאַמקעס, הריזשען ברויט, סיאָרבען א וואסערדיקע זופּ און וואלגערן זיך אין די וויגן אדער אויף דער ערד...

3.

מען זאָגט, ווען א וואָלף צערייסט א שעפעלע, טריפט איר בלוט פון איר ווייסן, הייסן קערפּער, און ווען זי צאַפּלט זיך און אַ פּאָרע גייט נאָך פון איר פלייש, אָטעמט זי נאָך אלץ, ביז דער וואָלף הויבט־אָן עסן איר הארץ. דעמאָלסט ערשט הויכט זי אויס איר נעשאָמעלע...

אויך זינגט מען אַ ליד פון אַ פויגל „טשאַיקאָ".

אויף אן אינזל האָט דער פויגל געלעבט, אין א ליכטיקן זומער־טאָג איז זי געפלויגן איבער דער אָזערע, האָט פריילעך אויסגעשפּרייט אירע פליגל. די זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אָזערע און די זונ־שטראַ־לן האָבן זיך געשפּילט אין אירע פליגל.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון אַ ביקס, אַ יעגער האָט אויסגעשאָסן און זי טויטלעך פארוואונדעט. פונקט אין יענער מינוט ווען זי האָט זיך געוואָלט ארונטערלאָזן און אָנטרינקען זיך מיט דער זוניקער וואסער.

ער האָט זי געטראָפן אין א פליגל.

מיט טראָפּנס בלוט, וואָס האָט געגאָסן פון איר לייב, איז זי אין וואסער ארייַנגעפאלן.

זי האָט זיך געראנגלט, געפּאטשט מיט די פליגל איבערן וואסער, געוואָלט זיך צוריק דערשלעפּן צו איר נעסט.

נאָר אומזיסט. זי איז אויסגעגאנגען און געזונקען.

עס האָט קיין סאך ניט געפעלט, אז דאָס לעבן פון סלאַווינ׳ס קינד, די ניי־געבאָרענע יעסוימעלע, זאָל זיך פארענדיקן פונקט ווי דאָס לעבן פון דער פארצוקטער שעפעלע, ווי פון דעם דערשאָסענעם פויגל.

בלויז עטלעכע טעג האָט זי פארזוכט פון א נעסט, ווען איר מוטער האָט זי אין אירע ארעמס צו איר הארצן געדריקט, ווען זי איז געלעגן לעבן איר מוטער, אויף דעם ציכטיקן געלעגער. נאָך איר מוטערס טויט האָט זי געמוזט אָנקומען צו „אָבעזיאַנקע דעם באַלעגאָלעס" היים — צו כיענע, די שטאָטישע מאַמע.

נישט איין מאָל איז זי פון איר וויג ארויסגעפאלן צו דער ערד.

נישט איין מאָל פלעגט זי זיך פאַרקייכן פון ווייטיק, קוים זיך דער־שלעפּן צו איר גריבעלע און איינשלאָפן. איר קערפּערל איז איינגע־טונקט אין וואונדן...

וויפיל קראַנקהייטן עס האָבן געבושעוועט אין די לאַנגע ווינ־טער־נעכט, האָבן זיי שיפרעלען ניט פאַרפעלט. און האָט דער זומער עפּעס אויסגעטראַכט קינדער־מאַגייפעס, האָט ער שיפרעלען ניט פאַר־געסן.

פּאָקן, איז פּאָקן. מאַזלען מוז דאָך א קינד אָוודע האָבן. לונגען־ענטצינדונג, קייך־הוסט און גלאַט אזוי זיך אָננעמען פון איר מיט־שוועסטער, וואָס פלעגן ליגן מיט איר אין איין וויג, קאָפּ־אהער, קאָפּ־אהין...

די מילך, וואָס זי פלעגט ארויסזויגן ביי כיענען איינמאָל אין וואָך האָט געטריקנט אירע ביינער...

די מאמקעס האָבן אָנגעריבן פּוזירעס אויף איר גומען. פון הונגער איז איר בייכעלע געווארן א גרויסער — ווי געשוואָלן. די פיסלעך — דאַר און אויסגעדרייט, אזוי אז צו דריי יאָר פון איר לעבן האָט זי זיך ניט געקענט אויפשטעלן...

און איינמאָל, ווען שיפרעלעס מוטער׳ס א שוועסטער איז פון דאָרף געקומען איז זי אויך געגאַנגען צו כיענען מיט מאַטאָנעס אָנגע־לאָדן. שוין דריי יאָר, אז דאָס קינד איז דאָרט, און זי האָט עס נאָך קיין איינמאָל ניט געזען.

פון צייט־צו־צייט האָט זי געשריבן צו סלאַווינען, געבעטן אים צוצושיקן אויף זומער עמיצן פון די עלטערע קינדער. און דורכן זומער האָבן זיך די מיידלעך געביטן — איינע געקומען, די צווייטע אוועק־געפאָרן.

און איצט האָט זי זיך אויסגעריסן זען שיפרעלען — „די מור־זינקע״.

ווען זי איז צו כיענען אין הויז אריין, איז זי געפאַלן אין כאַלאַ־שעס: זי האָט פאַר זיך דערזען א פאַרזעעניש אָנשטאָט א קינד.

א פאַרזעעניש איז אויף אלע פיר ארומגעקראָכן, פאַרקרימטע אויגן פון צאַאר האָבן פון דער ערד געקוקט אויף איר...

זי דערמאָנט זיך, ווען סלאַווין האָט איר פאַר־א־יאָרן געשריבן, אז די קליינע איז זייער קראַנק און אז עס איז א „גאָט׳ס ראַכמאָנעס״

זי צו זען מאַטערן זיך. ווען גאָט וואָלט ראַכמאָנעס געהאַט אויף איר אָרים נעשאָמעלע — וואָלט א גרויסע מיצווע געווען...

„רוף ניט קיין דאָקטוירים צו איר — וועט זי אָפּגעבן די נעשאָמע... און וועט זיך אויפהערן מאַטערן״ — האָט זי געענטפערט...

זי איז שיער פון זינען ארונטער ביים געדאַנק, אז זי האָט אַזוינס געשריבן. נאָר פון דערווייטנס קאָן מען אזא זאַך טאָן; נאָר פון דערווייטנס קאָן א האַרץ אין א שטיין זיך פאַרוואַנדלען...

זי האָט דאָס קינד פון דער ערד אויפגעהויבן, האָט עס צו זיך צוגעדריקט. דאָס קינד האָט מיט אירע אויסגעמאַטערטע אויגעלעך געקוקט אויף איר, און מיט אירע הענטעלעך זי ארומגענומען.

באַלד האָט זי, דאָס קלייניקע ,פון כיענען אויסגעלייזט, און אין א פּאָר שטונדן שפּעטער איז זי געווען מיטן קינד אויפן וועג אין דאָרף.

זי האָט דאָס קינד געצערטלט, געפּרעסט צו זיך, ווי אן אויצער. זי האָט עס געהאַלטן אויף אירע קני, דאָס קינד זאָל איינאָטעמען אין זיך די לופט פון די פעלדער. און אָט זאָל זי נאָר קומען אהיים — דאָס קינד וועט באַלד פון א לעבן וויסן! מילך און שפּייז און לופט איז אין דאָרף גענוג.

זי, די „גאַזלענטע״, — האָט זי זיך פאָרוואורף געמאַכט — איז דאָך דעם קינד אַזוי פיל שולדיק, ווי אַזוי האָט זי געקענט אַזוי פיל יאָרן זיך איינהאַלטן ניט קומען זען איר בלוט און פלייש?

זי האָט געבעטן האַווריליאָן ער זאָל פאָרן מיט א קירצערן וועג, זאָל אויך אויסקלייבן אן איינגעפאָרענעם וועג, אז די רעדער זאָלן ניט שפּרינגען, וועט זיך דער וואָגן ניט טרייסלען...

די צוויי יונגע גרויע פערדלעך האָבן לאַנגזאַם געשלעפּט דעם וואָגן, און האַווריליאָן האָבן געביסן די הענט פון צאַאַר, וואָס ער האָט דעם גאַנצן וועג ניט געקענט באַנוצן די בייטש צו זיי...

שיפרעס מומע איז ביזן אריינפאָרן אין דאָרף געזעסן, געטראַכט פון איר שוועסטערס טויט און זיך א ניידער־געגעבן צו דערציען שיפרעלען.

אריינפאָרנדיק אין דאָרף, האָט זי באַגעגנט באַקאַנטע פּויערים פאָרן אין שטאָט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אראָפּגענומען די היטלען און זי באַגריסט.

א פּאָר מינוט שפּעטער האָט זי שוין געוואוסט אַלע נייעס.

צוויי לעוואיעס זיינען פארגעקומען אין איר אפוועזנהייט: איינע פון א יונגער קימפעטארן, און די צווייטע — נאר א ייכעסדיקע: דעם סטאראסטעס זון איז געפארן אין שטאט. פארנדיק האבן זיך די פערד פאר עפעס דערשראקן און זיי האבן זיך צעטראגן. ער איז פון וואגן ארויסגעפאלן אקוראט לעבן קראסאווינ׳ס אימעניע, און ער איז גע־שטארבן...

האווירלא האט ארונטערגענומען די היטל און האט זיך איבערגע־צײלעמט, געזעצט זיך אויפן וואגן, א צי־געטאן די „וואזשקעס" און געפארן...

.4

ווען גאט שיקט אראפ דעם זומער אויף דער וועלט, שיקט ער דעם שענסטן זומער אין דארף:

צוערשט נעמט ער זיך צו דער ערד. דו שטייסט און ווייסט ניט פונוואנען דאס רוסישע דארפישע פעלד איז געווארן איינגעטונקט אין גראזן, באפוצט מיט מיליאנען־פארביקע בלומען.

עס וואקסן אוים פאר דיינע אויגן סטאהעס היי, אויף גרינע לאנ־קעס; יונגע בעריאזקעלעך פוצן זיך אוים אין ווייסע, זיידענע קלייד־לעך...

אפילע די הוילע דובעס ווערן אויך ניט פארשעמט. זיי טוען אן אויף זייערע דאר־אלטע לייבער א וויכע, גרין, סאמעטענע הויט.

ווייסע באבאטשקעס פליען איבער פעלד, איבער וואלד, איבער וואסער.

די זשאבעס שפרינגען און אפילע די גרויסע, שווארצע, גלאנצי־קע זשוקעס מוזטו אויך ליב־קריגן אין דעם ליכטיקן דארף...

און באגעגנסטו אין פעלד א יונגינקן פאסטוך אנגעטאן אין זיי־נע אויסגעפלאכטענע פאסטעלעס, וואס זיינען צוויי מאל גרעסער פון זיינע פיס, מוזטו אים מעקאנע־זיין...

לאנגזאם גייט ער מיט א קליינער טארבע אויף זיין פלייצע. אין האנט האלט ער א שארפן מעסערל, א שטיקל האלץ, און שניצט זיך אוים א פייפעלע...

און פארגין זיך שוין אויב דו ביסט אין דארף אויך א קוק געבן ווי

פויערים און פויערטעס ארבעטן... ווי זיי זייען און שניידן, גראָבן און בינדן, רעדן און לאַכן, ארבעטן שווער און זינגען. אונטער דער זון, די עמעסע זון, די דאָרפישע זון, וואָס ברענט און בראָט... די לייבער פון אַלט און יונג.

און ביזטו שוין דאָרט, וואו דער זומער איז דער שענסטער, פאַר־גינעם ניט צו באַגלייטן דעם טאָג, וואָס האָט דיך באַגריסט מיט זיין ליכט, קוק אויף די לעצטע שטראַלן פון דער זון... קוק זיך צו ווי זי גרייט צו איר געלעגער, ערגעץ ווייט, ווייט, ווי זי געזעגנט זיך מיט דער ערד, און דערמאָנט די וועמענס לייבער זי האָט געוואַרימט, אַז אויך זיי זאָ־לן רוען גיין...

.5

שוין זיבן יאָר, אַז די קליינע שיפּרעלע געפינט זיך אין דאָרף. שוין זיבן יאָר, אַז זי וואַקסט צווישן דער בליענדיקער נאַטור, אויף די פעלדער, אונטערן פרייען הימל, און אונטער דעם קלאַנג פון די פריי־דיקע דאָרפס־לידער, וואָס זי אַליין קען שוין זינגען.

די מומע קוועלט אָן — זי וואַקסט ווי אַ טאָפּאָליע — שרייבט זי צו שיפּרעלעס פאָטער, וועלכער האָט שוין אַ צווייטע ווייב. זי איז אינ־גאַנצן די מוטער — זאָל זיין אַ גוטע בעטערין פאַר איר.

אַ ביסל קרענקונג האָט די מומע פון שיפּרעלען, וואָס ברענגט איר אַמאָל ארוים פון געדולד, און זי בייזערט זיך אויף איר.

די קליינע זויגט די צוויי מיטלסטע פינגער פון איר רעכטער האַנט. די „מאַטאָנע" האָט זי געבראַכט נאָך פון דער „אָבעזיאַנקע" און דער־וויל דארן ביי איר די צוויי פינגער...

— איך טאַינע און טאַינע מיר דיר — שרייט צו איר די מומע, דו זאָלסט זיך אָפּגעוואוינען. וואָס ביזטו, אַן ערשט־געבאָרן קעלבל, וואָס מען דאַרף עס ארייַנלייגן די פינגער אין מויל און געבן איר צו טרינקען די מילך? עס וועט דען העלפן וואָס דו כאַפּסט זיי ארויס, ווען דו דערזעסט עמיצן? וועסט זען: איך וועל סיי־ווי־סיי אַלעמען דערציילן...

די קליינע לאַכט מיט איר הילכיקן, פריילעכן געלעכטער, כאַפּט

ארוים די פינגער, באַהאַלט די האַנט אויף הינטן און קוקט ארוים פון פענצטער...

— העי, בינטל ארבעס! — שרייט דער קליינער אנטאָן — מיין שוועסטער אַנטאָניאַ רופט דיך. זי נייט־אוים אַ העמד פאַר זונטיק.

הינקענדיק לויפט אַנטאָן דורך פאַרביי פענצטער, טוט אַ קניפּ שיפּרעלען דורכן אָפענעם פענצטערל און לאַכנדיק אַנטלויפט ער...

— מאַמע, איך וויל עסן, איך בין הונגעריק! — שרייט די קליינע שיפּרע.

— אוי, אַ דונער איז מיר! — דו ווילסט עסן? דו ליגסט ווי אַ צויגל. ערשט געגעסן, קרעפּכן מיט סמעטענע, געטרונקען סיראָדאָי, פּרעסערין! נו, און דעם קאָפּ דארפסטו ניט אויסוואַשן? האָסט דאָך געהערט, אַז אַנטאָן האָט דיך גערופן: בינטל ארבעס? ער איז גערעכט: דיינע האָר זיינען הארט ווי כאַזער־האָר, ניט צוגעקעמט, קוקן זיי טאַקע אוים ווי אַ בינטל פאַרפּלאָנטערטע ארבעס...

די קליינע האָט פיינט צו וואַשן דעם קאָפּ. זוכט זי אוים אַ טערעץ.

— נו, וויל איך ניט עסן—דרייט זי זיך לעבן טיר—איך וועל נעמען רויטן פּאָדים אין קלייט און וועל גיין צו אַנטאָנינען אין גאָרטן אויסנייען...

— און דעם קאָפּ וואַשן? שוין באַלד נאַכט, און דו ווילסט אוועקלויפן. שוין צייט אויפן „סידעלע״ מיט אַלע הינער...

— נאָך ליכטיק, מומעטשקע, נאָך ליכטיק. נאָך עפּשער איצט פיר אזייגער, מומעטשקע, מאָרגן איז דאָנערשטיק, וועל איך אויף שאַבעס דעם קאָפּ וואַשן...

— איך האָב דאָך שוין אבער צוגעשטעלט וואַסער מיט סיראָוועטקע אין אויוון, — בעט זיך די מומע.

— נו, ווע֫סטו דערוויילע היליען אויסוואַשן דעם קאָפּ. ער איז נאָך שמוציקער פון מיר... — ענטפערט שיפּרע, —און זע, מומעטשקע, זאָלסט מאַכן אזוי היים די וואַסער, אַז ער זאָל שרייען, ווייל ער האָט מיך ווידער געשטשיפּעט —

דאָס אָפּזאָגנדיק טוט זי אַ דריי מיט איר קוטשעראַווען קעפּל, לויפט אוועק אין קלייט, נעמט רויטן פּאָדים, שפּרינגט אריבער דעם צוים לעבן טויער, קריכט אריבער איבערן פּלאַנקען צום גאָרטן, און די מומע קוקט איר גליקלעך נאָך. זי זעט ווי זי טוט אַ טרייסל אַ קאַרשן־

בוים. זי בויגט זיך אָן, קלייבט אויף די זויערע קארשן, כאַפּט זיי אריין אין מויל און פארשווינדט צווישן די בליענדיקע קארטאָפל... און דעם רויטן מאָן.

— נו, — זאָגט די מומע צו איר טאָכטער כאסיען — זעסט וואָס איז געווארן פון דער „אַבעזיאנקע”? א שיקסל, אַן עמעסע געזונטע שיקסל. וואו האָבן זיך אהינגעטאָן אירע קרומע פיסלעך, די פארגלאָצ־טע אויגעלעך? וואָס איז געוואָרן פון איר גרויסן בייכל? אַך, גאָ־טעניו, געלויבט ביזטו אין אַלע דיינע זיבן הימלען! ווען ניט אירע ברוינע קוטשערצאווע האָר, וואָלט מען זי אָנגענומען פאר אַ שיקסע... די אויסגעצייטע קאָסטיומען פּאַסן איר. קלוג ווי אַ מאַזיק. זינגט ווי אַ קאַנארייקע און לויפט ווי ווינקער...

— זי האָט מיר צוויי מאָל איבערגעשראָקן מיט איר הינקען אויפן פיסל פּלוצים, איך האָב מוירע־געהאט, אז זי וועט בלייבן א קאַליקע, נאָר זעט, די אלטע טריכמאנקע האָט אָפּגעשפּראָכן און ס'האָט געהאָל־פן. טריכמאָנקע האלט, אז דאָס איז געווען אַן איען־האָרע, ווייל ביים שפּרעכן האָט זיך איר מויל שיער צעריסן פון גענעצן...

* *
*

ביי סלאווינען אין הויז האָט מען גאנצע נעכט גערעדט וועגן שיפּרעס אהיים קומען. סלאווין האָט שיפּרעלען דורך די עטלעכע יאָר א פּאָר מאָל געזען. ער פלעגט זיך ארונטערכאַפּן אין דאָרף, זיין צווייטע ווייב זאָל ניט אלעמאָל וויסן פון דעם.

גענוג פאר איר געוועזן זיינע דריי; און שוין דריי צוגעקומענע פון זיין הייראט מיט איר.

סלאווין האָט אָבער זייער געבענקט נאָך דער „קליינער” ווי ער האָט זי גערופן, און איצט, דערוואַרטנדיק איר אָנקומען, האָט אים גענוג זאָרג פארשאפט.

סלאווין גרייט צו זיין ווייב צו שיפּרעס קומען — שוין א פּאָר וואָ־כן צייט. ער איז צו איר די פּאָר וואָכן צערטלעכער ווי אלעמאָל, ווייכער צו די דריי קינדער. ער דערציילט זיי, אַז זייער שוועסטערל קומט איצט צו פאָרן זיך לערנען פון דאָרף, און זיי זאָלן זי „זשאלעווען”...

נאָך מער פון אלע — האָט ער מוירע פאר זיין עלטערער טאָכטער פאָליען. זי איז פארבליבן א קאפּריזנע, אַן אומצופרידענע, א בייזע,

און א קריגערין. די צייט וואָס שיפרע האָט זיך געהאָדעוועט ביי „אָבע־זיאַנקען" איז פּאָליע געווען סלאָווינס טרייסט. זי איז געווען די וועמען זיין פאַרשטאָרבענע ריווקעלע האָט ליב געהאַט פאַר איר שיינקייט. סלאָווין האָט אויף איר אויפגעפּאַסט מער ווי אויף די איבעריקע.

אפילע די דינסט סטעכע האָט פּאָליען מער נאָכגעגעבן און מער געצערטלט.

ווען סלאָווין האָט דעם צווייטן מאָל כאַסענע געהאַט, און אין די עטלעכע יאָר איז פּאָליע אויסגעוואַקסן און דערזען פאַר זיך נאָך צוגעקומענע שוועסטערלעך, האָט זי פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער טאַטע זאָגט איר אַזוי אָפט, אַז ער האָט ניט „קיין צייט", און אַז זי איז א „גרויסע מיידל".

די ערשטע צייט האָט זי זייער געוויינט. זי האָט געהאַסט איר פאַ־טער, געטשעפּעט זיך צו דער שטיפמוטער, שלאָגן די צוגעקומענע שוועסטערלעך, און אַריינפאַלנדיק אין די אָרעמס פון סטעכען, האָט זי טאַינענדיק זיך באַרואיקט.

שפּעטער אביסל איז זי געוואָרן רואיקער. אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזט לערנען, ניט געפאָלגט, און די שטיפמוטער האָט זי גערופן די „צולאָכעסניצע".

סלאָווין האָט די פּאָר וואָכן איינגעטיינעט מיט פּאָליען — גע־דענק, דו ביסט שוין א „גרויסע האידורע". דו ביזט שוין אַן אַלטע מויד, ביזט שוין אַריין אין פופצנטן יאָר. דו מעגסט זיך שוין האַלטן אביסל מער וואַזשנע, מער מענטש, און געדענק וואָס איך זאָג דיר אָן. שיפרע טאָר ניט וויסן, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן. זי קומט זיך לער־נען, וועט עס איר דעם קאָפּ פאַרדרייען. אַזוי שרייבט די מומע פון דאָרף אין א בריוו.

די מומע האָט איר געזאָגט, אַז איצט פאָרט זי צו איר אַהיים צו איר טאַטע־מאַמע. שיפרעלע איז קוים צען יאָר אַלט. זי טאָר ניט וויסן פון דעם, דערפאַר וועל איך דיר קויפן א „שובקע" א נייע, און נייע „טיושקעס". און מעגסט שוין אָנהויבן פּאָלגן.

גאַנצע נעכט האָט סלאָווין מיט זיין פרוי געכאַנפעט פּאָליען. און יענע האָט מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ און ברוגעזדיק צוגעזאָגט פּאָלגן...

* *
*

אין א דאָנערשטיק אָוונט נאָך די יאָמים־טויווים האָט די מומע גע־בראכט שיפרעלען אין שטאָט צו סלאווינען.

און נאָך דעם ווי די מומע האָט דאָרט איבערגענעכטיקט, ניט צומאכנדיק מיט אן אויג, האָט זי זיך געגרייט צוריק אין דאָרף.

סלאווין מיט זיין פרוי האָבן אויפגענומען דעם גאסט זייער האר־ציק, די אייגענע שוועסטער און די קלענערע שטיפשוועסטער זיינען געבליבן פון וויטנס, און זיך ווי גרויס געהאלטן.

זיי האָבן באקוקט שיפרעס געקעסטלטע קליידעלע וואָס איז געווען צו לאַנג אויף איר, די געלע שטרויענע שליאַפּע, דעם אַלטן צעקנייטשטן מאנטל, די שווארצע פּראָסטע שיך, וואָס האָבן זיך געשפּיליעט אָן א זייט אויף קנעפּלעך. זיי האָבן זיך באלד וועגן איר גענומען סוידען און מעסטן זי מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס.

די מומע האָט סלאווינען איבערגעגעבן א פוכענע קישן פאר שיפ־רען, א געפּעקעלטע גאנז, געטריקנטע עפּל, גריבענעס, און עטלעכע רובל אויף א נייעם מאנטל פאר דער קליינער און „קליינגעלט" אויף ביכלעך.

זי האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט אָפט קומען, און זומער וועט די קליינע ווידער זיין מיט איר אין דאָרף.

אומעטיק איז דער מומען געווען זיצנדיק אין וואָגן אליין — ווען זי איז פון סלאווינס הויז אָפּגעפאָרן, און שווער איז איר געווען זיך אָפּצערייסן פון שיפרעלען.

זיצנדיק אין וואָגן, שוין אין מיטן פעלד, האָט זי געטראַכט ווען זי האָט די קליינע, מיט זיבן יאָר צוריק אויף די קני געהאַלטן, זי פון דער „אָבעזיאַנקעס" גריבער ארויסגעריסן און אין דאָרף געפירט. זי האָט דאַן האווריל‎ען אָנגעזאָגט, אז ער זאָל די פערד ניט שמייסן, וועלן זיי ניט לויפן און דער וואָגן וועט זיך ניט טרייסלען, וועט שיפרע־לע מער לופט פון פעלד איינאָטעמען...

און איצט האָט זי מיט אירע אייגענע הענט אָפּגעפירט צו א שטיפ־מאַמע, און זי איבערגעלאָזן.

מיין קינד טייערס: ווי זי האָט דאָס געוויינט. ניט געוואָלט בלייבן.

האָט מיט ציטערדיקע ליפּן געבעטן זיך: „מומאַטשקאָ", נעם מיך צו דיר, צו כאַסיען, און צו היליען.

קומענדיק אין דאָרף, האָט זי געטראָפן איר טאָכטער כאַסיען און איר זון היליען אומעטיקע. כאַסיעלעס אויגן זיינען געווען רויט און געשוואָלן. זי האָט נים געקענט רעדן. ביי יעדער וואָרט וואָס זי האָט געוואָלט אויסרעדן, האָבן זיך טרערן געגאָסן איבער די זייטן פון אירע ליפּן...

אין אָוונט איז געקומען אין קלייט דער קרומער אַנטאָן און זיין שוועסטער אַנטאָנינאַ, און זיך נאָכגעפרעגט אויף שיפרען.

דער שייגעץ האָט נאַריש געכיכיקעט און געפרעגט ווען זי וועט צוריקקומען. נאָר די שוועסטער זיינע האָט אים א וואונק געטאָן, און זיי זיינען ביידע סוידעסדיק ארוים פון קראָם...

* *
*

פרייטיק צו וועטשערע האָט מען שיפרעלען געזעצט אויבן אָן צווישן סלאווינען און זיין ווייב. סלאווינשע האָט צו איר געשמייכלט, זי געגלעט פארן קאָפּ. די ערשטע מויצע נאָך דער בראָכע האָט סלאווין מיט ציטערדיקע הענט שיפרעלען דערלאַנגט.

נאָכן עסן האָט די דינסט סטעבע גענומען שיפרעלען פאר א האנט און גערעדט צו איר צארט. זי איז מיט איר ארוים אין גאַס, צוגעקומען צו א שיקסע וואָס איז געשטאַנען מיט א קארזינע „סע־מעטשקעס".

זי האָט יענער געהייסן געבן פאר צוויי קאָפּיקעס „סעמעטשקעס", די שווארצערע, וואָס זיינען מער צוגעטריקנט.

די שיקסע האָט אוועקגעשטעלט די קארזינע אויף דעם טראַטואַר, ארויסגעשארט א גלאָז פון אונטער די סעמעטשקעס, און אָפּגעמאָסטן איין גלאָז צו סטעבען אין קעשענע, די צווייטע צו שיפרעלען. שיפּ־רעלען איז געפעלן וואָס מען שטאָפּט איר אָן פול די קעשענע מיט סעמעטשקעס. די איבעריקע, וואָס בלייבט, גיט זי איר אין ביידע הענט, און אז עס פאלט ארונטער אויפן טראָטואַר, הויבט עס סטעבע אויף און לייגט עס אריין צו איר און צו זיך אין מויל.

צוריקגייענדיק איז פּאָליע אָנגעקומען אנטקעגן, און זיך צוגע־קלעפּט ווי א שטיק האָניק צו שיפרעלען. אריינקומענדיק אין הויז איז

סלאווין מיט זיין פרוי ניט געווען. זיי זיינען ארום דורכגיין זיך. סטעבע איז אוועק ווארימען וואסער אויף צו וואשן די געפעס מיט די טעפּלעך.

פּאָליע האָט שיפּרעלען אריינגערופן אין שלאָף־צימער. — קום, זעץ זיך אויפן קאסטן, שיפּרעלע. — פּאָליע האָט איר געהאָלפן ארויפ־קריכן אויפן קאסטן, וואס איז געשטאנען אין א ווינקל הינטערן טיר.

שיפּרעלע האָט אריינגעלייגט די האנט אין קעשענע, ארויסגענומען א פולע זשמעניע מיט סיעמעטשקעס און עס דערלאנגט פּאָליען.

פּאָליע כאַפּט ארום שיפּרעלען, דריקט זי צו צו זיך, און מיט איילנ־דיקע ווערטער זאָגט זי איר, אז זייער מוטער איז געשטאָרבן. „אונזער מאַמע ליגט ווייט אויפן ביים־אוילאָם. און די מאַמע איז נאָר העניעס, דוניעס און פאניעס. זי האָט גרויסע הענט און שלאָגט זיך”.

שיפּרעלע האָט זיך פון קאסטן ארונטערגעקייקלט צו דער ערד. די סיעמעטשקעס האָבן זיך צעשאָטן, און פּאָליע איז אין הויף אנט־לאָפן.

סלאווין מיט זיין פרוי זיינען אָנגעקומען. צעשראָקן האָבן זיי גע־קוקט אויף סטעבען, ווי זי האַלט שיפּרעלען אויף די הענט, און שיפּ־רעלע שרייט: — מומאטשקע, איך וויל צוריק אין דאָרף.

סלאווין האָט באלד פארשטאנען, אז דאָס איז פּאָליעס ארבעט. ער האָט זיך גענומען שווערן, אז פּאָליע זאָגט ליגן, און סטעבע האָט זיך אויך געשוואָרן, און ניט זיכער געציילעמט... זי האָט שיפּרעלען צוגענומען צו זיך אין בעט.

א גאנצע וואָך קימאט, האָט מען שיפּרעלען נאָכגעגעבן. סלאָ־ווינשע האָט זי געלערנט צוצוהעלפן אין הויז. די אייגענע און די שטיפשוועסטער זיינען געווען מער צוגעלאָזן צו איר. איבערהויפּט האָט זיך מיט שיפּרעלען געבאווערט די עלטערע פון די שטיפשוועסטער, דוניע. זיי האָבן ביידע סלאווינשן געפאָלגט. ביידע פלעגן איינקויפן פלוימען אויף צימעס. ביידע האָבן זיי די פלוימן געקליבן, זאָלן ניט זיין קיין ווערעמדיקע.

מיט מעסערס האָבן זיי איינגעשניטן איין זייט פון יעדער פלוים. ביידע פלעגן זיי זיצן אויפן פּאָל און שטייסן מאַן אויף א פלאָדן. זיי האָ־בן זיך איינגעטיילט מיטן שטייסן. ווען איינע האָט געשטויסן האָט די צווייטע געהאלטן די שטייסל פאר די אויערן. און דערנאָך האָבן זיי זיך געביטן.

פרייטיק אין דער פרי ווען די טייג איז אויפגעגאַנגען האָט עס סלאווינשע ארויסגענומען פון „מאקיטרע”. דיביידע מיידלעך האָט זי געהייסן ארויסטראָגן די מאקיטרע און אוועקשטעלן אונטערן רינווע. א רעגן קלאַפּט שוין אין דאך, וועט זיך די מאקיטרע אפּווייקן, וועט זיין לייכטער צו שייערן.

סלאווינשע האָט זיך געכאַפּט, אז זי האָט ניט קיין שוועבעלעך מיט וואָס איינצוהייצן דעם אויוון. סטעבע שייערט דעם סאמאָוואר מיט די לייכטער; א פּאָר זיינען אין כיידער; פּאָליען וויל זי ניט טשע־פּען; האָט זי די צוויי מיידלעך געהייסן לויפן צווישן די רעגן־טראָפּנס און ברייינגען שוועבעלעך.

שיפרעלען האָט זיך עפּעס ניט געגלוסט צו לויפן אין רעגן. דוניע האָט איר ניט צוגערעדט. זי איז ארונטערגעשפּרונגען פון גאניק און איז פארשוואונדן. שיפרעלע איז געבליבן שטיין אין פירהויז ביים טיר לעבן מאקיטרע, וואָס איז שוין באלד געווען פול מיט וואסער. א ביסל האָט זי דעם קאָפּ ארויסגעשטעקט דורכן טיר, און דער רעגן האָט גע־וואַשן אירע האָר.

סלאווינשע איז ארויס אין פירהויז, געוואָלט גיין אין טשולאן נע־מען א וואלגער־האָלץ. האָט זי דערזען ווי שיפרע שטייט האלב אין טיר, און שפּילט זיך מיטן רעגן. זי איז געוואָרן אן אויפגעקאָכטע. הייסט עס, אז „איר” דוניע „נעבעך” איז יאָ געלאָפן אין רעגן נאָך שוועבעלעך, נאָר די דאָרפישע „מערזאוועקע” איז גאָר א פוילערין. ניט טראכטנדיק קיין סאך, האָט זי שיפרעלען ארונטערגעלאָזן א פּאטש אין באק...

שיפרע האָט זיך א צאַפּל געטאָן פון ווייטיק. די רעגן־טראָפּן פון קאָפּ האָבן זיך אראָפּגעשאָטן אויף איר פּאָנים, געוואַשן אירע באקן, ווי זיי וואָלטן וועלן ארונטערוואשן סלאווינשעס פינף פינגער...

שטום האָט שיפרעלע געקוקט אויף איר שטיפמוטער, און אין די טרערן פון אירע אויגן האָט זי דערזען פּאָליען...

פּאָליע איז ווי א טיגער געשטאנען לעבן סלאווינשען. מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט זי מיט צאָרן געקוקט אויף איר שטיפמוטער, גרייט ווי א טיגער זי אויף שטיקער צערייסן. צום ערשטן מאָל האָט זיך סלאווינשע פאר פּאָליען דערשראָקן.

אין דער מינוט איז סלאווין אָנגעקומען. געיאָגט פון דעם רעגן,

איז ער האסטיק אין פירהויז אריינגעלאָפן. ער האָט זיי אלע דריי דער־זען. איין בליק אויף שיפרעלען האָט אים אלץ דערציילט...

ער האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט... דאָ האט סלאווינשע פלו־צים אָנגעהויבן ברעכן די הענט, און ארויסגעשריען, אז זי האָט גע־מאכט א טאָעס.

— איך האָב געמיינט, אז דאָס איז דוניע, האָב איך איר געוואָלט אָנלערנען פאר שווענקען זיך אין רעגן...

שיפרעלען האָבן זיך א בארג מיט שטיינער פון הארצן ארונ־טערגעקייקלט נאָך סלאווינשעס ווערטער. זי האָט געכאַפּט די מאַקיטרע, אויסגעגאָסן די וואסער, אריינגעטראָגן זי אין הויז, און פליסיק זי גע־נומען וואשן...

דער ווינטער איז פאר שיפרעלען געווען אנאנדערער ווי אלע ווינ־טערן. זי איז געלאָפן אין ביידער מיט ביישעק. ניט אזוי פיל צוליב דעם לערנען זיך, ווי צוליב די צוויי קאָפּקעס, וואָס סלאווין פלעגט איר געבן אויף „אָנבייסן", און צוליב די „טיעטראדקעס" וואָס זי פלעגט קויפן אויף שרייבן. מיט די טיעטראדקעס האָט מען צוגעגעבן שיינע „קארטינקעס", און דערפאר האָט זי טאקע געשריבן גרעסערע ווערטער, אז די טיעטראדקע זאָל גיכער זיך אויסשרייבן.

עטלעכע מאָל איז איר איינגעפאלן אויסצערייסן בלעטלעך פון טיעטראדקע אבער זי האָט געדארפט אלעמאָל ברענגען אהיים די אויס־געשריבענע צו ווייזן סלאווינען, אניט האָט מען ניט געקענט קריגן קיין געלט אויף א נייער.

שיפרעלע האָט געקראָגן גוטע אָטמעטקעס פון דעם לערער, סיי אין אידיש, סיי אין רוסיש. זי האָט א גוטן קאָפּ, האָט סלאווינען דער לע־רער דערציילט. און סלאווין האָט זיין פרייד צו דער מומען אין דאָרף אויסגעשריבן.

דער אָנקומענדיקער פּייסעך האָט פארטריבן דעם בייזן ווינטער. אין די פּאָדריאדן באקט מען שוין מאצע. סלאווין, ווי יעדער יאָר, האָט אויך היינטיקן יאָר א פּאָדריאד. און אליאָשקע דער הויכער איז דער טראמבאָוושטשיק. אָ רעדלער האָט ער אָ נייעם. און די צוויי זעצער זיינען די זעלבע פון יעקאטערינאָסלאוו.

די נעגידים קומען שוין ארונטער באשטעלן זייערע מאצעס, קליי־

בן די רעדלעך, זאָל זיין וואָס שמעלער און דינער, שענער און אויס־געבאַקענער.

סלאַווינשע גייט ארום איבער די קראָמען איינקויפן פאַר פּייסעך. נייע טישטעכער, האַנטעכער, ליילעכער, ווארע אויף קליידלעך, לייוונט אויף העמדער, און פּייסעכדיקע געפעס צו ביסלעך.

ווען די נייטאָרין איז געקומען עטלעכע טעג פאַר פּייסעך מיט א פּאַק אונטערן אָרעם, האָט פּאַליע אויף איר אָנגעשטעלט א פּאָר אויגן. סלאַווינשע איז אין הויז ניט געווען, האָט די נייטאָרין דעם פּעקל פון אירע הענט ניט ארויסגעלאָזן. זי האָט זיך געזעצט ווארטן אויף סלאַ־ווינשען.

פּאַליע האָט זיך געפּאָרעט לעבן די פּאַליצעס אין קיך. זי האָט אויסגעליִיגט ווייסן פּאפּיר, מיט האַנטעכער, מיט ליילעכער, גרייט אויפ־צונעמען די מאַצעס וואָס דארפן באַלד אָנקומען. פּאָליע איז איצט אַן אַנדערע געוואָרן.

זינט שיפּרעלע האָט געקראָגן דעם פּאַטש פון סלאַווינשען ברענט אין פּאַליען א האַס צו דער שטיפמאַמע. און נאָך מער קען זי ניט שענ־קען דעם ליגן וואָס זי האָט סלאַווינען געזאָגט, אז זי האָט געמיינט צו שלאָגן איר דוניען.

דוניען היט סלאַווינשע אָפּ מער פון די איבעריקע קינדער. פּאָ־ליע זעט אַלץ און שווייגט, אבי שיפּרעלעם לעבן זאָל זיין גרינגער. שיפּרעלען האָט זי ליב באַקומען פון יענעם טאָג אָן, ווען זי האָט פּלוצ־לינג דערזען די גרויסע האַנט פון סלאַווינשען, וואָס האָט זיך ארונטער־געלאָזן אויף שיפּרעלעם פּאָנים. זי האָט נאָך קיין איין מאָל ניט געזען, אז סלאַווינשע זאָל שלאָגן דוניען.

זי זעט ווי זי שטורכעט אָפּט מיט אירע עלנבויגנס אירע קלענערע שוועסטער און אַמאָל אויך סלאַווינשעס א קינד. אָבער ווען עס קומט צו עסן, קריגט דוניע דעם גרעסטן ביילעק... און ניט איין מאָל האָט זי גע־כאַפּט סלאַווינשען מיט דוניען אין טשולאַן, וואו די פארשלאָסענע שמאַלץ מיט די ווארעניעס זיינען געשטאַנען. און זי פלעגט זען ווי זי שמירט דוניען אַן אויף ברויט.

סלאַווינשע איז אריינגעקומען מיט דעם קאָשיק פון מארק. שיפרע און די איבעריקע קינדער זיינען געקומען צו לויפן פון ביידער. די ניי־

טאָרין האָט סלאַווינשען אַ וואונק געטאָן, און זיי זיינען ביידע אין שלאָף־צימער אריין.

פאָליע האָט אָנגעשטעלט די אויערן: מער ווי אָפּגעריסענע ווער־טער האָט זי ניט געקענט כאַפּן. באלד האָט זיך די טיר געעפנט, און די נייטאָרין האָט ארויסגערוקט איר גרויסע פאטשיילע איבערן קאָפּ און איז ארויס פון הויז.

ערשט אויף מאָרגן האָט פאָליע אין קאמאָד פון שלאָף־צימער געפונען נייע באטיסטענע העמדער. פאָליע האָט אויסגערעכנט, אז דאָס איז פאר יעדן צו העמדער, אָבער זי האָט שוין אין איין וועג א כאַפּ געטאָן אין האנט די העמדער זיי א צי געטאָן פאר די אקסלען אין דער הויך, און דערזען אז זייער לענג איז צו קורץ פאר איר, און אפילע פאר שיפרעלען.

מיט א קלאפנדיק הארץ האָט זי צוריק דעם קאמאָד פארמאכט און איז פון שלאָף־צימער ארויסגעלאָפן.

ערשט פייסעך האָט זי דערזען, אז די העמדער זיינען אויף סלא־ווינשעס דריי קינדער, און די איבעריקע זיינען געבליבן ליגן אין קא־מאָד.

שיפרע און זי האָבן אויף פייסעך קיינע נייע העמדער ניט גע־קראָגן. זי האָט שמערצלעך געוויינט. זי האָט ניט געקענט זיך פארשטע־לן, אז שיפרעלע האָט ניט פארדינט קיין העמד פאר דעם גאנצן ווינ־טער.

די מומע שיקט געלט פון דאָרף, שיקט פאסילקעס פון אלעם גוטן, און ווען עס איז געקומען צו העמדער האָט זי און שיפרעלע ניט געקראָ־גן. נאָך גוט וואָס די מיטעלע פון זיי איז אין מיטן ווינטער געשטאָרבן, אזא כיעסדיקע איז זי געווען — נאָר זיך פארקילט און אָפּגעקריינקט איין וואָך צייט און געשטאָרבן. איצט איז זי ביי דער מאמען, רעדט פאָליע צו זיך. איצט דאַרף זי ניט זאָרגן וועגן איר אויף א העמד.

זי געדענקט ווי מען האָט איר אָנגעטאָן אין ווייסן. ווי א קאַלע האָט די קליינע מוסיע אויסגעזען אין אירע טאכריכים. דער טאַטע האָט געוויינט, און סטעבע האָט ווערלטן איינגעליינט. אָבער זי, פאָליע, האָט נאָר געוואוסט, אז עס איז בעסער אזוי. מוסיע איז איצט ביי דער מא־מען, און שוין, אזוי האָט סטעבע איר געזאָגט. און זי, און שיפרע, גלויבן סטעבען אלעס.

סטעכען איז ניט לייכט אָנגעקומען צו זיין איבערגעגעבן צו פּאַ־ליען מיט שיפּרען. ניט איין מאָל האָט זי געפילט סלאווינשעס אויגן, און אפילו סלאווין האָט אונטערגעבורטשעט אויף איר ווען ער פלעגט אין דער פרי פון שלאָף־צימער ארויס... שוין פארמאסערט, האָט סטעכע פארשטאנען, און אויסגעמידן סלאווינס אויגן...

* *
*

וואָלט שוין טראָכים גיכער די פערד געשפּאַנט. מען וועט נאָך פארשפּעטיקן דעם פּאָיעזד, ביז ער וועט זיך דערשלעפּן די פערצן וויאָרסט ביז דעם וואגזאל, ראשט זיך די מומע. זינט האוורילאָ איז גע־שטאָרבן, האָב איך ניט קיין נאַכעס פון מיין ארומפאָרן, — טאַינעט זי צו איר טאָכטער כאסיען. האוורילא האָט שוין געוואוסט, אז ער דאַרף זיך צואיילן. און דאָ ווי אויף צולאָכעס דונערט און בליצט, דער הימל איז ווי א שטיק בליי. עס דוכט זיך, אז ער וועט באלד צו דער ערד ארונטערפאלן. אזוי ווי די טשערעדע וועט קומען זאָל מען גלייך די בעהיימעס אויסמעלקן, דערנאָך די פּאָילע געבן. כאַראַלאַנקע האָט מיר איבערגעגעבן א גרוס, אז די אייטער גייען איבער, זיי שלעפּן קוים די פיס, דערנאָך זיי גלייך אין שטאל פארטרייבן, ניט לאָזן זיי אין הויף. די קריגלעך מיט די ווייסע צידעלקעס איבערזייען און פארבריען פּאָילע אויף מאָרגן.

כאסיע שטייט אנטקעגן דער מוטער, און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. שטילערהייט גאנוועט כאסיע זיך אריין צום ברודער, וועלכער פּוצט זיך אויס אין זיין שאַבעסדיקן קאָסטיום, און רייניקט אלע ווילע זיין ווייכע שליאפּע. די ארבל פון ראָק, די ווייסע העמד מיט די לאנגע מאנזשעטן האלט ער אין איין ארייננרוקן אין די ארבל פון פּינזשאַק...

— היליע! — שעפּטשעט כאסיע ארויס — דארפסט נאָך געלט? איך וועל דיר געבן, די מאמע זאָל ניט וויסן. און ווי דו וועסט נאָר אָנקומען מיט דער מאמען אין שטאָט, זאָלסטו זיך ארייננכאַפּן אין א קראָם און קויפן שיפּרען א מאַטאָנע, איידער דו וועסט קומען מיט שיפּ־רען אַהער. קויף איר אַ פּליושענעם אַלבאָם. איך האָב פאר איר אויסגע־נייט אַ מאַלאָרוסישן קאָסטיום. און איצט גיי איך איבערציען מיין בעט; איך וועל שלאָפן מיט שיפּרען. זי וועט שלאָפן צום וואנט און איך

צום ברעג, ווייל איך דארף פרי אויפשטיין, זאָל איך זי ניט אויפוועקן.
הילּיע האָט ליב שיפרען.
ער האָט שוין אָבער שיפרען פיר יאָר ניט געזען.
די ערשטע פּאָר יאָר נאָך שיפרעלעס פארלאָזן דעם דאָרף, האָט זי זייער שטארק געבענקט. פלעגט זי יעדן זומער קומען צו פאָרן. דער לערנען זיך האָט שיפרעלען צום שטאָט צוגעבונדן. אָפט פאָרן אין דאָרף איז געווען אומעגלעך. די קליינע איז געוואקסן און זיך אריינגע־טאָן אין איר לערנען ביז עס זיינען פאריבער פיר יאָר.
די ערשטע פּאָר זומערן פון שיפרעס פארברענגען אין דאָרף האָט זיך הילּיע צו שיפרעלען צוגעבונדן. און אין די אפטע שפּאצירן איבערן פעלד האָט זיך צווישן זיי אנטוויקלט א קינדערשע נאָענטקייט. די מומע האָט זיך הארציק געפרייט, וואָס איר זון, איז א גאנצער קאוואליער צו שיפרען. און צו כאַסיעס גליק איז קיין גרענייץ ניט געווען. פאַר איר איז שיפרע געווען א שוועסטער.
און איצט די גאנצע פיר יאָר שרייבט זיך הילּיע מיט שיפרען דורך. הילּיע פלעגט קריגן פון שיפרען בריוו מיט „הויכע פראזן", האָט ער עס ניט גלייך צעקייט. און שטילערהייט האָט ער דעם בריוו געוויזן צו זיין דאָרפישן לערער, יעליסיי, און יעליסיי האָט צו הילּיען פארטייטשט די הויכע ווערטער פון דעם בריוו... אָבער איצט פאָרט די מומע אליין נע־מען שיפרען, און זי נעמט מיט הילּיען.

* *
*

הילּיע און שיפרע שפּאצירן ביידע פארנאכט אין פעלד.
— דו ווייסט, שיפרעלע, דו ביסט געקומען אין דאָרף אין א מאַזלדיקער שאָ. היינטיקע וואָך איז די „גרינע וואָך" ביי די גויאים. מען גייט אַרום און מען שמייסט איינער דעם אַנדערן מיט גרינע צווייַ־גן. מען בענטשט די פעלדער, זיי זאָלן געראָטעניש ברענגען, און מען האָט כאַסענע...
— אָט וועלן אין דאָרף פארקומען פיר כאַסענעס — דריי גויאִי־שע און איין אידישע פון סאָסניצע אריבערגעפירט. איז אויף וועלכער ווילסטו גיין?
— אויף אנטאָנינאַס כאַסענע וועל איך גיין צום ערשטן. נעכטן האָב איך איר און אנטאָנען צוגעזאָגט. און עפּשער וועל איך גיין פריער

אויף דער אידישער. בארעכן, היליע: אַנטאָנינאַ גייט כאַסענע האָבן! מיין כאַווערטע! בארעכן! היליע שמייכלט. — נו, ביי זיי איז אנדערש — זאָגט ער. ביי זיי האָט מען יונג כאַסענע.

— כאַסיע האָט מיר געזאָגט, אַז אויף דער אידישער כאַסענע וועלן זיין שטאָטישע קלעזמאָרים און שטאָטישע געבעקס און לעקאַך, און די מומע האָט געמאכט אזעלכע שיינע קאַראַווייען פאַר אַלע גויאישע כאַסענעס. אַמאָל פלעג איך איר ארויסהעלפן, און איצט?

זי האָט געשמייכלט...

זי רעדט ווייטער:

— ווייסט, היליע? איך בין שוין לאַנג נישט געווען אויף אַ דאָרפישער כאַסענע. דעם לעצטן מאָל, ווען איך בין דאָ געווען אויף כאַדארע קאַלעניקס כאַסענע און איך געדענק אַלץ.

— איין זאַך בין איך זיכער געדיינקסטו ניט — זאָגט היליע און שמייכלט — איך וועל זיך מיט דיר וועטן, אַז דו ווייסט ניט.

ער רעדט האַסטיק און פאַררויטלט זיך:

— איך ווייס, איך ווייס, אַז מיר פלעגן פייסעך שפּילן אין ניס און דו פלעגסט אַלעמאָל ביי מיר געווינען — שרייט זי אויס.

— ניין, ניין! ניט דאָס! — זאָגט ער.

פלוצלינג בלייבט שיפרעלע שטיין.

— היליע, איך ווייס. פאַרקוק זיך — און איך וועל דיר דערמאָנען.

היליע קערט אָפּ זיין קאָפּ.

האַסטיק שטרעקט זי אויס איר אָרעם און טוט היליען אַ שטאַרקן קניפּ און צעלאַכט זיך.

היליע טוט זיך אַ צאַפּל פאַר ווייטיק. ער לאָזט אַרונטער זיין קאָפּ, ווערט רויט און לאַכט נאַריש, און פאַרשעמט, און מורמלט שטיל אַרויס:

— דו האָסט געטראָפן!

שיפרעלע פאַרשעמט זיך פון איר איינפאַל. אַ ווײַלע שווייגן זיי. זי שלאָגט איבער די שטילקייט און אומבאַקוועמקייט.

— היליע, ווער איז אַוועק אין סאָלדאַטן פאַר די עטלעכע יאָר?

— און אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו געדענקען? — זאָגט ער מיט פרייד וואָס עס האָט גענומען אַן ענד צום שווייגן.

— דער רויטער אַלעקסאַנדער איז אוועק. מינא דער גראָבער איז אוועק, און די צוויי ברידער האווריל'אָ און סטעפּאַן זיינען אוועק. הריצקא און דעניס דעם סטאַראָסטעס זיינען אוועק. כאַדאָרעס מאַן איז אוועק. כוועדאָר איז אוועק און איבערגעלאָזט טאַטיאַנען אויף פינף יאָר. פּעטראָ האָט חתונה געהאַט פאַר זאַוואַדקעס טאָכטער און קיריל'אָ, וועלכער האָט זיך געוואָלט אויפהענגען, איז אוועק. פּראָכאָרקעס איידעם, דער געשטופּלטער איז אוועק. מאַרוסעס חתן איז אוועק. דער גאַנצער דאָרף קימאַט . . .

היליע רעדט שטיל, דייטלעך, ווייזט אָן סימאָנים טאָמער געדענקט זי זיי ניט.

שיפּרעס קאָפּ אַרבעט שנעל. זי דערמאָנט, זי פרעגט. זי ווערט פריילעך און אומעטיק. זי טראַכט. זי באַמערקט אַזוי פיל דערינערונגען אין דעם אַלעם, אַזוי פיל פרייד און אומעט, אין זיין דערציילן. די גאַנצע יוגנט און קינדהייט לויפן פאַרביי אירע אויגן.

זי טראַכט וועגן איין פראַגע, וואָס מאַטערט איר: זאָל זי פרעגן היליען, צי ניין. זי באַשליסט: זי וועט אים פרעגן, און כלומרשט מיט גלייכגילטיקייט גיט זי אַ פרעג:

— פאַרוואָס איז אַנטאָן ניט געגאַנגען דינען?

— אַנטאָן איז ערשט ניינצן יאָר אַלט און ער האָט פערוואַלעגאָטע. ער איז איינער.

שיפּרע טוט זיך אַ כאַפּ:

— אַבוּך דעם איז ער אַ קרומער אויף אַ פוס.

— ניין, זיין פוס האָט זיך שוין לאַנג אויסגעהיילט.

שיפּרעלע פרייט זיך אין דער שטיל און זי ווייסט ניט פאַרוואָס. אַן אומבאַשטימטע פרייד דערפאַר וואָס אַנטאָן האָט ערשטע לעגאָטע און זיין פוס האָט זיך אויסגעהיילט...

— געדענקסטו, היליע, ער פלעגט מיך רופן: בינטל אַרבעס, און דורך אים פלעגט מיר די מומע אַלע ווילע וואַשן דעם קאָפּ און פאַרפלעכטן שטייף די צעפּ...

זי פאַרטראַכט זיך. נעכטן האָט זי אַנטאָנען דעם ערשטן מאָל אין פיר יאָר דערזען, און איר יוגנט כאַווערטע, זיין שוועסטער.

די שוועסטער זיינע איז פאַרבליבן אַ מיעסע, אַ קליינע מיט גרויסע ליפּן, ווי ביי אַ ניעגריאַנקע. און ער, אַנטאָן... אַ הויכער, אַ שלאַנ-

קער, מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, און שיינע ווייסע ציין...

ער פלעגט איר רייסן שווארצע קארשן פון זייער גאָרטן און רויטע פאַרעטשקעס פון די געדיכטע קוסטעס. די סאַניעשניקעס פלעגט ער ארונטערבויגן, אָנהויבן בלעטערן די געלע בלעטער ארום די קערן זען צי שוין פארטיק. און ער פלעגט ארונטעררייסן דעם געלן קאָפּ פון דעם דינעם קערפּער פון סאַניעשניק. ער פלעגט אַזוי שיין שמייכלען צו איר...

און דאַן, גאָר אַמאָל, ווען זי איז געווען אַ קליינע, האָט ער איר די שענסטע פייפעלעך אויסגעשניצט, און הינקענדיק האָט ער איר פאַר די האָר אַלעמאָל פּארטשעפּעט, און איר בינטל ארבעס גערופן...

שאַבעס אין אָוונט זיינען אַלע פון הויז געגאַנגען אויף דער כאַסענע. יעדערער איז געגאַנגען וואוהין ער האָט געוואָלט.

שיפרע און היליע זיינען אויף דער אידישער כאַסענע. זי איז אַזוי פריילעך, אַזוי אויפגעלייגט, אַזוי ווי זי וואָלט די מענטשן יאָרן־לאַנג געקענט.

מען האָט אויסגעבויט אַ שאַלאַש ביי סיליוועסטן אין הויף. שטאָטישע באַרישניעס מיט קאַוואַליערן. מען טאַנצט טשערדאַשן, פּאַדיספּאַנען, וואַלסן, מאַזורקעס, ווינגערקעס, ליזגינקעס.

היליע קלייבט נאָכעס. טאַנצן קען ער ניט. אָבער יעדעס מאָל, וואָס ער זעט שיפרעלען זיך דורכדרייען, באַקוקט ער זי מיט וואונדער. אַלע טענץ קען זי — טראַכט ער.

דערנאָך האָט מען גענומען זינגען. מען איז מיד געוואָרן טאַנצנדיק. אַלע מיידלעך זינגען.

פּלוצלינג דערהערט זיך שיפרעלעס שטימע, הילכיק און ריין, טרויעריק און פריילעך...

אַלע בלייבן שטיל. אַלע האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום איר: פּויערים און פּויערטעס ארום די פענצטער. זיי מורמלען: דאָס זינגט אונזערע, די קליינע סאַניאַ, וואָס האָט זיך דאָ געהאָדעוועט, ביי דער אַלטער מאַנדרוסקע. זי האָט נאָך אין שטאָט ניט פארגעסן ווי צו זינגען.

— זעסט, אַ מאַלאַטשינאַ, אַן עמעסע כאָכלושקע!

די גאַנצע כאַסענע האָט זיך צוגעהערט. שיפרעלע זינגט דאָרפישע לידער. לידער פון דאָרפישער ליבע. לידער פון פעלד. לידער

פון זאַרג. לידער פון פרייד. אַ ליד נאָך אַ ליד. אין דעם זינגען טראַכט זי פון אַנטאָנען. זי וואָלט געוואָלט ער זאָל זי אויך הערן, נאָר ער איז אויף זיין שוועסטערס כאַסענע...

אַן אַלטער קלעזמערל רוקט זיך צו מיט זיין פידל צו שיפרען. שטרענגט זיך אָן אויסצושפּילן די דאָרפישע מעלאָדיעס.

אַן אַלטינקער איז ער, אַ דאַרער, מיט אַ גרייז־גרויער באָרד, מיט אַזויפיל פרייד אין זיינע אויגן פאַר שיפרען. ער ליבט איר זינגען. ער וויל איר העלפן. ער דריאַפּעט מיט די פינגער איבערן פידל און ער ווייסט וואָס דאָס זינגען מיינט... אַליין אַמאָל געווען אין דאָרף...

ער שטופּט זיך דורך דורך דעם אוילעם נאָך נעענטער צו שיפרען. פּלוצלינג הויבט עמיצער אָן צו שפּילן אַ קאַמאַרינסקע. שיפרע הויבט אָן טאַנצן. דער אַלטער מיט די ציטערדיקע הענט, קראַצט די קאַ־מאַרינסקע אויפן פידל. זי ווינט, די קאַמאַרינסקע, אונטער זיינע אַלטע הענט, און — ער איז אַנידערגעפאַלן...

אַ שרעקלעכער טומל האָט אויסגעבראָכן. שיפרע איז צוגעלאָפן צום אַלטן. מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, געגעבן וואַ־סער, געקוועטשט די שליפן. דער אַלטער האָט אויפגעעפנט די אויגן, געבלאָנדזשעט, זיך אָפּגעשטעלט אויף שיפרען. די ליפּן האָבן עפּעס מיט אַ שטאַרבנדיקן שמייכל געשעפּטשעט, און ער איז באַלד אויסגע־גאַנגען...

שפּעט אין אָוונט איז הילע מיט שיפרען ביי אַנטאָנס שוועסטער אויף כאַסענע.

ווען זיי ביידע זיינען אַריינגעקומען אין הויף, האָבן פּויערים און פּויערטעס געטאַנצט אַ „פּאָלקע". דער פּויק האָט אַזוי געקלאַפּט ביי דעם שיקערן קלעזמער אין די הענט, אַז מען האָט געקענט טויב ווערן.

די שיקסעס דרושקעס מיט פול און פיל קאָלירטע ליענטעס האָבן געזונגען. די שקאָצים באַיאַרעס מיט אַרומגעבונדענע האַנטוכער האָבן זיך געשושקעט און געוואָרפן אויגן אויף די שיקסעס...

שיפרע האָט דערזען אַנטאָנען; אויסגעפּוצט אין נייע שטיוול, אין אַ נייעם פּויערשן קאָסטיום. די בלאָנדע האָר גלאַט פאַרקעמט און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פלעשל און גלעזל און האָט געטיילט בראָנפן.

וויפיל מעכוטאַנים און געסט עס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן געטרונקען פון איין גלעזל. ער גיסט אָן אַ גלעזל און גיט עס צו איינעם. יענער הויבט אויף דאָס גלעזל, שרייט אויס, אַז עס איז פאַר אַלעמענס געזונט, קייקלט עס אַריין אין האַלדז, פאַרקרימט זיך, טוט אַ שפּיי און שמייכלט.

אַנטאָן גיסט אויס דאָס ביסל, וואָס פאַרבלייבט אין גלעזל, און דאָס גלעזל איז ווידער פול...

מיט אַנדערע מוז אַנטאָן טרינקען „לחיים". ער טרינקט פריער, און דערנאָך דער גאַסט.

פון די אָפטע לחיימס צוליב די געסט איז אַנטאָן שיקער און פריילעך.

היליע און שיפרע זיינען אַריין אין שטיבל. די קאַלע מיטן באָסן זיינען געזעסן אויף דער מיטלסטער באַנק פון הויז ביי אַ גרויסן פיר־קאַנטיקן טיש, אונטער אַ טוצן הייליקע איקאָנעס, איבערגעדעקט מיט האַנטוכער...

זיי זיינען צוגעקומען צום טיש, און שיפרע האָט זיך צעקושט מיט איר קליינער יוגנט כאַווערטע אַנטאָנינאַ. מען האָט פאַר זיי ביידן געגעבן אַן אָרט לעבן כאָסן־קאַלע, און די כאַסענע איז אַוועק אין פולן גאַנג.

זי האָט געטראַכט פון דער אידישער כאַסענע, פון וועלכער זי איז ערשט געקומען. ווי אַנדערש יענע איז. נאָר אַפילע דאָרטן, אויף דער אידישער כאַסענע, זיינען אויך געווען סימאַנים פון דאָר־פישקייט. דאָס אידישסטע אויף יענער כאַסענע איז ווען מען פירט דאָרטן צו דער כופּע די קאַלע. האָט מען זייער פיל געוויינט. די אומעטיקייט פון לייענען די קעסובע, דאָס אומעטיקע ליד ביים אַרומ־דרייען די קאַלע פאַרביי דעם כאָסן, די בראָכעס פון דעם מעסאַדער קדושן; דאַן דער „הרי את"!

מיט וויפיל ערנסט דער כאָסן איז באַאומרואיקט ווי אַלע שטייען פאַרגאַפּט! און ער זאָגט די ווערטער, און איידל טוט ער איר אָן דעם פינגערל...

דאַן דאָס צעברעכן דאָס גלעזל!

און דאַן — די פּלוצימדיקע פרייד, ביים אויסשרייען מאַזלטאָוו,

דאָס פרייען זיך, דאָס טאַנצן, דאָס פּאַטשן מיט די הענט און דאָס קושן זיך אין מיטן הויף...

דאָס אַלץ האָט שיפרען אַזוי גליקלעך און ערנסט געמאַכט!

דערנאָך דאָס דאָרפישע דאָרט:

עס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויפן שוועל, ביים אַריינגאַנג, אין „שאַלאַש" אַ פּויערטע מיט צוויי עמער וואַסער, און דער כאָסן מוז אַריינוואַרפן אין יענעם עמער אַ זילבערנע מאַטבייע. איז עס אַ סימען פון פיל מאַזל און גליק...

און זי זיצט אַזוי לעבן דער שיקסע־קאַלע און טראַכט פון יענער כאַסענע און קוקט זיך צו צו דער כאַסענע. אַלע זיינען פריילעך, שי־קער, מיט גאָרניט אומצופרידן, ניט אויסגעפּוצט, די קלעזמאָרים שפּילן פאַלש, אַזש מען קען מעשוגע ווערן, און מען פילט עפּעס אַזוי מאָדנע נאַריש־פריידיק, ווען זיי שפּילן...

אַנטאָן איז צוגעקומען צו איר.

שיפרען קלאַפּט דאָס האַרץ נאָך שטאַרקער ווי דער פּויק.

אַנטאָן ווערט רויט און דערלאַנגט איר און היליען די האַנט. ער בויגט זיך אָן צו איר, און טוט שטיל אַ זאָג: „זדראַוואָ, בינטל אַרבעס".

זי טוט זיך אַ צאַפּל פון די פּאָר ווערטער. דאָס געריך פון שנאַפּס פון זיין מויל האָט זיך צעטראָגן לעבן איר און זי האָט איר קאָפּ אַרונטערגעלאָזן...

אַנטאָן דרייט זיך אום איבערן שטוב מיטן פלעשל אין האַנט און לאָזט פון איר זיינע אויגן ניט אַראָפּ. אַלע מינוט זעט זי זיין בלאָנדע קאָפּ אויסגעקערט צו איר. זיינע אויגן, זיין געזונט אויסזען, אַ פּראָסטער, אַ געזונטער...

היליע איז בלאַסער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, מיט שוואַרצע, גרויסע אויגן, פון מיטעלן וואוקס, מיט כיין און צאַרטקייט. זי פילט, אַז זי האָט היליען ליב און זי האָט אַנטאָנען אויך ניט זייער פיינט...

אויף מאָרגן שלאָפן אַלע שפּעט פון דער אידישער כאַסענע. און פון דער גויאישער אויך אַזוי...

היינט איז דאָך זונטיק סיי־ווי־סיי, גייען ניט די גויאים אין פעלד, און ניט די אידן דאַרפן זיך איילן. דער טאָג איז אַזאַ גע־

בענטשטער, אזא ליכטיקער, און יאָנטעוודיקער, אזוי ווי ער אליין, דער טאָג, וואָלט אויך געבטן כאַסענע געהאַט...

היליע איז אין הויז און פירט צונויף די כעשבוינעס פון א גאַנצער וואָך לייזונג.

שיפרעלע גייט אוועק אליין שפאַצירן לעבן די ברעגן פון די טייכן. זי האָט געזאָגט היליען: זי האָט זיך אזוי פאַרבענקט נאָך דעם אלעם, אז זי קען זיך אויף אים ניט דערוואַרטן...

— וועל איך גיין אליין. איך קען דאָך דאָ יעדן ווינקל, יעדע געסעלע, און דו וועסט שפּעטער אַרויסקומען, און מיר וועלן זיך שיפן א ביסל...

זי איז אָפּגעגאַנגען א שטיקל וועג. פון די קליינע פענצטערלעך, פון די שטיבעלעך האָט מען זי דערקענט. יעדערער האָט זי צוגערופן צום פענצטער. פלינק פלעגט זי אַרויפשפּרינגען אויף א פּריזבע, זיך פונאַנדעררעדן, אויספרעגן און זיך לאָזן גיין.

אין איינעם שטיבלעך איז זי אַריין. מען האָט איר געלאַדן עסן. זיי געדענקען, אז ניט איינמאָל פלעגט זי ביי זיי עסן פּיראָגן, אָנגעפּילט מיט אלערליי גרינסן...

און זי איז ווידער געגאַנגען.

אַנטאָן האָט זי דערזען פון זיין פענצטער. איז ער אַרויס, אוועק אין אַן אַנדער געסל און איז איר אַנטקעגן געקומען...

זי גלויבט ניט אז דאָס איז עמעס, אז אַנטאָן איז איצט לעבן איר. ער האָט איר לאַכנדיק דעם גוט מאָרגן געבראַכט. — קום, סאָניא, וועלן מיר זיך אביסל שיפלען ביז דער וואַרמעס וועט ביי די באַבעס פאַרטיק ווערן.

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר נאָכגעגאַנגען אַנטאָנען צום ברעג טייך, וואו ער האָט די שיפל אָפּגעבונדן און די וועסלעס אין זיי אַריינגעוואָרפן.

ער האָט איר געהאָלפן אַריינגיין אין שיפל. אַנטאָן רודערט און האַלט זיך ביים ברעג. די שיפל הוידעט זיך און שיפרע טראַכט ווידער פון דער צייט ווען זי איז אמאָל אין דאָרף געווען.

— אַנטאָן! לאָמיר שוין אַרויסגיין, ווייל היליע דאַרף באַלד אָנקומען, און איך האָב אים צוגעזאָגט צו וואַרטן. איך האָב זיך שוין

אָפּגעוואוינט פון שיפן. דרייט זיך מיר דער קאָפּ... און זעסט, אַט דאַרט באַדט זיך עמיצער.

אַנטאָן דערקענט אין וואַסער דעם יונגן שענקער און שיקט אים אַ הארציקע קלאָלע.

אַנטאָן האָט פיינט דעם שענקער. עפּעס איז אים דער שייגעץ ניט צום האַרצן. ער פאַרקויפט „וואָדקע" און לייענט אַ בוך... און זיין ווייב קומט פון קיעוו און טראָגט זיידענע זאָקן און גלאַנציקע קאַלאָשן, און אַז זי שפּאַצירט, האַלט זי דאָס קליידל אין האַנט און הויבט עס אַביסל אויף. זי האַלט זיך גרויס — די קיעווער באַליערע. ער טוט אַ שפּיי אין וואַסער און ווערט רויט...

שיפרע צולאַכט זיך .

— נו, איז וואָס, אַז זי טראָגט זיידענע זאָקן און גלאַנציקע קאַלאָשן? אָט טראָג איך אויך „באָטינקעס" און אַז עס רעגנט, האָב איך אויך גלאַנציקע קאַלאָשן, און הויב אויך אויף דאָס קליידל עס זאָל זיך ניט פאַרנעצן... מען טראָגט אין שטאָט לענגערע קליידער — מוז מען זיך היטן...

זיי זיינען צוגעפאָרן צו אַ קוסט, וואו עס איז געוואַקסן שטשאַוו. זי איז אַרויס און גענומען רייסן דעם שטשאַוו, ברענגען דער מו־מען, וועט זי קאָכן אַ באַרשטש.

אַנטאָן לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע און נעמט אַרויס אַ לייענטע.

— סאָניאַ, נעם עס דיר! דאָס איז פאַרבליבן פון אַנטאָנינאַס באַסענע. אין דער פרי האָט מען אַלעמען צעטיילט אירע רויטע לייענטעס...

דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך אָנגעצונדן מיט טויזנטער פלאַמען... ער וואָלט געוואָלט וויסן צי שיפרע ווייסט וואָס דאָס מיינט... ער וואָלט געוואָלט וויסן, צי ווייסט זי, אַז מען צעטיילט מאָרגן פרי, נאָך דער כופּע־נאַכט, רויטע לייענטעס צו די „דרוזשקעס" איז אַ סימען, אַז די קאַלע איז געווען אַן ערלעכע...

זיינע ניינצן יאָר האָבן געברענט אויף זיין פראָסטער באַכערשער ריינקייט. ער האָט אונטערגעפייפט...

שיפרעלע רייסט דעם שטשאַוו און לייגט עס אין איר קליידל. זי באַקוקט די שיינקייט אַרום און פאַרגלייכט דאָס מיט דעם אוים־

זען פון דעם קליינעם שטעטל. זי האָסט די קליינע בריטשקעס מיט די טרייבערס וואָס שמייסן די פערד אָן ראַכמאָנעס. זי האָט פיינט די אַרומיקע פּאַניטשן, די רייכע מיט די נאַכמאַכערס.

שווייגנדיק טרעט זי אָפּ פון אָרט. אַנטאָן גייט איר נאָך און זיי שיפּן זיך צוריק צו צום ברעג, און זעצן זיך אויפן גראָז.

אַנטאָן ווייסט ניט פון קיין ליבע. אַנטאָן וואַרט ביז ער וועט אַרויס פון פּריזיוו, וועט ער כאַסענע האָבן. איצט וויל ער ניט אַוועקזעצן אַ „דאַרמאָיעדניצע" אין זיין מאַמעס הויז. דער טאַטע איז געשטאָרבן, איז ער דער „קאָרמיליעץ", דער ברויט־געבער, און אַז ער וועט פון פּריסוטסטוויע אַרויס אַ פּרייער, וועט ער זיך אַ לאָז טאָן הוליען, זאָגט ער אַלע זיינע כאַווירים.

שיפּרעלען האַלט ער פאַר אַן „איינגענער".

אַנטאָנינאַס אַ כאַווערטע, און זיינע אויך, און דאָס וואָס זי איז געוואָרן אַזאַ שטאָטישע און האַלט זיך ניט גרויס, געפעלט אים..

הילִיע איז צוגעקומען. און ווען ער האָט דערזען אַנטאָנען זיצן מיט שיפּרען, האָט ער אים אין זיינע געדאַנקען געשאָלטן, אַז ער זאָל דערפאַר צוריק קרום ווערן...

* *

*

צוריקקומענדיק אין שטאָט האָט שיפּרע אין זינען געהאַט נאָר איין זאַך: אויפהערן זיך לערנען, פאָרן צוריק אין דאָרף, און שפּעטער... כאַסענע האָבן מיט הילִיען...

זי איז שוין זיבעצן יאָר אַלט. און הילִיע איז אַלט ניינצן, אַזוי ווי אַנטאָן... אַנטאָנינאַ האָט כאַסענע געהאַט, און פּאַליע האָט אויך ערשט כאַסענע געהאַט פאַר דעם סטאַרשן פּריקאַזטשיק פון קאַרלינערס שניט־קראָם.

שיפּרעלע וואָלט שוין געוואָלט בלייבן מיט איר פּאָטער אַליין... כאָטש איין מאָל אין איר לעבן, און דורכרעדן זיך מיט אים. זי פילט, ווי זי וויל אים אַרומנעמען, זיך צוטוליען צו אים, זעצן זיך אויף זיינע קני און דערציילן אים קימאַט אַלץ...

פּאַרנאַכט איז סלאַווין געזעסן אין זאַל אויפן דיוואַן ביים פענצטער. סלאַווינשע און די קינדער זיינען אין הויז ניט געווען. עס האָט אָנגעהויבן בליצן. אַ שטילער דונער האָט אין הויז געמורמלט.

גרויסע רעגן־טראָפּן האָבן געשנעלט אין די שויבן און זיך געגליטשט איבער זיי.

זי קוקט אויפן פאָטער. דער לאָמפּ ברענט טונקל, קוקט ער אוים בלאַס ווי אַ מעס.

שיפּרעלע איז צוגעלאָפן צו אים, האָט מיט בײדע הענט זײַנע קני אַרומגענומען און איר קאָפּ אויף זיי אָנגעשפּאַרט.

סלאַווין האָט געגלעט איר קאָפּ, און צערטלעך ארונטערגענומען די טרערן פון אירע באַקן מיט זײַנע פינגער.

שיפּרעלע הויבט אָן צערטלעך אָבער שנעל רעדן.

— פּאַפּאַשאַ גאָלובטשיק! איך בין שוין איצט אַ גרויסע. איך מעג אַלץ וויסן... דערציייל מיר פון דער מאַמען... פון אַלץ וויל איך, דו זאָלסט רעדן. און, פּאַפּאַשאַ, ווייסט... ווייסט... היליע דער מומעס איז זייער אַ גוטער... אָבער ער איז צו דאָרפיש. אָבער... ער איז אַ טײַערע נעשאָמע... איך וואָלט געוואָלט וואוינען אין דאָרף... אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי... אַמאָל זײַנען אַלע שיקסעס געווען מײַנע כאַווערטעס. אָבער איצט נאָך עטלעכע יאָר אין שטאָט, אַ ביסל געלערנט, אַ ביסל זיך אָפּגעוואוינט, געוואָלט זיין לעבן דיר... לעבן פּאָליען... אָבער דאָ איז אַלץ אַזוי פרעמד...

— אָדער... — שטאַמלט שיפּרע און האָט כאַראַטע אויף דעם רעדן, און וואָס זי האָט דערמאָנט היליען — עפּשער גאָר פאָרן אין באַראָזנאָ. דאָרטן וואוינט נאַכמען דער פישער, וואָס קויפט אויף פיש אין דאָרף. ער האָט געזאָגט דער מומען, אַז איך קען ביי אים זיין וויפיל מיין האַרץ גלוסט. ער האָט זין און טעכטער... כאָטש, — רייסט זי זיך שוין מיט אַלע קויכעס צו „פאַררעדן די ציין" — נאַכמענען האָב איך פיינט. ערשטנס, וואָס ער טרינקט, און, צווייטנס, וואָס ער קויפט אוים די גאַנצע פיש פון דאָרף און „באַט אָן" אַ גרויסן מעקעך שטילערהייט. די מומע האסט אים דערפאַר.

— און ער האָט אַ צו גרויסן אַפּעטיט... — רעדט זי ווייטער — איך געדענק נאָך, ווען איך בין קליינערהייט געווען אין דאָרף, פלעגט ער קומען אין מיטן נאַכט מיט פערד און וואָגן. די מומע און כאַסיע און איך, און די שיקסע, לעהאַוודל, זײַנען געבליבן אָן קויכעס דערלאַנגענדיק. אַן „איינגעשטאַנענעם" קריגל מיט סמעטענע און זויער מילך האָט ער מיט שטיקער ברויט איינגעשלונגען. מיר האָט

זיך געדוכט, אַז ער קייט אַפּילע ניט דעם ברויט, נאָר ער שלינגט עס
אָט אַזוי...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

סלאַווין האָט גוט פאַרשטאַנען שיפּרעלעס רייד. ער ווייסט, אַז
אירע זיבעצן יאָר זיינען אומרואיק און רייף. ער ווייסט ווי נויר־
טיק, זי דאַרף איצט אַ מאַמע...

— נו, גוט, — שמייכלט סלאַווין און קוקט איר אין די אויגן.
— וועסטו פאָרן צוריק אין דאָרף און איך וועל זיך דורכשרייבן מיט
דער מומען... און איך וועל דיר געבן דיין נאַדאַן...

שיפּרעלע צעלאַכט זיך און אַנטלויפט פון צימער... זי כאַפּט
זיך אַרויס פון הויז. דער רעגן האָט ווייך געמאַכט די לופט, און
וואו ניט וואו בלויז רינען טראָפּנס פון די דעכער. זי גייט אַוועק
צו פאַליען. דאָרט טראַכט זי וועגן אַלץ וואָס זי האָט מיטן טאַטן
גערעדט. זי טרינקט טיי מיט פאַליען, און רעדט צו איר נאָר דאָס
נויטיקע.

אין האַרצן פרייט זי זיך, וואָס זי האָט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט
וועגן אַנטאָנען.

פאַליע וויל ניט, אַז זי זאָל צוריקפאָרן אין דאָרף. — וועסט זיין
ביי מיר דעם גאַנצן ווינטער! — אַזוי זאָגט אַוראָם. — דו וועסט
זיין מיט אונדז, און מעגסט שוין ברענגען דיינע זאַכן.

* *
*

דורך פאַליעס מאַן, אַוראַמען, האָט זיך שיפּרעלע ווינטער באַ־
קאַנט מיט דעם יונגן נאַבאַרשטשיק פון לעווינס דרוקעריי — מיט גרי־
שאַ גריקסונאַוו. ער דאַרף זיך צושטעלן צום פּריזיוו. שוין איין־און־
צוואַנציק! איז — וויל ער „אַנטלויפן”.

זיין מוטער איז שוין לאַנג אין אַמעריקע, געגעט פון זיין פאָ־
טער. האָט זי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דעם עלטערן ברודער זיינעם,
יאַשען, אויך צוגענומען — איידער נאָך ער האָט זיך „צוגעשטעלט”.

יאַשע שרייבט אַז אַמעריקע איז גענוג גרויס. און ניקאָליי (דער
צאַר) וועט זיכער ניט אומגליקלעך ווערן אַן זייביידן.

שיפּרעלע האָט איר נאָדן געקראָגן פון סלאַווינען — אויף אַ

שיפסקארטע... און גרישא, ער האט זיין געלט פון זיין מוטער. גרייטן זיי זיך ביידע צו א נייער, אומבאקאנטער וועלט.

אלע האבן איצט גערעדט צו שיפרעלען אזוי, ווי אן איר וואלט אנגעהאנגען זייער גליק: — פאר, קוק זיך אום, דער זעלבער גאט איז אומעטום. וועט דיר געפעלן, איז גוט. אז ניט, וועסטו צוריקקומען.

עס געפעלן איר די פאר ווערטער, וואס מען רעדט אין איר אריין: „גאט איז אומעטום"...

— דער פאפאשא איז נעכטן ארוים מיט א נייער כאכמע — רעדט שיפרעלע צו זיך אליין. — ווען מען לאזט אים פארן דעם ערשטן, וואלט געווען די גלייכסטע זאך. ער וואלט זיך גלייך באקענט מיט יאנקעוו שיפן, וואלט אים קיין געלט ניט געפעלט. מען זאגט, אז יאנקעוו שיף העלפט ארוים צאר ניקאלייען, אז אין דער רוסיש־יאפאנעזישער מילכאמע האט שיף „אריינגעלייגט" מיליאנען...

היינט אז ער דערזעט א פרומען אידן, וואס אין אמעריקע דארף מען עס זוכן מיט ליכט, גיט ער אים אוועק א פארמעגן מיט געלט...

שיפרעלע לאכט: דער פאפא איז טאקע זייער א פרומער, און זי צווייפלט ניט, אז אין אמעריקע איז גאר ניט צו געפינען אזא ווי איר פאפא... אבער אז יאנקעוו שיף האט געגעבן געלט דעם קייסער, און דער קייסער איז דאך ניט קיין איד, איז — ווייסט זי ניט ווי ארויסצוקריכן...

דורך די נעכט טראכט שיפרעלע פון אט דער אמעריקע. וואס איז דאס אזוינס? זי שוידערט: ווען אין אמעריקע איז נאכט, איז אין קיעוו טאג... מען זאגט, אז אלץ איז דארט פארטרונקען מיט וואסער, און עס געפינט זיך אונטער דער ערד. מענטשן זיינען דארט זוי ווי מורעשקעס. קיין אויוון, וואו צו קאכן, אדער אויסצוווארימען ...ד, איז ניטא. קוואשע צו מאכן, איז דאך אפגערעדט. און מען ...ורט דארט אויף די דעכער...

זי וואלט שוין גערן געווען צו זיין דארט. די שיף מוז זיין אזוי גרוים ווי דער יאם. אנדערש וואלט דער יאם זי דאך איינ־געשלונגען. זי וואלט שוין גערן געווען זען ווי מען לעבט דארטן און זי וועט זיכער גיין אין שול אריין זען יאנקעוו שיפן, און זי וועט דעם טאטן וועגן דעם שרייבן.

דערווייל איז זי אין איין ציטערניש מען זאָל קיין בייז וואָרט ניט רעדן אויף אַמעריקע.

דאָס ערשטע וואָס שיפּרעלע האָט אַ טראַכט געטאָן, איז פאַרן געזעגענען זיך מיטן דאָרף. זי האָט גרישאַן היים אָנגעקושט און איז אַריין אין וואַגאָן.

* *
*

צו היים זיינען געוועזן די קושן און טרערן וואָס האָבן זי אין דאָרף באַגעגנט. כאַסיעלע האָט איר שוין געקושט פאַר דער מומען אויך. געשטאָרבן די מומע אין מיטן ווינטער, און זי האָט געבעטן, זי זאָל אירע קושן שיפּרעלען איבערגעבן.

היליע האָט זיך אָפּגעוואָוינט פון אירע אָפּטע בריוו, איז ער שטיל ארומגעגאַנגען און געקוקט אין דער ווייטקייט אריין.

האָיאָר איז דער גויעשער פּייסעך מיט דעם אידישן צוזאמען. פּונקט זיינען די צוויי טעג אריינגעפאַלן אין די גויעשע הענט.

די ווייסע שטיבעלעך מיט די געלע פּריזשבעס שיינען איינע לעבן די אַנדערע. איינע איז ריינער פון דער צווייטער. שטייען שטאָלץ זייט ביי זייט און ווי זיי וואָלטן קאָנקורירט איינע מיט דער צווייטער.

אין דרויסן איז וואַרים. אַ נייעם גלאָק האָט מען צוליב יאָנטעוו אויפן קלויסטער ארויפגעצויגן. די זון שיינט און דער גלאָק גלאַנצט פאַר מיילן ווייט. די פּויערים גייען מיט פּאַרריסענע קעפּ און קוקן אויפן קלויסטער, ציילעמען זיך און ווינטשן לאַנגע יאָרן דעם שיינענדיקן גלאָק.

שיפּרעלע שטייט אין אַ ווינקל ווייט באַהאַלטן אין הויף אוי געזעגנט זיך מיטן דאָרף. שטיל ווײנט זי. עס גייען פאַרביי אי אַדורך אַלע אירע טעג וואָס זי האָט דאָ פאַרבראַכט. דאָ, וואו זי האָט קיין איין אומגליקלעכן טאָג ניט געהאַט. זייערע כאַסענעס גע־פּראַוועט. זייערע לעוואָיעס נאָכגעגאַנגען. אומעטום איז זי דאָ גע־ווען. איצט פאָרט זי אויף אייביק פון דאַנען...

דער נייער גלאָק פון קלויסטער האָט זיך גענומען הוידען און קלינגען. זי האָט אַ ציטער געטאָן. קיינמאָל האָבן די אַלטע היי־

זעריקע גלעקער אַזוי הילכיק ניט געקלונגען. עס איז פאַר איר געווען נאַטירלעך אַז אַ גלאָק דאַרף קלינגען. אָבער היינט איז אַנדערש. היינט הערט זי דעם גלאָק צום לעצטן מאָל...

כאַסיעלע איז פאַרנומען. זי באַקט געבעקס פאַר איר מיטצונעמען אין אַמעריקע. זינט די מומע איז געשטאָרבן, איז כאַסיעלע פאַרבליבן די גאַנצע באַלעבאָסטע. זי ווייס וויפיל הילע לעבט אַדורך, זינט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז שיפרעלע פאָרט אוועק אין אַמעריקע. כאַסיעלע האָט מיט אים גערעדט, געטרייסט אים, אַז שיפרעלע איז נאָך אַ יונגע: זי וועט נאָך צוריקקומען. אָבער ער האָט עס געמאַכט קאַלט, קלוימערשט: ער וויל סיי־ווי־סיי ניט כאַסענע האָבן... ער וויל פאַרבלייבן אַ באָכער ווי זיין פעטער העסיע.

כאַסיעלע האָט געוואוסט אַסאַך מער ווי ער זאָגט איר. זי ווייס זיין עלנט. אָן אַ מוטער. די מומע אוועק. שיפרעלע דערוויטערט זיך, אפשר אויף אייביק. אָבער איצט איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. זאָל נאָר דאָס געבעקס געראָטן...

שיפרעלע האָט דערזען, אַז מען גייט שוין פון קלויסטער, איז זי אַריין אין דעם הינטערשטן צימער, האָט זיך צונויפגעדרייט אויף דער קושעטקע ביים פענצטער און געקוקט און באַגלייט יעדן...

פלוצלונג האָט זי אַ געשריי געטאָן און איז צוגעשפרונגען צום פענצטער, זיך צוגעדריקט מיטן שטערן צום שויב און זיך קוים געהאַלטן אויף אירע פיס.

זי האָט דערזען אַנטאָנען מיט זיין ווייב גייענדיק פון קלויסטער. הילע האָט איר דערציילט, אַז ער האָט כאַראָטע געהאַט, ניט געוואָלט וואַרטן ביז ער וועט אַרויס פון פריזיוו. זינט זיין שוועסטער האָט כאַסענע געהאַט, האָט געפעלט אין הויז אַ האַנט צו אַרבעטן, און די מאַמע, די אַלמאַנע, האָט אים ניט געגעבן קיין רו — האָט ער געמוזט כאַסענע האָבן...

אַנטאָן גייט לאַנגזאַם. די ווייב — אַ הויכע, אַ געזונטע. שיפרע קען זי ניט. זי איז פון אַ צווייטן דאָרף. זי קוקט אויף אים ווי שיין און געזונט ער איז. ער זעט אויס ווי שעווטשענקאָ (אַן אוקראַאינישער דיכטער) ... אַלס קינד האָט זי שעווטשענקאָס בילד געזען ביי זיי אויף די ווענט אויף אַ קאַלענדאַר. שפעטער האָט זי געלייענט זיינע זאַכן, און איצט זעט זי אים אין אַנטאָנען...

ארויסגיין וויל זי איצט ניט. ערשטנס, זיין ווייב; צווייטנס, האָט זי אַפילע ניט געטראַכט פון אים. לעצטנס, און איצט, אַז זי פאָרט אוועק, לאָזט זי איבער עפּעס הייליקערעס פון אַנטאָנען.

צוויי לעצטע טרערן קייקלען זיך ארונטער אויפן פענצטער. אַ זיפץ רייסט זיך ארויס און אַנטאָן האָט זיך אין אַ געסל אריינגעדרייט.

* *
*

דער ווינטער האָט זיך גראד פרי געשטעלט און זיך לאַנג פאַר־צויגן. אויפן באַפעל פון ווינטערדיקן גאָט ווערט האַרט די ערד; עס שפּרייט זיך אויס די ווייכע פּוכאָווע קאָלדרע פון אויבן. די פענצטער פאַרפּוצן זיך מיט די שענסטע אוזאָרן. די אוזאָרן זיינען אַזוינע גרויסע און געדיכטע, אַז די פענצטער פּלאַצן. און היינטיקן ווינטער איז דער ווינטער גאָט בייזער ווי אַלעמאָל: עס וויל ניט ווערן וואַ־רימער. עס נעמט לאַנג ביז די ערד ווערט ווייך און באַפרייט זיך פון דעם שניי און אייז. עס נעמט לאַנג ביז די פענצטער הויבן אָן אָפּ־גיין.

אויף אַ קליין צימערל איז דער ווינטער מער בייז ווי אויף אַלע־מען. יענער צימערל האָט ניט קיין וואַרימע באַהייצונג. בלויז איין פענצטער, און דער פענצטער איז דעם גאַנצן ווינטער בלינד פון די ווייסע אוזאָרן, וואָס דער פראָסט האָט אויסגעמאָלען, און ניט אויס־האַלטנדיק די קעלט, האָט ביי אים דאָס האַרץ געפּלאַצט...

דער פענצטער, הייסט עס, האָט זיך צעשפּאָלטן אויף דער העלפט. מיט קונציקע מיטלען האַלט מען נאָך אויף זיין האַרץ, פּונקט ווי מען האַלט אין יענעם צימער אויף דאָס יונגע לעבן פון שיפּרעלען, וואָס דאַרף באַלד ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט.

שוואַך ליגט זי שוין טעג און נעכט און מאַטערט זיך. שרייען איז שוין מער קיין קויכעס ניטאָ, און עס העלפט ניט. אַ שווערער האָבן, און פאַר דער צייט. דאָס קינד אונטערן האַרצן וויל געבוירן ווערן. ער מאַטערט זיין צוקונפטיקע מוטער. ער טוט איר וויי. ער פּראָטעסטירט וואָס מען האַלט אים אויף צו לאַנג. און אַלע ווילע טוט ער אַ קלאַפּ זיין מוטער מיט די הענט און מיט די פיס אין אירע אויסגעמאַטערטע זייטן.

פון זיינע קלעפּ פאַרגרעסערן זיך אירע יעסורים און זי פאַלט אריין אין אַ קאַנוואולסיע.

זי בעט גאָט, עס זאָל זיך שוין פאַר איר ענדיקן דאָס לעבן. זי הערט און זעט און פאַרשטייט. זי איז אַ גרויסער כווילע, און קיין קויבעס האָט זי ניט. אין צימערל איז שרעקלעך קאַלט. די פענצטער — פאַרשטעלט מיט אַ קישן. דער געז־דער ברענט בייטאָג און ביי־נאַכט: זאָל זיין וואַרימער אין צימער. דער געז־דער האָט קיין גלעזל ניט, נאָר אַ שאַרפער פייערל זיצט אין ברעג פון רער. דער געז שמעקט און ליגט זיך דער קראַנקער אויף יעדן אייווער.

זי ליגט איינגעדעקט מיט איר פערענע און קישנס און האַלט אין אירע הענט איר קליין, פול בויך, וואו עס ליגט איר צוקונפטיקער קינד.

ווען די שמערצן לאָזן איר אָפּ, נעמט זי אריין אין אירע הענט דעם קינדס הענט און פיס און פילט זיין קאָפּ. ער צאַפּלט זיך... ער דרייט זיך און זי שמייכלט פריידיק. ווי זעט ער אויס? אַלעמאָל פלעגט זי זאָגן: „ער". זי האָט זיך געריכט אויף אַן אינגעלע.

— גאָט, שענק מיר מיין לעבן! איך וויל זען מיין אינגעלע! איר הארץ האָט איר געהאָלפן וויינען. אָפט האָט זי געטראַכט פון איר מו־טערס קימפּעט:—איך וועל שטאַרבן אזוי ווי מיין מוטער פון מיינעם...

— ניין, ניין! גאָט דערלאָז ניט! מיין מוטער האָט געזען עטלע־כע קינדער אירע, און איך וויל זען מיין אינגעלע, כאָטש. פאַרוואָס בין איך קראַנק? פאַרוואָס מוז עס אזוי וויי טאָן, ווען אַ קינד ווערט געבוירן? זע, קיינער האָט מיר ניט געזאָגט. קיינער האָט מיר ניט דערציילט פון גאָרניט. אַליין אָט־דאָ אין דעם קאַלטן צימערל שריי איך און מאַטער זיך, און איך ווייס ניט וואָס עס וועט זיין...

זי פאַרמאַכט אירע אויגן, און ווי שטאַרק זי זאָל זיי ניט פאַר־מאַכן, קייקלען זיך דאָך די טרערן פון זיי. שטום רופט זי איר מוטער צו הילף. אירע שוועסטער און כאַסיעלען... היליען... און פאַליען, וואָס האָט אזוי געוויינט ווען דער צוג האָט זיך מיט שיפּרעלען פון דער פּלאַטפאָרמע געריירט. זי עפנט די אויגן און קוקט אויף אַ בילד, וואָס הענגט איבער איר בעט. אירס אַ בילד. זי שטייט אין אַן אוקראַיִנישן קאָסטיום און האַלט אַ פייגעלע אין די הענט און גיט עס

קערנדלעך צו עסן. דאָס בילד האָט איר גענומען מענדעלסאָן, דער פּאַדריאַטשיק, וועלכער האָט געבויט די „אוטשילישטשע" אין דאָרף.

די „אוטשילישטשע" איז ערשט פאַרטיק געוואָרן. עס איז געווען זונטיק. מען האָט אָנגעטראָגן פיל בלומען, ביימעלעך פאַרפלאַנצט אונטער די פענצטער. זי אַליין האָט דאַן פאַרפלאַנצט אַ גערינקע „גוואָזדיקע". מענדעלסאָן האָט געגעסן ביי דער מומען די גאַנצע צייט וואָס די „אוטשילישטשע" האָט זיך געבויט. מענדעלסאָן און דער אוריאַדניק, יעוודאָקים ניקאָלאַיעוויטש, און דער סטראַזשניק, אוואַם וואַסיליעוויטש, פלעגן זיין טאָג און נאַכט אין הויז.

דעם אוריאַדניק און דעם סטראַזשניק קען זי נאָך פון קינדוויז אויף. דער אוריאַדניק האָט זי גערופן: „קליינע זשידאָוואָטשקאַ", און ער פלעגט נאָר טרינקען טיי, ווען זי פלעגט אים דערלאַנגען. זי האָט מורא געהאַט פאַר זיינע מעשענע קנעפּ, פאַר דער סאַבליע, וואָס פלעגן הענגען ביי זיין זייט. נאָר דער קאַרטוז מיטן רויטן אָקאָלישעק האָט זי ליב געהאַט.

מענדעלסאָן און דער אוריאַדניק באַלעבאַטעווען. זי איז אָנגעקומען אין אוקראַינישע קליידער, האָט צוגעהאָלפן. מען האָט אריינגעטראָגן קאַנאַריקלעך, און „שטשיגאָלשטשיקעס" — מער פון אַלע.

עטלעכע קלעזמער האָבן אויפגעשפּילט: „גאָט, היט דעם צאַר". מיט פאַראַד האָט מען אריינגעטראָגן די בילדער פון דעם צאַר מיט דער צאַרינע מיט דעם קרוין־פּרינץ, און אַלע האָבן זיך שטייף אויפגעשטעלט, אָפּגעגעבן „טשעסט" און ווידער געזונגען דעם „גאָסודאַרסטווענעם" הימן. זי האָט מיטגעזונגען...

דערנאָך ווען מען האָט אָנגעהייבן פאָטאָגראַפירן די „אוטשילישטשע" פון אַלע זייטן, אפילו די „גוואָזדיקע" אירע, האָט מען אויך פאָטאָגראַפירט. וויפיל פרייד זי האָט דאַן דורכגעלעבט!

מען האָט פאָטאָגראַפירט דעם כאָר, דעם גאַלעך — אַלע, אַלע וואָס האָבן זיך געפונען. מענדעלסאָן האָט געהייסן איר זיך שטעלן ביים אריינגאַנג פון „אוטשילישטשע" און מען האָט זי פאָטאָגראַפירט. הילע איז געשטאַנען דערביי און האָט אָנגעקוואָלן... אַלץ איז איצט אַזוי ווייט פון איר, אַזוי פרעמד...

זי וויל גאָרניט גלויבן, אַז אויפן בילד איז זי. זי וויל גאָרניט גלויבן, אַז זי האָט עס דאַן אַזוי געשמייכלט און געקוקט אויפן פייגעלע. און האָט זי דען דאַן געטראָגן אָט דעם אויסגענייטן קאָסטיום?

זי ווערט פאַרוואָרפן מיט פראַגן. עס איז איר אַלץ אַזוי אומגלויבלעך, אַזוי ווייט: וואו קען איצט זיין דער קאַנאַריקל, וואָס זי האָט דאַן געהאַלטן? אַזא וויכינקע פייגעלע! ער האָט אַזוי שנעל געפּיקט די קערענדלעך פון איר האַנט!...

זי צענעמט ביידע הענט, קוקט אויף זיי. אין דער לינקער האַנט האָט זי די קערענדלעך געהאַלטן; אין דער רעכטער — דאָס פייגעלע, שטייף אירע פליגעלעך געפּרעסט. זי גיט אַ קוק אויפן בילד און צעוויינט זיך — מיט ווייטיק און בענקשאַפט...

— אוי, מוטער! — מורמלט זי. — אוי, פאָטער! מיינע טייערע שוועסטער! ווי ווייט איך בין פון אייך, ווי עלנט איך בין! ווי קראַנק איך בין! איך וועל שטאַרבן! איך וועל שטאַרבן אין אַ פרעמד לאַנד... גאָט, גיב מיר מיין קינד! איך וויל אים ניט איבערלאָזן. ער וועט זיך מאַטערן ווי איך אַמאָל... איך קען אים ניט איבערלאָזן...

די לעצטע ווערטער שרייט זי אויס הויך. אַ קאַלטער שווייס טרעט אויף איר אַרויס. אַלע האָבן דערהערט איר געשריי, און זי קוים צו זיך געבראַכט...

* *
*

די וועלט־מילכאָמע ענדיקט זיך ניט. פאַראַן אַזוינע, וואָס עס לוינט זיך זיי, אַז בלוט זאָל זיך גיסן, אַז מענשן זאָלן פאַרפאָלגט ווערן, אָפּגעריסן ווערן איינער פון צווייטן, פאַרפרעמדט ווערן, שאַפן גזיירעס, אַרויפציען מעקעך — און זאָלן די מענטשן, אַלע וואָס לעבן, און די וואָס ווילן ניט קיין מילכאָמע, זיך מאַטערן...

שוין אַ פּאָר יאָר ווי שיפּרעלע שרעקט זיך אַ קוק געבן אויף אַ בריוון טרעגער. באַווייזט זיך אַ בריוון טרעגער, קערט זי אָפּ דעם קאָפּ אַירן. צו וואָס? אַלע אירע בריוו זיינען ערגעץ אַוועק אין יאַם אַריינגעפאַלן. אָדער פּאָשעט אונטערגעגאַנגען מיט די געזונ־

קענע שיפן, אדער ניטא קיין צייט צו פארנעמען זיך מיט אירע בריוו...

די ערשטע בריוו וואס זי האט געשריבן זיינען געוועזן שווער ווי בליי. ווי אזוי דען אנדערש? זי האט געמוזט אויסשרייבן ווי איר זונעלע זעט אויס. אויסשרייבן זיינע כאכמעס, אויסשרייבן זיין בלאנדן קאפ, זיינע בלויע אויגעלעך, זיין שפראך, וואס קיינער פארשטייט נאך ניט, נאר זי.

שפעטער אביסל זיינען די בריוו געווארן לייכטער און גאר שפעטער—דארע ווי שפענער. זונעלע, וואס זאל מען זיי שרייבן: ווי שלעכט אונז איז? א ראכמאנעס אויף זיי! זיי איז ערגער. — פלעגט זי האלזנדיק איר אינגעלע רעדן צו אים. — ווארט, זונעלע, זאל נאר ווארימער ווערן, וועט די וועלט אויפשיינען. די מילכאמע וועט זיך אפשטעלן, מענטשן וועלן פרייד געניסן. זייערע אומגליקלעכע וועלן פון שלאכטפעלד קומען, און דאן וועלן אונדזערע בריוו זיכער אהין אנקומען. איך שרייב זיי קימאט יעדע וואך, און זיי וועלן דאך עפעס זיכער קריגן.

דאס קינד האלט זיין קעפל אויף איר שולטער, און זי שפאנט אזוי איבערן צימער, גלעט אים און רעדט. דאס קינד, ווי עס וואלט פארשטאנען, שוויגט, ווי ער וואלט זיך צוגעהערט. פון דער מוטערס צערטלעכקייט ווערט ער אנטשלאפן...

אין אנפאנג פון ווינטער האט זיך די מילכאמע געענדיקט. שיפרעלע האט ניט געטראפן, אז די מילכאמע וועט זיך זומער ענדיקן, יענער זומער אויף וועלכן זי האט געהאפט, איז אוועק אין גרויסע שלאכטן. ערשט נאך די יאנטויווים האט זיך די בלוט־באד אפגעשטעלט.

* *
*

די געשרייען פון די צייטונגס פארקויפער האבן פארהילכט די שטאט. די קלעזמער און מארשירנדיקע האבן טויב געמאכט יעדן. די שטיקער שמאטעס און אלערליי געצייג, וואס מען האט צוגעבונדן צו יעדן וואגן, אויטאמאביל — אפילע קינדערשע וועגעלעך, האבן נאכגעשלעפט מעשענע און קופערנע און בלעכענע קיילים. עס האט אויסגעזען ווי די וועלט וואלט פון פרייד פון זינען ארונטער.

* *
*

אין דעם פרײַדיקן יאַריד איז שיפּרעלעס זונעלע אויסגעגאַנגען. פּוסט זײַנען שיפּרעלעס הענט. שטום — די ליפּן, טויט־בלאַס — איר פּנים. זי וויינט ניט. שפּאַנט איבערן צימער און טראַכט פון גאָרניט. געװעדט צו איר זונעלע וועגן פרײַדן און פרײַד. ער פלעגט זיך צוהערן און אײַנשלאָפן.

* *
*

איצט — פרײַדן איז געקומען! — און האָט איר פרײַד צוגענומען. אַליין שטיל ווי אַ טויב, האָט זי דעם ווינטערס נעכט געניאַנטשעט. אַזעלכע שווערע, לאַנגע נעכט. פּוסטע. ניטאָ וועמען אויף די הענט צו האַלטן. ניטאָ וועמען צו גלעטן. און דאָס קעפּעלע וואָס האָט איר שולטער געוואַרעמט, איז קאַלט און טויט. און דאָס הערצעלע, וואָס פלעגט צערטלעך קלאַפּן — אין אַ קליין קייווערל...

* *
*

און אַ נײַער זומער איז אָנגעקומען. גרישע האָט געמאַכט אַלע נויטיקע זאַכן פאַר זײַן שיפּרעלעס אָפּפאָרן, זיך זען מיט אירע על־טערן, מיט די וואַרימע זוניקע טעג, האָט זיך שיפּרעלעס האַרץ גע־היילט מיט דעם געדאַנק צו זײַן דאָרט פון וואַנען זי קומט, פון וואַנען זי האָט אַזויפיל יאָרן קיין בריוו ניט געהאַט, האָט אין איר פרײַד פאַרזיײַט.

* *
*

איר גרייטן זיך צו דער רייזע איז געווען אַ שטיפערישער. זי האָט אַפילע קאָקעטירט ביים שפּיגל, זיך אָנגעטאָן און אויסגעטאָן, געמאָסטן די נײַע זאַכן, געשפּילט זיך ווי אַ קינד מיט די באַשיידענע מאַטאָנעס וואָס זי וועט פירן פאַר יעדן.

* *
*

צערטלעך־דאַנקבאַר איז זי גרישען פאַר דעם, וואָס ער האָט איר אײַנגערעדט צו מאַכן די רייזע. נאָך מער דאַנקבאַר פאַר דעם

אַלעם איידער פאַר דעם, וואָס ער האָט מיט איר באַסענע געהאַט...

ווען זי און גרישע זיינען אָנגעקומען צו זיין מוטער אין אַמע־ריקע, האָט זי פון דער אויסגעשריבענער „רייכקייט" צו גרישאַן אין די ברייוו דערזען דעם עמעס. דאָס געלט פאַר גרישאַס קומען אַהער האָט מען גענומען אויף אויסצאָלן... גרישאַס ברודער איז אומגעגאַנגען ליידיק, און זיין מוטער איז געווען אַ נייטאָרין מיט ווייניק אַרבעט.

גרישאַ האָט קיין אַרבעט ניט געפונען. אין לאַנד איז געוואָרן ערעוו מילכאָמעדיק, האָט מען זיך אַריינגעצויגן צו גרישאַס מאַמען, אין דעם קאַלטן צימער, וואו זי האָט איר זונעלע געבוירן...

איצט וואוינען זיי פאַר זיך. גרישאַ אַרבעט אין אַ דרוקעריי, שוין אָפּגעשפּאָרט עטלעכע דאָלער, און שיפּרען דוכט זיך, אַז זי איז די ערשטע צו פאָרן איבערן יאַם נאָך דער מילכאָמע...

* *
*

היינט, ווען דער ערשטער בריוו איז אָנגעקומען צו איר פון איר פאָטער, האָט זי עס איינגאַנצן איינגעשלונגען. זי האָט געקוקט אויפן בריוון־טרעגער ווי אויף אַ מאַלעך. זי האָט אים געוואָלט קושן.

דעם בריוו האָט זי גענומען אין האַנט ווי אַ הייליקע זאַך. די מאַרקע האָט ווי אַ שטיק בריליאַנט געלויכטן אין אירע אויגן. דער בריוו איז געווען אַ שווערער — עפּשער צוואַנציק זייטן.

דער טאַטע שרייבט. ער רופט זי: „מיין טאָכטער". אַזויפיל יאָרן ניט געהערט די צוויי ווערטער. הייסט עס, אַז איך בין עמיצנס אַ טאָכטער! — שרייט זי אויס. אַלע גריסן דיך. אַלע קושן דיך. אַלע, ווי איינער, ווילן דיך גיכער זען...

עס איז דאָ אַזויפיל נייס אין דעם בריוו, אַז עס גלויבט זיך ניט. דער טאַטע באַשרייבט די לעצטע רעוואָלוציע...

די רעוואָלוציע איז אַ געזונטע אָפּעראַציע. — — —

ווען דו זעסט אונזער שטעטל, וואָלסטו עס ניט דערקענט. דער צאַר מיט דער צאַרינע מיט פּיאָטר דעם גרויסן, וואָס זיינען צענד־ליקער יאָרן געהאַנגען אויפן וואַנט, געדענקסטו דאָך? — האָט אונזער סטעכע אויסגעהייצט מיט זיי די הרובע.

די ווייסע הויז אונזערע מיטן פּאַראַדנעם כאַד, וואָס די הויז איז געווען מיינע און די ערד פּרעמדע, — האָט מען מיר געזאָגט, אַז די ערד וועט שוין איצטער קיינער ניט מאָנען. און צו קיין פּאָגראָמען לאָזט מען ניט צו, כייעס ניט זיכער!

היינט וואָס מען האָט דאָ צו טאָן מיט דעם צאַרס נאַטשאַלסטווע, קען מען מיט קיין טינט ניט אויסשרייבן. נאָר אַלע זאָגן, וויפיל זיי האָבן געקראָגן, איז נאָך אַלץ ווייניק.

ווען מען וואָלט זיי אַלע טאָג געקענט צוריק לעבעדיק מאַכן און ווידער באַצאָלן זיי פאַר די צאָרעס וואָס זיי האָבן אונדז אָנגעטאָן, וואָלט איך זיך מאַמעש מעכאַיע געווען.

זשוקאָוון, דעם געשטופּלטן נאַדזיראַטעל, געדענקסטו? דער וואָס איז געווען קראַנק אויף געלזוכט, און איז ניט געשטאָרבן? אים האָט מען אין מיטן מארק דערשאָסן. ער איז געווען איינגעשריבן ביי די ראַבאָטשע אין אַ שווארצן ביכל.

נאָך פון ניינצן הונדערט פינף פאַרשלעפּן זיי פון וואָקזאַל אין די טורמעס, צוגעבונדן צו די פערדישע עקן, און ער, דער גראָבער הונגט זשוקאָווע, יימאַך שמוי וועזיכרוי, איז אין אַ שליטן זיך גע־זעסן און געפאָרן אין פאָרויס, באַגלייט פון קאָזאַקן, מיט הוילע שאַשקעס.

און פאַרוואָס האָט מען זיי געשלעפּט? ווייל דער שיקער ניקאָ־לייקע האָט אונטערגעשריבן „סוואָבאָדע" שיקערערהייט און ניכטע־רערהייט האָט ער כאַראָטע געהאַט און געהייסן מאַכן פּאָגראָמען, און די „ראַבאָטשע" (אַרבעטער) פון וואָקזאַל, פאַר זייער פרייען זיך מיט דער „סוואָבאָדע", — שמייסן ווי הינט און שלעפּן אין טורמע...

און זשוקאָווע האָט געפּאָלגט און געמאַכט פּאָגראָמען, און קאָ־לערליי צאָרעס אָנגעטאָן. און דעם בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיך אין קאַנצעלאַריע וועגן ביילים פּראָצעס — דער בוך, אַ געזונטער, אַ גראָבער, אַ פולער מיט ליגנס און מיט אַ גרויסן אויפשריפט: „דיע־לאָ יוטשינסקאַוואַ" — האָט מען פאַרברענט.

היינט וואָלסטו אָנגעקוקט די אוראַלער קאָזאַקן, וואָס האָבן גע־טראָגן די הויכע שווארצע היטלען מיט די פּאַטראָנעס און די לאַנגע מונדירן!

און די דאָנער קאָזאַקן מיט זייערע גרויע שינעלן און גרויע

היטלען מיט די רויטע בענדלעך, וואָס מען האָט געציטערט פאַר זיי־ער נאַהאַיקע מער ווי פאַר דעם צאַרס באַפעלן, — ווען דו זעסט זיי איצט, וואָלסטו געמיינט, אַז עס זיינען מעשיעכס צייטן.

היינט די באַרישניעס די רייכע, וואָס האָבן געהאַט לעבן זיך טאָג און נאַכט דינסטן מיט ניאַנקעס און אַליין האָבן זיי געפוילט פאַר וואוילטיק, — דאַרפסטו זיי אָנקוקן: געזונטע, נוצלעכע ראַ־באָטניצעס! און אַז זיי דערזען אַ געוועזענע דינסט זייערע, קושן זיי זיך מיט איר און רופן זי: „טאָוואַרישקאַ"...

אָט לעניין — ער האָט דאָס אָנגעאַרבעט!

דו דאַרפסט לייענען וואָס ער האָט אָנגעטאָן אין צאַרסקאָיע סעלאָ פון די פּאַלאַצן, וואו ניקאָלאַי איז געזעסן און אויסגעטיילט צאָרעס...

מען זאָגט, אַז ביי אונז איז אַן עמעסע אַמעריקע!

אַזוי ווי ביי אייך אַ פּרעזידענט — ביי אונדז, אַ פּרעזידענט.

אַזוי ווי ביי אייך, אַזוי ביי אונדז — אַ „רעפּובליק"...

אַזוי ווי איר זאָגט אַלעמען „דו", אַזוי ביי אונדז. אַן עמעסער אַמעריקאַנער גאַניידן.

נאָר מען זאָגט, אַז אַמעריקע איז אַביסל רייכער פון אונדז...

נו, זאָל זיין אַזוי. וועסט קומען, וועסטו זיך מעכאַיע זיין...

* *
*

אַ סאַך מאָל האָט זי דעם פּאָטערס בריוו געלייענט און זיך גע־וואונדערט: אַן איבערקערעניש! דער פּאָטער האָט זיך געביטן! אַן אַלטער איד — אַ קליינשטעטלדיקער... דאַכט זיך דאָס גרויסע בילד פון פּיאָטרן האָט קיינער ניט געטאָרט אָנרירן, און טאָמער האָט עמיצער ניט ווילנדיק געגעבן מיטן טיר אַ צו שטאַרקן קלאַפּ און פּיאָטר האָט זיך אויפן וואַנט אַ שאָקל געטאָן, האָט מען גע־מוזט אַנטלויפן פאַר אַ ווײַלע פון הויז, אום ניט זען דעם פּאָטערס בייזע אויגן, זיין מורמלען, און ווי אַזוי ער פלעגט צערטלעך אויס־גלייכן פּיאָטרן אויפן וואַנט...

און ניקאָלייען מיט זיין ווייב פלעגט סטעפע שייערן מיט „זיסע זאַלץ" — אַזאַ פּוץ־מיטל וואָס פלעגט מאַכן שיינען די ראַ־מען מיטן גלאָז — האָט סטעפע אַליין אין הרובע אַריינגעוואָרפן...

סטעבע, האָט דאָס אזוי געטאָן? זי, וואָס האָט זיך געציילעמט ווען זי פלעגט זיי שייערן, האָט דאָס געטאָן?...

הענט און פיס האָבן שיפרען געציטערט פון די בריוו. זי קאָן זיך נאָך אַלץ ניט פאָרשטעלן. זי איז גערן זען דאָס שטעטעלע. זי איז גערן זען די נייע אָרדענונג, פון וועלכער אָ וועלט רעדט גוטס און שלעכטס...

זי וואָלט געוואָלט זען דאָס שטיקל פּלאַץ, אויפן וואַנט, וואו די, „געקרוינטע זאכן" זיינע געהאנגען.

זי וואָלט געוואָלט זען די „נייע", וואָס האָבן געליטן פון דער שרעקלעכער מילכאָמע און האָבן אָ נייע אָרדענונג געמאַכט. עס איז אַלץ אזוי פרעמד, אָזוי ניי...

געבכט פון כאַלוימעס...

אָט זעט זי זיך אין דער היים. זי פילט ווי זי פאָרט אויף דער גרויסער שיף. ווי די שיף שאָקלט זיך פון די גרויסע כוואַליעס. זי זעט זייער קלאָר די כוואַליעס, דאכט זיך ווי דער גאַנצער יאַם...

דערנאָך זעט זי זיך אין דער היים...

עפּעס אַנדערע זיינען זיי אַלע: אזוינע קאַלטע. אזוינע פרעמ־דע. אזוינע פאַרנומענע...

און אויף איר קוקט איר אייגענע שוועסטער מיט פרעמדע דערווייטערטע בליקן. דער פּאַפּאַשאַ איז קאַלט... די נויט שיינט. זי פילט אין שלאָף ווי דער טאַטע בויגט זיך אָן שטילערהייט און פרעגט איר צו זי קאָן עסביישטייערן — עפּעס איבערלאָזן, אַז די קינדער זאָלן ניט ווייסן... צופיל געבן קאָן זי ניט. זי האָט אפילו אין שלאָף געפילט דאָן, אַז זי קאָן ניט געבן קיין סאך, און עפּשער האָט דאָס די שוועסטער אזוי בייז אויף איר געקוקט פאַרוואָס זי האָט גאָרניט געגעבן...

צוביסלעך ווערט די נייע אָרדענונג ביי איר אין געדאַנק אויס יאָמטעוו. אין ניקאָלייעס צייטן איז יעדערער געווען פריינ־דלעך ביי איר אין הויז. מען איז געפאָרן איינער צום אַנדערן, ווען עס האָט זיך געגלוסט. בלויז אָ קליינעם „פּאַדראַק" האָט יע־דערער געבראַכט...

* *
*

אין דעם שטעטל איז יאָמטעוו.

ווער קומט דען ניט זען שיפּרעלען? ווער קומט דען ניט אָפּנעמען גרוסן? ווער כידעשט זיך ניט ווי שיפּרעלע האָט זיך געביטן?

קיין גרוסן צו קיינעם האָט זי ניט געהאַט. זי האָט קיינעם ניט געקאָנט, און דערפאַר קיין גרוסן ניט געבראַכט.

דער טאַטע טרעט ניט אָפּ פון איר. אַלט און איינגעבויגן, אין אַ שוואַרצן סורטוק, מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, אַ ווייסע באָרד, אַ בלאַסער, אומעטיקער פּאָנים און האַלב פאַרמאַכטע אויגן...

אַז ער שמייכלט, ווערן די אויגן פול מיט טרערן. אַז ער נעמט איר אָרום און דריקט זי צו צו זיך, טרייסלען זיך זיינע הענט און ער וויינט אויפן קאָל...

דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטאָן — איז געגעבן אים געלט. ער האָט זי געבעטן ניט דערציילן קיינעם...

אַלץ קימאַט ווי אין כאַלעם טראַכט זי...

פּאַליע האָט זיך דערפרייט מיט איר אָנקומען גלייך אין אָנפאַנג, אווראַהאָם אויך, אָבער צוביסלעך איז אַלץ געוואָרן פּוסט נעבן איר.

די שטיפמוטער שמייכלט צו איר.

זי איז אַן עלנדע: די קינדער זיינען אַנדערע.

אויף איין טאָג האָט מען באַשטימט אויפנעמען קימאַט דאָס גאַנצע שטעטל: דאָס איז שאַבעס. עס איז געקומען די רעבעצן פון שטעטל — די אַלמאָנע. עס איז געקומען דער שאָכן שייע מיט זיין ווייב. עס איז געקומען איצכאָק מוישע פון דער יאַרמאַר־קאָווער פּלאָסטשאַד, וואו ער פלעגט פאַרקויפן קאַווענעס.

שיפּרעלע זיצט אויפן קאַנאַפּע צונויפגעדרייט, ווי זי פלעגט עס אַמאָל טאָן. זיי רעדן צו איר. זיי פרעגן. און זי טראַכט, ענט־פערט און טראַכט ווידער.

זי באַקוקט אַלץ אין הויז. זי איז נאָך מיד פון פאָרן. זי שלאָפט זייער אַסאַך. זי איז אומעטיק ביז ווייטיק.

די טשאַכאַטאַטשנע קוואַרעסמאַניכע רוקט זיך צו איר מיט צערטלעכקייט. שטילערהייט רעדט זי צו איר פון איר ליאָוועז.

— ווען דו זעסט אים, שיפּרעלע, ווען דו זעסט אים: — אַ גאַנצער יאַטעביעדאַם איז ער אין מאָסקווע. נאָך ביי מיר אין בויך איז ער געווען אַ „דעמאָקראַט”. וואו האָט ער זיך דאָס אַלץ אויסגעלערנט? עס צוגייט די האַרץ פאַר נאַכעס. ער קאָן זיין אַ פּאָלנער גובערנאַטאָר. ווען ניט דאָס אַלץ — וואָלט ער דען עפּעס געווען? ער וואָלט פאַרבליבן אַ טאַנצאָר...

— מיר וואוינען נאָך אַלץ אויפן בייסאָווילאָם. דו געדענקסט דאָך, ווען איך האָב זיך ביינאַכט פאַר אַ הונט דערשראָקן. דאָס גאַנצע שטעטל איז דאַן געגאַנגען כאָדראָם. איך האָב פאַר שרעק דערציילט, אַז איך האָב אַליין אַ מעס געזען אונטער מיין פענצטער. איצט האָב איך זיך צוגעוואוינט, און זינט איך לייד אויפן האַרץ, מוז איך וואוינען אויפן בייסאָווילאָם. די לופט איז דאָרט אַ בעסערע...

שיפּרעלען פאַרקלעמט ביים האַרצן. זי איז אַ טשאַכאָטאַטשנע. וואוינט זי אויפן בייסאָווילאָם צוליב בעסערע לופט.

זי וואָלט זי גערן גענומען אין אַמעריקע. דאָרטן — אַזוי פיל גוטע דאָקטוירים, אַזוי פיל שפּיטאָלן. היינט — קאָנטרים, גאָט! גאַנץ אַמעריקע איז אַרומגערינגלט מיט קאָנטרים. זי וואָלט דאָרט ניט געדאַרפט וואוינען אויפן בייסאָווילאָם. אויפן בייסאָווילאָם וואוינט מען ניט, אין אַמעריקע, אַז מען האָט טשאַכאָטקע. הענט און פיס טרייסלען זיך איר קוקנדיק אויף דער אומגליקלעכער, וועלכע קלייבט נאַכעס פון איר זון וואָס איז ערגעץ אין מאָסקווע און ער קאָן זיין אַ פּאָלנער גובערנאַטאָר...

די רעבעצן דערמאָנט איר אויך אָן אַסאַך זאַכן, און זי פרעגט שטיל בעסאָד, צי וואָלט זי שיפּרעלע ניט מיטגענומען קיין אַמעריקע. זי וואָלט קיין סאַך ניט באַדאַרפט. זי וואָלט ביי איר געווען... און ער, אָלעווהאַשאָלעם, וואָלט פאַר שיפּרעלען גאָט געבעטן...

זי וואָלט זיי אַלע גערן גענומען...

אַך, ווען זי איז רייך! זי וואָלט גענומען די גרעסטע אַמעריקאַנער שיף און וואָלט זיי אָנגעפּאַקט און זיי געבראַכט קיין אַמעריקע.

ביים אַראָפּגיין פון שיף וואָלט זי זיך געשטעלט קעגן דער פּרייהייטס-סטאַטוע און אָנגעוויזן איר, וואָס איר פאַקל אין האַנט באַדייט. זי וואָלט איר אָנגעוויזן אויף זיי אַלע וואָס עס מיינט, ווען טויערן פאַר אומגליקלעכע און קראַנקע זיינען אָפן אין אַזאַ מעכטיק לאַנד. זי וואָלט גערעדט צו איר ווי צו אַ לעבעדיקער. זי וואָלט אין אַ צייט אַרום געוויזן איר דיזעלבע מענטשן, די עלנדע, ווי אויסגעהיילט און גליקלעך זיי וואָלטן אויסגעזען...

די קראַנקע וואָלט זי אין האָספּיטאַל געשיקט אויף פרישע לופט אירע לונגען און האַרץ צו היילן...

* *

*

עס איז שוין דער דריטער שאַבעס. היינט ריכט מען זיך אויף געסט נאָך מער, ווייל שיפרעלע דאַרף שוין אָפּפאָרן. מער ווי דריי וואָכן טאָר זי דאָרט ניט זיין. זי אַליין איז שוין גערן זיך צו זען אויף דער שיף. וואָס זי האָט זיך דאָ אין די פּאָר וואָכן אָנגעזען, אָנגעהערט און דערוואוסט, האָבן זי אָפּגעשוואַכט.

די געסט פון היינטיקן שאַבעס זיינען איר איבעריק. אָבער זי וועט מוזן אַלץ בייקומען.

זי איז געוועזן עטלעכע מאָל אין גאַס, און צוגאַסט, און געלעזן צייטונגען, און פון די וואָס זיינען געקומען דאָ זי זען, און וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון זיי, קאָן זי פאַר קיין פאַל ניט פּאַסן קיין באַשלוס פון אַלעם...

עפּעס ווי אַ נייע וואונד, פון וועלכער עס טריפט בלוט און טוט שמערצלעך וויי, אַזוי ליידט שיפרעלע פון אַלץ אַרום.

דער אַלטער פאָטער ווייגט ווי אַ קינד אַלע ווייל, אויף דעם זעלבן קאַנאַפּע וואו זיי זיינען אַמאָל געזעסן, אַרומגענומען, אַליין. אין דאָרף איז שוין ניטאָ וואָס צו פאָרן.

כּאַסיעלע האָט מיט נאַכמענען דעם פישערס זון כאַסענע געהאַט און פון דאָרף אויסגעוואַנדערט. היליען האָט מען אין מעלכאָמע צוגענומען. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין.

היליע, אָרימער היליע, פאַרוואונדעט, און פון דער היים אין

דער ווייטער וועלט אַוועק. דאָס איבעריקע האָט זי שוין ניט גע־וואָלט הערן.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען געסט.

אַ הויכע, טונקעלע, דיקע פרוי איז אַריין אין הויז. לעבן איר — אַ קליינער מאַן און נאָך אַ אינגערע פרוי, וואָס קוקט אויס ווי די הויכע פרוי. זי איז צוגעקומען צו שיפרען, דערלאַנגט איר די האַנט און זיך צוקושט מיט איר. דער אַלטער איד האָט זי פון ווייטנס באַגריסט. און די יונגערע האָט זיך געהאַלטן לעבן דער הויכער פרוי און זי באַגריסט רויט ווערנדיק.

שיפרעלען זיינען די מענטשן אומבאַקאַנט. זי האָט זיי פריער קיינמאָל ניט געזען, און זי האָט געפילט אומבאַקוועם. זי האָט ניט געקאָנט פאָטער־ווערן פון דער פרוי'ס שוואַרצע שטעכיקע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר.

עס איז נאָך געווען זייער פרי. קיין אַנדערע געסט האָבן זיך נאָך ניט געוויזן. דער פאָטער מיט איר שטיפמוטער האָבן זיך ארויסגעדרייט אָן אַ וואָרט צו זאָגן. שיפרעלע האָט געפרעגט איר פאָטער ווער זיי זיינען.

ניט לייכט, אָבער ווי ער האָט ביי זיך אַלץ אָנגעגרייט, האָט דער פאָטער אָנגעהויבן רעדן:

— שיפרעלע דאָס איז אייגנטלעך קימאַט דיין עמעסע מאַמע. ווען ניט זי וואָלסטו איצטער עפשער אויף דער וועלט ניט געווען. אָט די פרוי האָט דיך געזויגן, דיך דריי יאָר געהאַלטן ביי זיך. מיר זיינען אַזוי אַ גאַנצן לעבן פאַרהאַוועט געווען, אַז מען איז געבליבן פאַרפרעמדט... און איצט האָבן זיי דערהערט, אַז דו ביזט דאָ, האָבן זיי דיך געוואָלט זען...

ער האָט דאָס איבעריקע איר אַלץ דערציילט אין איין אָטעם. כיענע הייסט זי. פון דאָרטן האָט דיך די מומע אין דאָרף צוגע־נומען.

שיפרעלען האָבן טרערן אָנגעהויבן ווערגן. זי איז צוגעקומען צו כיענען, ניט וועלענדיק איר אַרומגענומען, און איר געגעבן אַ קוש. כיענע האָט איר באַלד אָנגעהויבן מאָלן ווי גוט עס איז איר געווען ביי איר, וויפיל קויכעס זי האָט איר אַוועקגעגעבן, די לעצטע ביסל מילך האָט זי פאַר איר געהאַלטן. היינט וואָס איר האָט

אָפּגעקאָסט דאָקטוירים, ווען זי איז קראַנק געווען, און וויפיל נעכט זי האָט גאָט געבעטן, זי זאָל לעבן בלייבן... זי האָט אויף אירע אייגענע אָרימע קינדער אַזוי ניט אכטונג געגעבן...

שיפּרעלעס קויכעס האָבן זיך אויסגעשעפּט ביי די רייד. זי וויל ניט טראַכטן. זי האָט כאַראַטע וואָס זי איז געפאָרן. זי באַדויערט וואָס זי האָט זיך איצט צוקושט מיט דער פרוי און מיט איר טאָכטער, וואָס זי איז שוין שוועסטער...

די פרוי רעדט ווידער:

—פאַרשטייסט, מיין טאָכטער, — זאָגט זי שיפּרעלען — די איינציקע זאַך וואָס מיר ווילן איז — נעם אונדז אהין, צו דיר... איך וועל דיר צונויף־קומען. איך בין נאָך געזונט. מיין מאַן וועט נאָך אויך צונויף־קומען און מיר וועלן אַלע צוזאַמען זיין לעבן דיר... דו וועסט אַ מיצווע פאַרדינען. דיין מוטער אין קייווער וועט דיך בענטשן...

שיפּרעלע שווייגט...

„די מוטער אין קייווער וועט זי בענטשן"...

זי דאַרף אין אַ פּאָר טעג אַרום זיין אויפן קייווער. געגעבן דעם טאַטן געלט אויף אַ נייער מאַצייווע. אַלע זיינען איר מאַמעס, נאָר איר מאַמע, די עמעסע מאַמע, וואַרט אויף איר, און זי וועט זען איר קייווער. אַלע זיינען איר מאַמעס...

די מומע פון דאַרף איז געווען אַ מאַמע.

געקומען צו דער שטיפמאַמע,איז יענע געווען אַ מאַמע.

דערנאָך — איר שוויגער — הייסט אויך אַ מאַמע.

איצט אָט די הויכע, פרעמדע פרוי, וואָס הייסט כיענע, און רופט זי— טאָכטער.

און מיין מוטער האָט מיך גערופן — טאָכטער, דאַן ווען איך האָב זי ניט געקאָנט רופן — מאַמע... מיין מוטער איז צוליב מיר געשטאָרבן, ווייל זי האָט געוואָלט נאָך אַ מיידעלע האָבן...

זי האָט מיט די לעצטע קרעפטן אַלץ צוגעהערט. ווען איר זיין ביי די אָבזיאַנקעס, און מיט דער באַקאַנטשאַפט פון דער אַם, וואָס האָט זי דריי יאָר געהאָדעוועט, מיטן בעטן זיך פון דער פרוי זי זאָל זי נעמען אהין — דאָס אַלץ האָט זי געיאָגט מיט טויזענטער

שטעקנס צוריק אין ווייטן פרעמדן לאנד, וואו ס'איז איר אויך ניט אזוי פריילאך.

דער צונג קלעפט זיך אן די ציין און די ליפן דריקן איינע די אנדערע...

דער טאג איז אריבער אין שושקען זיך מיט די איבעריקע געסט, אין אויספרעגן, אין בעטן עפעס, וויפיל זי קאן געבן...

דער פאטער האט אפגעמאכט האוודאלע און אלע האבן גע־וואונטשן א „גוטע־וואך", זיך געזעגנט און געזיפצט און זיך צוגאנגען...

שיפרעלע בלייבט אליין...

זי האט פלוצלונג כאראטע געהאט וואס זי איז אויף זיי בייז געווען מיט א ווײלע צוריק. זי ווערט וויכער. די הארץ פאר־קלעמט. זי זעט דייטלעך די אבעזיאנקע, איר הארבאטן און אומ־גליקלעכן מאן, די מיעסע טאכטער, זי הערט — אין געדאנק — דעם פאטערס שנעלן צוגרייטן זי וועגן די אבעזיאנקעס. אלץ אזוי מאדנע.

דער פאטער גייט אריין אין צימער. ווינשט איר א גוטע וואך, און שמייכלענדיק זעצט ער זיך לעבן איר.

זי באמערקט ווי זיינע הענט טרייסלען זיך ווען ער גלעט זיין בארד און זיינע ליפן ציטערן ווען ער רעדט צו איר.

אירע אויגן פילן זיך אן מיט טרערן און איר הארץ מיט צערטלעכקייט. זי האט ליב איר פאטער, און דער פאטער— זי. זי פילט, אז פאר איר און אים וועט איר אפפארן זיין א שווערער קלאפ אויפן גאנצן לעבן.

שיפרעלע וויל הערן איר פאטער רעדן. — דערצייל מיר עפעס — שמייכלט שיפרעלע — אבער א פריילאכע זאך.

— וואס בין איך: שארלי שאפלין? — ענטפערט ער איר, און קוקט מיט שטאלץ אויף איר, וואס וועט זי אים ענטפערן וואס ער ווייס פון שארלי שאפלין.

שיפרעלע צולאכט זיך הילכיק.

— דו זאגסט ניט ריכטיק — זאגט זי — ער הייסט אנדערש... ער הייסט טשארלי טשאפלין.

ווי די גאזעטן שרייבן, אזוי לייען איך — ענטפערט ער.

— זיי שרייבן, אַז ער איז אַ איד, איז דאָס מיסטאָמע עמעס.

שיפּרעלע וויל האַרציק זאָגן איר פּאָטער, אַז טשאַרלי טשאַפּלין איז ניט קיין איד, און דערציילן אים אַלץ, וואָס זי ווייס וועגן טשאַפּלינען, נאָר זי וויל ניט דעם פּאָטער אָפּעסן דאָס האַרץ. ער גלויבט, אַז ער איז אַ איד: זאָל ער לעבן און זיין געזונט מיט זיין גלויבן אַזוי... זי וויל ניט קאַליע מאַכן...

— נו,גוט, פּאַפּאַשאַ, דערציי̈ל ווי עס לעבט זיך דאָ. האָסט מיר גאָרניט דערציילט, איז עס בעסער ווי אַמאָל?

— צי איז עס בעסער? אויס פּאָגראָמען. אויס מילכאָמע. באַלד געוואָרן. מען האָט אונדזערע סאָלדאַטן פּאַרלויזיגטע, באָרוועסע, נאַקעטע, קוים לעבעדיקע צוריק פון די טרענטשעס געבראַכט. אָבער דערנאָך האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן אַ גרויסער כורבן, אָבער געלויבט צו גאָט, עס איז ניט קעשיניעווער און ניט האָמלער צייטן.

— איך וועל דיר דערציילן פון יענע צייטן, וועסטו דאָס מעגן אין אייערע גאַזעטן אריינשרייבן: דאָס איז געווען אין דער רוסישער־יאַפּאַנעזישער מעלכאָמע. עס זיינען דאַן פּאָרגעקומען „זאַבאַסטאָווקעס" און פּאָגראָמען און קאָל־ערליי צאָרעס...

פּלוצלונג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז עס דאַרף זיין אַ פּאָגראָם ביי אונדז אין שטעטל. האָב איך אויסגעגראָבן צוויי גריבער ביי אונדז אין גאָרטן, איינע אונטער אַ געדיכטער קאַשטאַנענער בוים, און אין איינער האָט מען אַריינגעלייגט דאָס ביסל, און אין דער צווייטער פּלעגט מען זיך אויף דער נאַכט באַהאַלטן. מען פּלעגט צודעקן פון אויבן מיט שטרוי און בלעטער.

בלויז דער זיידע מיטן פעטער פון קוזניע פלעגן זיך באַהאַלטן אונטער די געדיכטע קוסטעס, פון אַ גרויסן בוים, מיט העק און אייזנס אין די הענט צו באַוואַכן די צוויי גריבער. עס האָט געדויערט אַפּאָר נעכט — און אַלץ איז אַריבער רואיק.

און פּלוצלונג, ווען די יאַפּאַנעזער האָבן פאַרנומען פּאָרט־אַרטור, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן פון נייע פּאָגראָמען, און אין שטעטל איז געוואָרן אַ יאָמער.

איצט האָב איך באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן מיר בלייבן אין הויז. וואָס וועט זיין — דאָס וועט זיין . . . אַלע זאָלן מיר שטאַרבן

איניינעם . . . איך האָב געהייסן דער מאַמען, עליה השלום, אויסבעטן אין זאַל אויפן דיל, און די קינדער אויסגעלייגט . . .

איך האָב צוגעמאַכט אַלע לאָדן אויף די „פּראָהאָנעס", האָב גענומען אַ פּילקע, און מיין ברודער, וואָס איז געווען אַ „זאַפּאַסניק" און געזאָלט אין גיכן אַוועקפאָרן צו דער מילכאָמע, האָט גענומען אַ האַק, און מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיר . . .

עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. מיין ברודער, דער „זאַפּאַס־נאָי", זאָגט מיר, אַז דאָס שיסט די פּאָליציי. עס האָבן זיך דערזען אָנגעצונדענע פאַקלען, און אַ ווילדער אויסגעשריי האָט זיך דערהערט: „בעי זשידאָוו!" — שלאָגט די אידן! דאָס זיינען אָנגעקומען די „באַטורענצעס" און די "פּאָפּאָווצעס". אָט פון די צוויי דערפער, באַטוריען און פּאָפּאָווקע, זיינען געווען די ריכטיקע פּאָגראָמשטשיקעס. דאָס האָט מען באַלד געוואוסט, זיי האָבן זיך געלאָזט איבערן שליאַך וואָס פירט אין שטאָט מיט גאַנצע זעק נאָך אידיש האָב־און־גוטס, און מיט אַלערליי כליי־זאַיען צו מאָרדן . . .

נאָר גאָט איז דאָך אומעטום. איז ער אַרויס אויפן שליאַך אויך. דאַרף זיך מאַכן, אַז אונזער איספּראַווניק האָט געהאַט אַ געשמאַדטע ווייב, און ער האָט אָנגעזאָגט, אַזוי גיך ווי מען וועט דערזען די פּאָגראָמשטשיקעס, זאָל מען שיסן . . .

אין האַרצן אייגנטלעך, האָב איך געהאַט ביטאָכן אין גאָט, אַז צו אונז וועלן זיי ניט צוקומען אַזוי גיך. אַפּילע אָן דעם איספּראַווניקס „פּריקאַזאַניע" . . .

מיר האָבן געוואוינט אויף אַ גרויסן הויף, אַנטקעגן דער פּאָליציי און דער „קאַזנאַטשייסטווע", און קימאַט די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ האָט געוואוינט אַרום און אַרום. די פּאָטשט איז געווען ניט ווייט . . . און טאַקע אַנטקעגן דעם הויף, וואו איך האָב געוואוינט, אויף דעם צוויטן זייט באַרג איז דער טשאַמאַוואַי אַרומגעגאַנגען טאָג און נאַכט, ניט איינער, נאָר עס זיינען געווען דעזשורניע אויך, און זיי פלעגן זיך בייטן. אין אַ רעגנדיקן טאָג פלעגן זיי זיך מיט די ביקסן אויפן פּלייצע בייטן און זיי פלעגן זיך באַהאַלטן אין דער בודקעלע, וואָס דאָרט איז געשטאַנען.

גאָט האָט די נאַכט, די שרעקלעכע, צוגענומען און אַ ליכ־טיקן טאָג אַראָפּגעשיקט. איך האָב איין פענצטער לויז געמאַכט. מיין

ברודער איז אַרונטער אין גאַס מיטן צייכן, אַז ער איז אַ זאַפּאַסנאָי. ער איז געקומען צוריק און מיך געקושט . . .

דער איספּראַווניק און זיין געהילף און די גאַנצע וואַך האָבן באַגעגנט די פּאָגראָמשטשיקעס אויף דער יאַריד־גאַס און זיי באַפוילן גיין צוריק. זיי האָבן ניט געפאָלגט — האָט מען גענומען שיסן. זיי האָבן די זעק און אַלץ איבערגעלאָזן און זיינען זיך צעלאָפן . . .

שיפרעלע איז געזעסן פאַרכאַפּט פון איר פאָטערס דערציילן. אָך, וואָס דאָס מיינט אַלץ פאַר איר. זי וועט אַוועקפאָרן מיט אַזויפיל נייעס . . . זי וועט דאָרט דערציילן, זיך אָפט דערמאָנען . . .

און פון דאַן אָן רעדט דער פאָטער ווידער.

— אַז מען האָט געזען דעם איספּראַווניק מיט זיין ווייב גיין אין קלויסטער, האָט מען זיי געבענטשט . . . אפילו איטען, דער קאָנ־פּעטן־מאַכערין, האָט מען מוחל געווען, וואָס זי האָט זיך געשמאַדט פאַר אַ „טשאָרנאָראָבאָטשן", וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט אידן . . .

די נאַכט איז אָנגעקומען.

אַלע זיינען געגאַנגען שלאָפן. שיפרעלע האָט זיך געלייגט און ניט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג.

אַלץ וואָס דער פאָטער האָט איר דערציילט, זעט זי פאַר אירע אויגן. די צוויי בערג, וואו פון איין זייט איז געווען דער גרויסער הויף, וואו איר פאָטער האָט געוואוינט; פון דער צווייטער זייט — זעט זי די קאַזאַרמע, די „טשאַסאָווניע", די נאַכט מיט די פאַקעלן, די פּויערים מיט די זעק נאָך אידישע גוטס. די מעסערס זייערע נאָך אידישע לעבנס. דעם טאַטן אויפן דיל, וואו אַלע האָבן זיך אויס־געלייגט צו וואַרטן, מען זאָל קומען זיי אַלע אויסמאָרדן. דעם טאַטן מיט דעם זעג, דעם פעטער דער „זאַפּאַסנאָי", וואָס האָט געזאָלט אָפּפאָרן צו פאַרטיידיקן רוסלאַנד.

אַ געמיש, אַ שוידער, אַ זיפץ — און זי שלאָפט איין...

עס כאָלעמט זיך איר ווי צוויי געזונטע קאַצאַפּעס גייען אַריין אין הויז. זי זעט ווי די פּראַהאַנעס פון די פענצטער פאַלן אַרונטער מיט מוירעדיקע קוילעס. זי הערט אַ קנאַל פון אַ גלאָז. זי דער־זעט ווי אַ קאַצאַפּ הויבט אויף זיין האַק און דערלאַנגט איר פאָטער איבערן רעכטן אַקסל.

ביים פאָטער זינקט אַרונטער זיין אָרעם, און די זעג, וואָס ער

האָט געהאַלטן אין האַנט, פאַלט ארויס. זי זעט ווי עס פליסט בלוט פון דעם אָרעם. דער פאָטער ווערט בלאַס. זי אַליין וויל אנטלויפן — יאָגן זיי איר נאָך. זי קריכט איבער די ווענט. זי שרייט. זי רייסט זיך... די האָר פון קאָפּ...

זי הערט ווי דער פאָטער שרייט: „ס'וועט ניט העלפן, שיפרעלע! ביזט געקומען אהיים שטאַרבן!"...

מיט די לעצטע קויכעס שרייט זי:

—ט־אַ־ט־ע־!

זי עפנט אויף די אויגן. דער פאָטער האַלט זי פאַר די הענט און רעדט שטיל:

— גאָט איז מיט דיר! גאָט איז מיט דיר!

זי זעט ניט קיין בלוט. מיט ציטערדיקע הענט נעמט זי זיין אָרעם און קושט מיט היסטערישן געוויין. נאָך עטלעכע ווערטער וואָס זי רעדט ארויס, פאַרשטייט דער פאָטער אַז זי האָט געכאָלעמט פון אַלץ וואָס מען האָט איר פאַרן שלאָף דערציילט...

פאַרנאַכט צו איז פּאָליע אריינגעלאָפן א צעפלאַמטע:

— שיפרעלע, ווייסט ווער עס וועט דיר היינט קומען זען? ליאָווע דעם קוואָרעסמאַנס. ער איז געקומען אהער „פּאָ דיעלו", האָט אים די קוואָרעסמאַניכע דערמאָנט וועגן דיר. ער איז דאָך אוראָמס בעסטער טאָוואַרישטש. זיי זיינען ביידע אויף סלוזשבע. און גרישאַן האָט ער אויך זייער גוט געקענט.

שיפרעלען האָט אָנגעהויבן טרייסלען ווי אין קאַדאָכעס. זי געדענקט גוט ליאָווען. ניט איינמאָל האָט זי אים ביי זיין געשטופּל־טער שוועסטער אין הויז געטראָפן. געווען ניט אָרעם זיין שוועסטער, ביילקע, געוואוינט „פּראָסטאָרנע". און שטענדיק האָבן זיך דאָרט געפונען יונגוואַרג, געטאַנצט אונטער דעם טאַקט פון גראַמאָפאָן פּלאַסטינקעס. אָפט געגאַנגען אין קימבערס פּאַרק טאַנצן זומער. אָדער אין אַלעקסעיעווס גאָרטן. ניט איינמאָל האָט זי געטאַנצט מיט אים א מאַזורקע אין דער „ראַבאָטשער סטאָלאָווע". געשפּילט אין „פּליענדע פּאָטשט". נאָר ווייל ער איז געווען א „פּוסטאָפּאַסניק", גע־טאַנצט און געקליידט זיך ווי א „דיענשטשיק", האָט זי אים ניט ליב געהאַט.

שיפרעלע פּוצט זיך אויס אין איר ספּאָרט־סוט, וועלכן זי לאָזט

פון ליב ניט אַרונטער, אַ גרינעם סוועטערל אויף אַ זיפּער, אַ פּאָר ברוינע אָקספּאָרדס, פאַרקעמט אירע ברוינע „געבאַבטע" האָר, און די פּאַרב שפּילט זיך מיט אירע באַקן. די אויגן ברענען און אין האַרצן איז זי צום ערשטן מאָל צופרידן וואָס זי איז געקומען אַהיים...

ווען ליאָווע איז אַריינגעקומען אין הויז און געדריקט שיפּרעס האַנט, האָט סלאַווין דערפילט ווי ער וואָלט געווען אַ גאַנצער טשינאָווניק דאָ אין שטעטל... אַ קליינינקייט — ליאָווע, אויף סלוזשבע אין מאָסקווע, קומט זען זיין טאָכטער פון אַמעריקע...

פּאָליע, וועלכע איז אויך אויף סלוזשבע, און איז פאַרכאַפּט מיט ליב און לעבן אין היינטיקער אָרדנונג, איז געווען איבערגליקלעך.

ליאָווע איז געזעסן לעבן שיפּרעלען, געגעבן איר קאָמפּלימענטן, איר געקיבעצט, וואָס זי, אַזאַ יונגע, און נאָך מיליאָנען ווי זי, זאָלן „דאָרט" ניט קענען מאַכן אַזאַ אָרדנונג ווי זיי דאָ. ער פאַרזיכערט איר, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַראָפּקומען קיין אַמעריקע, ווען עס וועט שוין דאָרט אַלץ זיין אַנדערש...

שיפּרעלע בליט. ער קוקט אַזוי שאַרף אויף איר. ער עסט איר אויף מיט די אויגן. דעם ערשטן מאָל אין לעבן פילט זי אומ־באַשטימט גליקלעך. פאַרוואָס, ווייסט זי אַליין ניט.

ליאָוועז פּאַסט זייער גוט זיין גרויע העמד; עס פּאַסט דער גאַנצער אָנצוג. ליאָווע איז שיין און „סטרוינע", רעדט אַזאַ אויס־געמושטירטן רוסיש, איז פול מיט ענערגיע, פול מיט פייער, רעדט נאָר וועגן איין זאַך — זייער לאַנד, און זייער אַרבעט. באַגייסטערט נעמט ער צונויף זיינע פינף פינגער און שרייט קלינגענד:

„מי וסיעם פּאָקאַזאַלי! — מיר האָבן אַלעמען באַוויזן!—

ער רויכערט און פּאַרציט זיך אַזוי שיין. לאַנגזאַם גייט דורך דער רויך דורך זיינע נאָזלעכער, און צעטראָגט זיך איבערן זאַל אין אַלע ווינקעלעך.

—איר געדענקט איין ווינטער — ווענדעט ער זיך צו שיפּ־רעלען, — דאָס איז געווען דעם זעלבן ווינטער ווען איר האָט זיך באַגעגנט מיט גרישאַן. איר זייט צוגעקומען מיט עמיצן פון אייער־ערע באַווערטעס צו מיין טאַנץ־קלאַס. די מוזיק האָט געשפּילט. ביי מיר זיינען דאַן געווען אין הויז טיעכניקעס, קאָמערסאַנטן, גאַנץ טעכ־

ניטשעסקע און קאָמערטשעסקע יונגען, אויך אַסאַך גימנאַזיסטקעס, און געווייִנטלעכע. אַלע זייִנען געקומען טאַנצן אין מייִן טאַנץ־קלאַס.

איך האָב דערהערט, אַז עמיצער רעדט אונטער די לאָדן, און איך בין אַרויסגעגאַנגען און אייך געטראָפן קוקן אין פענצטער. אַוואַדע זייִט איר דאַן אַרייִנגעקומען מיט נאָך עטלעכע. און איך האָב אָנ־געשטעלט דעם גראַמאָפאָן מיט „היידאַ טראָיקאַ" און „פאָ לאַר־טאָטשקע". און אונטער די קלאַנגען פון „ראָזביטאַיאַ זשיזני מאַלאַ־דאַיאַ" האָבן מיר ביידע געטאַנצט דעם וואַלס. און אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, האָט דאַן געטאַנצט מיט אייך זשוקאָוו, דעם נאַדזיראַ־טעלס זון, מישאַ, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי. יאָ, איך דערמאָן זיך, איצט, ווי היינט וואָלט עס געווען. אַזויפיל צו דערציילן וועגן זיי אַלע... און וועגן יענע צייטן... גע־דענקט איר דאָס?

געדענקט זי דען? און ווען עס וואָלט אַפילו ניט עמעס געווען, וואָלט זי ליאָוואַן אויך געגלויבט, אַז עס איז אַזוי געווען.

— יאָ, איך געדענקט — ציטערן אַרויס די ווערטער פון שיפרע־לעס מויל. — יאָ, דאָס איז געווען דעם זעלבן ווינטער ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט גרישאַן.

ווי שיין איז ליאָוואַ געשטאַנען מיט זייִן פיראָזשקאַ אין האַנט און זיך געזעגנט מיט שיפרען. זייִן אַדרעס פון מאָסקווע האָט ער איר געגעבן... עטלעכע מאָל איבערגערעדט, אַז ער ווייסט אַז אין אַמעריקע זייִנען שיינע באַרישניעס אָן אַ שיר. דריקנדיק אירע „אַמע־ריקאַנער הענט", האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון הויז.

די נאַכט האָט שיפרע פאַרבראַכט מיט ליאָוואַן אין געדאַנק. אַ גאַנצע נאַכט. טונקל איז גרישאַ קעגן ליאָוואַן. עפּעס איז גרישאַ אַזוי ווייט פון איר. און ליאָוואַ עפּעס אַזוי אייגן נאָענט.

אַמאָל ווען ליאָוואַ האָט געהאַט דעם טאַנץ־קלאַס, איז געווען פאַרקערט. זי האָט פון ליאָוואַן אַפילו ניט געטראַכט צו טראַכטן. צום ערשטן מאָל אין אַזויפיל יאָרן האָט זי אין געדאַנק אַרומגענומען און צוגעדריקט צו איר האַרצן אַ מענטשן, אַכוץ אַמאָל אַנטאָנען...

* *
*

אין „קאַנטרי״ איז צו פריילעך...

און שיפרעלע קאָן דאָרט ניט רוען. דער אָפּפאָרן פון איר היים, דאָס געזעגענען זיך, די בענקשאַפט צוריק און דאָס כּראָטע האָבן אויפן פאָרן האָבן איר רוען ניט געלאָזט.

און די וואַזשנע האָטעלן וואו מען טאַנצט און מען פייפט, וואו מען הוליעט אָן אויפהער, און וואו דער גלאָק קלינגט אַלע פאַרטאָג ווי צו אַ סרייפע, וואו מענטשן פאַרגעסן, אַז זיי זיינען מענטשן, און פאַרגעסן אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, דאָרט וואו זיי נעמען די פרייהייט און די ליבע און פאַרמוטשען זי אָן ראַכמאָנעס — דאָרט קען זי ניט רוען...

אָבער דאָ, אויף אַ פאַרם, אויף אַ באַרג, ניט ווייט פון וועג, וואו מען זעט ווייניק מענטשן, און נאָך זעלטענער אויטאָמאָבילן, — אָט דאָ קען מען רו געפינען.

דאָ, אויפן פעלד, נעבן ביידל, וואו דער האַמאַק איז צוגעקלאַפּט צווישן צוויי אַלטע געדיכטעביימער, און וואו דער קוטשעראַווער הונט ליגט צוגעבונדן לעבן זיין וואוינונג וואו ער גיט אַכטונג אויף די הינער, בהיימעס און פערד, — אָט דאָ איז גוט...

דער פאַרמער און זיין ווייב —ביידע אַלטע. מיט צוויי יונגע שיינע זין. אַרבעטן און גרייטן צו מאָלצייטן פאַר די עטלעכע געסט, וואָס ווייזן זיך ענדע וואָך.

אָט דאָ דערמאָנט עס איר אָן דאָרף, וואו זי האָט דעם לעצטן מאָל מיט כּאַסיעלען פאַרבראַכט. זיי זיינען ביידע אַריבערגעשפּרונגען אַ פּלאַנקען, אַריין אין אַ גאָרטן און פון דאָרטן אַרויס אויף אַ סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו אַ באַרג. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי אָפּגעהאַקטע ביימער און פון דער ווייטנס געזען אָן אַלטן פויער מיט זיין פרוי, אַ שיינע, עטלעכע בהיימעס, אַ ניי־געבוירן פערדל, אַ הונט און הינער...

אָט פּונקט אַזוי ווי זי זעט דאָס אויפן פאַרם.

די צוויי זין דעם פאַרמערס זיינען שטילע, רואיקע און טיערע קינדער. דער קלענערער דערמאָנט איר אָן אַ שלעכטן פויער אין דאָרף

— בלויז מיט זיין וואוקס. אַפּאַנאַס, האָט יענער געהייסן. אַ קלײנער אַ בלאָנדער, שטענדיק אַ שיקערער. און אַז ער פּלעגט זיך אָנשיקערן, פּלעגט ער כאַפּן די קאַסע און לויפן צו דער מומעס פענצטער. ער פּלעגט שרייען, זיך וואַקלען אויף זיינע קליינע פיסלעך, אַנידערפאַלן און איינשלאָפן.

ווען ער פּלעגט זיך אויפכאַפּן אַן אויסגעניכטערטער, פּלעגט ער אַרונטערנעמען זיין היטל שעלטענדיק דעם בראַנפן מיטן שיינקער...

אַפּאַנאַס דער שיקער ברענגט איר ווידער דרינערונגען וועגן דאָרף. עס קומט איר נאָך אַלץ אויפן געדאַנק, און אַזוי שנעל ווי דער געדאַנק ברענגט עס איר אַרויס פאַר די אויגן, וויינט זי, און מיט די ליפּן צערטלט זי די נעמען פון אירע ליבסטע, טייערסטע, וואָס לעבן און לעבן שוין ניט מער...

פאַרוואָס גראָד דער קלענערער זון פון דעם פאַרמער דערמאָנט איר אַפּאַנאַסן — קען זי קיין רעכנונג ניט אָפּגעבן.

דער עלטערער זון איז אַ הויכער, אַ טונקל־הויטיקער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, געדיכטע ברעמען און ווייסע ציין. אַז ער שמייכלט — קומט צו געזונט.

שיפּרעלע האָט אים עטלעכע מאָל געזען ביגנייוועס פאַרטאָג. ער גייט אַרויס פון צימער, שעפּט אַן קאַלטע וואַסער פון ברונים, וואַשט זיך מיט דעם וואַסער ביי דעם ברונים, ווישט זיך לאַנגזאַם מיט דעם האַנטוך, וואָס ער גרייט אָן אויפן פּלייצע און קוקט אויפן הימל אין דער ווייטקייט...

ער קעמט זיך צו די האָר און קוקט אַלץ אויפן הימל, און אויפן פעלד. שטיל זינגט ער אַ טרויעריק ליד. זי הערט זיך צו צום ליד, און עס קלינגט מעלאַנכאָליש. זי ווייסט ניט וואָס פאַר אַ שפּראַך, ווייל ער זינגט בלויז די מעלאָדיע, אָן ווערטער, און קוקט פאַר־כאַלעמט...

היינטיקע וואָך איז אַן אַמעריקאַנער יאָנטעוו.

עס זיינען אָנגעפאָרן מער מיט אַ פּאָר מענטשן. שיפּרען אַרט עס ניט. זיי וועלן זיך צעפאָרן, וועט ווידער ווערן שטיל און רו־איק. די פאַרמערקע אַרבעט ווי אַלעמאָל און די זין העלפן.

דער פאַרטאָג איז געוועזן אַן אומעטיקער.

אַ קליין רעגנדל האָט געשפּריצט און געלאָסטשעט. די גראָזן,

שיפרעסביידל, דער האַמאַק, די צוויי אַלטע געדיכטע ביימער האָבן געדרעמלט. די בלעטער זיינען געזונקען גרינער און גלאַטער, שטילער און צאַרטער. די הינדעלעך האָבן ניט געקוואַקעט און אַזוי אַ גאַנצן טאָג ביז נאַכט...

ביינאַכט האָט דער רעגן זיך געלאָזן אין וועג, אָן מוירע, אומגעשטערט, ווי ער וואָלט געוואוסט אַז אַלע שלאָפן...

לאַנגזאַם האָט ער אָנגעקלאַפּט אָן ביידל און אָן אַלץ...

שיפרעלע איז שוין געלעגן אין בעט. זי האָט ליב אַזאַ לאַנגזאַמען רעגן, אַ שטילן, אָן דונערן, אָן בליצן. זי פילט אַביסל קיל. די פייכטע לופט נעמט זי דורך, דורך די פּאָר צודעקן. זי האָט דערהערט טריט, דערנאָך אַ קליין פייערל פון אַ לאַמטערן. ווען די טריט האָבן זיך דערנענטערט צו איר ביידל, זיינען זיי געוואָרן אומדרייסט. אַלץ איז שטיל. אָבער זי פילט עמיצן, ניט ווייט פון איר, און דאָס ליכט דרינגט אַריין דורך די שפּאַלטן פון ביידל.

זי זעצט זיך אויף און פרעגט ווער עס איז דאָרט.

זי האָט דערהערט די שטימע פון דעם פאַרמערס עלטערן זון. זיין מוטער האָט אים געשיקט מיט אַ פּאָר קאָלדרעס פאַר איר, טאָמער איז איר קאַלט, און צי עס רינט ניט אַריין אין ביידל.

זי טוט אויף שנעל אָן איר שלאָף־מאַנטל מיט די נאַכט־שיך און הייסט אים אַריינקומען.

— יאָ, טאַקע, איך האָב געפילט גאַנץ קיל — זאָגט זי צו אים, נעמענדיק די וואַרימע קאָלדרעס און שפּרייטנדיק זיי אויף די איבעריקע.

— עס טוט מיר לייד, וואָס איר האָט זיך צוליב מיר געדאַרפט פאַררעגענען, — זאָגט זי צו אים און בעט אים זיצן ביז דער רעגן וועט אויפהערן. זי גיט אים אַ שטול און ער הענגט אויף דעם לאַמטערן אין מיטן פון ביידל.

— אויב איר ווילט ניט שלאָפן, וועל איך זיצן, — ענטפערט ער העפלעך.

— אָ, זיכער וויל איך ניט שלאָפן. איך וועל פאַרשפּאָרן ליגן אַליין און וואַרטן אויפן שלאָף, וואָס האָט זיך מינאַסטאַם צוליב דעם רעגן ערגעץ פאַרשפּעטיקט.

מער האָבן זיי ביידע ניט געפונען וואָס צו ריידן און זיי זיינען

אַנטשווייגן געוואָרן ווי שטומע. אַ לאַנגע צייט האָט שיפרעלע זיך גע־מאַטערט, זוכנדיק ווערטער אויף צו רעדן. פּלוצלונג האָט זי צוריק־געקראָגן איר שפּראַך:

— הערט, איר ווייסט? איר קוקט ניט אויס ווי אַן אַמעריקאַנער. איר קוקט אויס ווי אַן אַראַבער, און אַפילו די מעלאָדיעס וואָס איר זינגט, זיינען אויך אַזוי ווי פון יענעם לאַנד...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט דערשטוינונג. זי האָט אים, הייסט עס, געהערט זינגען. די לידער נאָך וועלכע ער איז אַזוי ווייט געפאָרן. לידער וואָס רופן אים צוריק אַהין ווייט, וואו עס איז אַזוי שיין. ער קוקט אויף איר, און דערפילט זיך אַזוי היימיש לעבן איר, פּלוצלונג.

זי זיצט אויפן ברעג בעט מיט די הענט צונויפגעלייגט, די האָר צעלאָזן, אַ בלאַסע, אַ פאַרטראַכטע, און אַ שמייכלענדיקע.

ער דערפילט אַ נאָענטקייט צו דער פרוי, וועלכע איז ערשט געווען אַזוי ווייט און אַזוי פרעמד צו אים.

ער זעצט זיך אויפן שטול און שפּאַרט זיך אָן אַן וואַנט פון ביידל און קוקט אויף דער לאַמטערן. ער שמייכלט און זיינע ציין באַלויכטן דאָס ביידל מער פון דער לאַמטערן...

— אויב איר זייט נאָך ניט שלעפעריק, וועל איך זיין דאָ נאָך אַביסל — זאָגט ער, קוקנדיק אויף איר.

— ניין, ניט שלעפעריק, פאַר קיין פאַל!

— מיר זיינען ניט קיין אַראַבער — האָט ער לאַכנדיק אָנגעפאַנ־גען — מיר זיינען אַמעריקאַנער־געבוירענע פון דוויר־דוירעס, נאָר מיר האָט זיך פאַרוואָלט וואַנדערן, האָב איך איבערגעלאָזט דעם פאַרם און מיינע עלטערן, און בין אַוועק איבער דער וועלט, בין אָנגעקומען קיין ירושלים, און בין דאָרטן פאַרבליבן זיבן יאָר, זיך דאָרט גע־לערנט, דאָרט געאַרבעט, דאָרט געלעבט, און איצט בין איך ערשט אַכט מאָנאַטן פון יענעם לאַנד, וואוהין עס בענקט זיך אַזוי שטאַרק צוריק... וואוהין איך קוק, זע איך פאַר זיך ירושלים. צו מאָלן אייך יענעם לאַנד איז פאַר מיר אוממעגלעך, און פאַר אייך ניט נויטיק. איך לייען און טראַכט פון יענעם לאַנד. איך טו אַלץ, אום ניט צו פאַרגעסן... עס ווילט זיך אַזוי צוריק.

— עס פרייט מיך דאָס אַלץ צו הערן! — האָט שיפרעלע מיט

פרייד אויסגעשריען. — עס איז מיר איצט קלאָר געוואָרן פאַרוואָס איר שטייט אויף פאַרטאָג און איר מורמלט די מעלאָדיעס, פאַרוואָס איר קוקט אַהין ווייט אין דער וועלט אריין, ווי איר וואָלט נאָך עפּעס געבענקט...

— איך האָב אַזוי הארציק געוואָלט וויסן ווער איר אַלע זייט, און איצט קענט איר זיך פאָרשטעלן מיין הארציקע פרייד, ווי דאנקבאר איך בין אייך פאר אייער קומען אהער, און ווי איך דאַנק גאָט פאַר היינטיקן רעגן...

זי איז שטיל געבליבן...

אַלץ אַרום איז געווען שטיל. דער רעגן — ווי ער וואָלט זיי ניט געוואָלט שטערן, האָט זיך אָפּגעשטעלט. סימאָנים פון דעם אָנ־קומענדיקן פאַרטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אויפן הימל.

זי איז אַרונטער פון בעט, האָט אָפּגעבונדן דאָס שטריקל פון לייוונט און אויף איין זייט אויפגעעפנט דעם ביידל. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געטאָן דאָס זעלבע פון דעם צווייטן זייט.

א שטראָם פון פריש לופט האָט זיך אריינגעריסן אין ביידל צו־זאַמען מיטן רויעך פון רעגן, פון בלעטער, פון גראָזן, פון פאַרגאַנגע־נער נאַכט, פון אָנקומענדיקן טאָג...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שוועל פון ביידל, צוגעדעקט די פיס מיט א קאָלדרע.

ער איז אויפגעשטאַנען פון שטול, זיך געשטעלט לעבן איר. מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָן שטריק און מיט דער צווייטער אַרונטערגענומען די לאַמטערן און זי אויסגעלאָשן. א ווײַלע איז ער געשטאַנען און געקוקט אויפן פעלד.

א וויילע שפּעטער זיינען זיי געזעסן איינער לעבן צווייטן.

שטיל, ווי פאר זיך אַליין, האָט שיפרעלע אים דערציילט אין קורצן ווערטער זיך: א ביסל, ניט אַלץ, בלויז וואָס עס קען קומען אויפן געדאַנק אין אַזאַ נאַכט לעבן א פרעמדן און נאָענטן מענטשן...

ער האָט זיין האַנט אויסגעשטרעקט און האָט איר פאָרן ברעג פּנים אָנגענומען, געקוקט אויף איר, אָפּגעקערט דעם קאָפּ אויף א וויילע און — ווידער געקוקט אויף איר.

ער האָט צוגענומען די האַנט און ווידער אויפגעהויבן און גע־גלעט איר פּנים, אירע אויגן, אירע האָר, און זי געטוליעט צו זיך...

שיפּרעלע פּילט אַז זי איז שיקער. זי פּילט, ווי דער קאָפּ דרייט זיך איר. די פּיס און הענט ציטערן. דער צונג איז שווער, רעדן קען זי ניט און — זי איז שיקער. פון וואָס ווייסט זי ניט...

ער הויבט זיך אויף פון אָרט און בעט זי אַריינגיין אין ביידל. ער האָט דערפילט, אַז זי ציטערט — זי וועט זיך צוקילן אויפן שוועל, זאָלן זיי זיצן ווי פריער.

זיי גייען אַריין אין ביידל.

זי זעצט זיך אויף איר געלעגער. ער דעקט איר צו, און ער זעט ווי זי ציטערט. ער פילט אַ ראַכמאָנעס. ווידער בינדט ער פונאַנדער די שטריק פון ביידל און זעצט זיך צוריק אויפן שטול. ווי אַ זייגער קלאַפּט זיין האַרץ... ער הערט יעדן קלאַפּ. ער דער־זעט איר האַלדז, אַ שטיקל אַקסל און דעם טיפן שמאָלן פּאַס צווישן די ברוסטן. ער אָטעמט שווער. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און נעמט איר האַנט און דריקט עס.

ער ווייסט אַז ער טוט איר שטאַרק וויי. ער איז שרעקלעך אין קאַס וואָס זי שווייגט און שרייט ניט אויס פון ווייטיק.

ער גלעט אירע אָרעמס און לאַסטשעט אירע פינגער.

ער נעמט אַלע פינגער אין זיינע הענט און איינציקווייז דריקט ער זיי פעסטער און פעסטער. ער קוקט אויף איר, און וואַרט, זי זאָל כאָטש איין קרעכץ געבן, כאָטש עפענען די אויגן, כאָטש וויינען — עפּעס זאָל אים אויפרעגן ביז בלוט. ער פילט די וואַרימ־קייט אין אים, אָבער ער פילט אויך אַ שטיינערנע קאַלטקייט אין איר און איר אייזערנע קראַפט, מיט וועלכער זי באַהערשט זיך, מיט וועלכער זי פאַרטיידיקט זיך און קעמפט קעגן אים.

פּלוצלונג האָט ער זיך ווייטער פאַרטראַכט און געקוקט אין דער ווייטקייט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען און ווידער גע־קוקט אויף איר. ער איז אַרויס אויפן פעלד און געבליבן שטיין לעבן ביידל.

ער האָט געטראַכט פון יענעם פעלד, דאָרט ווייט אין ירושלים. פון דעם ירדן, פון דעם הייסן זאַמד, און פון זיין קליינער געליבטער, וועלכע האָט מיט אים פיר יאָר געטיילט אַ לעבן.

ער קוקט אויף זיין געליבטער, אין זיינע געדאַנקען און פונקט ווי ער וואָלט זי געזען דאָ לעבן זיך . . . אַה, ליודאַ, טייערסטע

מיינע! ווי צערטלעך שיין איז עס דיין ליבע צו מיר געווען. וויפיל בענקשאַפט דו האָסט אין מיר פאַרזייט. און יעדער שטיקל פעלד און הימל דערמאָנט אָן דיין לעבן...

שיפרעלע האָט זיך אויפן שוועל פון ביידל באַוויזן. זי האָט זיך אָנגעבויגן און צו זיין ברוסט מיטן קאָפּ צוגעטוליעט, אירע ליפּן האָט זי צו זיין קאַלטער באַק געפּרעסט. דורך זיין לייב איז אַ דונער דורכגעלאָפן פון איר באַרירונג. די קליינע צאַרטע ליודאַ איז פּלוצ־לונג פאַרשוואונדן פון אים. ער האָט שיפרעלען אין זיינע אָרעמס גענומען, ער נעמט זי אויף די הענט און ווי אַ קינד טראָגט ער איר אַריין אין ביידל און זעצט איר אַוועק אויפן ברעג פון בעט.

ער נעמט אַרונטער אירע נאַכט־שיך, איר שלאָף־מאַנטל, ער קושט אירע פינגער, וועלכע ער האָט פריער מיט צאָרן געדריקט. ער גראָבט זיין קאָפּ איין אין אירע ברוסטן און הויבט אָן רעדן:

— מיט אַ פּאָר ווערטער האָסטו מיר דיין גאַנצן לעבן איבער־געגעבן. עס איז מער גאָר ניט נויטיק. מיר זיינען ביידע אונזערע... דיין האַרץ איז מיינע, דיין נעשאָמע איז מיינע און דיין לייב וועל איך אַליין נעמען...

געזעגן זיך מיט דער וועלט פון וועלכער דו ביזט אַהער געקומען און אין וועלכער דו האָסט אַזויפיל אומגליקלעך דיין לעבן געצערטלט. אַזוי ווי איך וועל פאַרגעסן ווי איך האָב אַזויפיל געבלאָנדזשעט. פאַרגעס אָן אַלץ איידער איך נעם דאָס וואָס אונדז ביידן קומט.

דו הערסט, דער רעגן איז ווידער געקומען. ער ברענגט לעבן צו אַלץ אַרום. ביז טאָג וועט קומען וועט אַלץ מיט נאָך מער לעבן בליען...

ער האָט זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און געקוקט אויף אירע פאַרמאַכטע אויגן, געפילט ווי זים ער טוט איר ווויי דערמיט וואָס ער באַזיצט איר...

זי האָט אירע הענט אויפגעהויבן און אין זיינע אָרעמס אירע פינגער אַריינגעדריקט...

נאָך שפּעטער האָט ער געקוקט אויף אירע האַלב־צעעפנטע אויגן. ער איז צוגעפאַלן צו אירע הייסע ליפּן מיט זיינע און זיך שטאַרקער איינגעגראָבן אין איר ברענענדיקן לייב.

דער פאַרטאָג האָט אַ שיין געטאָן אויפן געלעגער. דעם לעצטן מאָל האָט ער אירע פינגער געקושט און איז פאַרשוואונדן אין פעלד צווישן די ביימער און טיפע גראָזן.

* *

*

אויף אַ ווייכן שטול, לעבן אַ פענצטער, אין איר היים, וואו אָן אַ צאָל בלומענטעפּ בליען און קוקן שיפּרעלען אין די אויגן מיט דאַנקבאַרקייט פאַרוואָס זי האָט זיי פאַרפלאַנצט, זיצט שיפּרעלע און טראַכט טעג און נעכט און געפינט ניט קיין ענטפער. זי וויל פאַרגעסן, פּונקט ווי זי וויל ניט פאַרגעסן... וואָס איז יענע נאַכט געשען? עס איז געווען אַ נייעס פאַר איר. זי האָט דורכגעלעבט וואָס זי האָט קיינמאָל ניט דורכגעלעבט, קיינמאָל אפילו ניט געט־ראַכט, אפילו ניט אין יענער נאַכט, ווען זי איז געווען שיקער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך...

אירע ווערטער זיינען שטילע, צאַרטע, געציילטע . . .

עפּשער בענק איך נאָך אים? און עפּשער — ניט? איך וויל ניט און וויל יאָ טראַכטן פון אים. זי דריקט צונויף איר האַלדז מיטביידע הענט, מאַכט צו די אויגן, און די טרערן מאַטערן זי, לאָס־טשען זי, מאַכן ווייך איר גאַנץ וועזן. זי וואָלט אים גערן איר לעבן געגעבן...

ווען זי ליגט ביינאַכט אין איר צימער אויפן ווייסן געלעגער און די לעוואָנע לייכט אריין צו איר אין פענצטער דורך צוויי גרויסע מויערן — פאַרמאַכט זי די אויגן און זעט אים...

זי זעט יענע נאַכט, יענע הייליקע נאַכט... ווען זי האָט גאָט געבעטן די נאַכט זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן... נאָר גאָט האָט זי ניט געפאָלגט... און ער — אמאַסאַ, וועלכן זי קאָן ניט פאַרגעסן, האָט אפילו ניט געוואוסט פון וואָס זי טראַכט, ווען ער האָט אירע פינגער אַזוי שמערצלעך געדריקט . . .

אין פעלד, ווען ער האָט אויסגעלאָשן די לאַמטערן... זיי ביידע האָבן זיך געזעצט אויפן שוועל פון ביידל... זי זעט די לע־וואָנע, וואָס האָט יענע נאַכט נאָכן רעגן אַזוי ליכטיק געלויכטן. דאָס פעלד האָט ווי אַ ליכט אויסגעזען. זי הערט גאַנץ גוט ווי די

וואַסערן אונטן, אין טיפֿן טאָל, זשורשען און לויפֿן. דער זיג־זאַג פֿון טייכל ווי אַ שלאַנג וואַרפֿט זיך דער זיג־זאַג... אין דעם שמאָלן טייכעלע, וואו זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער לעוואָנע און זיך דערשראָקן פֿאַר איר...

די לעוואָנע אײַלט זיך צו אַנטלויפֿן. אָט לויפֿט זי צו, צו אַ שטיק וואָלקן און באַהאַלט זיך הינטער אים. נאָר אַ קליין שטיקל פֿון איר קײַלעכדיקן קאָפּ זעט זיך אַרויס, און אָט באַלד רוקט זי זיך ווידער אַרויס פֿון איר באַהעלטעניש, לאַנגזאַם פֿאַרנעמט זי ווידער איר אָרט אויפֿן הימל און מיט איר פֿולער, קײַלעכדיקער גרויס קוקט זי צו זיי, צום ביידל... יאָ, צו זיי. צו איר און צו אַמאַסאַ... אַמאַסאַ נעמט זי אָן פֿאַר איר פּאָנים און ווען ער קושט זי, באַהאַלט זיך די לעוואָנע ווידער, נאָר דאָס מאָל הינטערן באַרג. קוים וואָס מען זעט זי. עס טאָגט. די ביימער כאַפּן זיך אויף פֿון זייער שלאָף. אַ מילדער ווינט האָט זיי אויפֿגעוועקט. די בלעטער אויף די ביימער הויבן זיך אָן וויגן און סוידעסדיק זינגען זיי.

די גראָזן הויבן אויף זייערע גרינע העלדזלעך און באָדן זיך אין מאָרגן טראָפּנס.

זי זעט אַמאַסאָן אַרויסגיין פֿון ביידל... זי וויל אים נאָכלויפֿן נאָר ער איז שוין ניטאָ. זי נעמט זיך אָן פֿאַר אירע פֿינגער דריקט, און קושט זיי, זי וואַרפֿט זיך אויפֿן געלעגער און דער פֿאַרטאָגיקער שלאָף וויגט איין איר נעשאָמע...

* *

*

שטיל הויבט זיך שיפּרעלע אויף פֿון שטול, גיט אַ קוק אויף אירע בלומען־טעפּ. גלעט די בלעטער פֿון די בלומען, גיט אַ קוק אויפֿן זייגער. גרישאַ וועט שוין באַלד קומען פֿון טיפּאָגראַפֿיע. באַלד ווי געוויינטלעך וועט מען אויסרעדן די נויטיקע פֿאַר ווערטער וועלכע זײַנען פֿאַר זיי ביידן ניט וויכטיק.

זינט דעם לעצטן געשפּרעך מיט גרישאָן וועגן זײַן ברודערס פֿרוי רעדן זיי קימאַט קיינמאָל.

עס אַרט איר איצט גאָרנישט. עס פֿאַרדריסט איר די צײַט וואָס

זי האָט זיך מיט גרישאַן געקריגט צוליב זיין ברודערס פרוי. גרי־
שאַ האָט ניט געלייקנט, אַז פאַר דער צייט וואָס זי איז געוועזן אין
אייראָפּע, און ער ביים ברודער, האָט ער זיך דערנענטערט צו זיין
שוועגערן, דאָראַדאַן, און מער האָבן זיי וועגן דעם ניט גערעדט.
עס אַרט איר איצט גאָרניט. ביינאַכט, ביי גרישאַס זייט, טרוימט
זי וועגן אַמאַסאַן.

מאַלקעלע

צוויי פאַמיליעס זיינען עס געווען.

צוויי גאַנץ פאַרשיידענע. איינע, אַ רייכע, אַ פּויערשע. די צווייטע, אַ כאַסידיש־אידישע. ער, דער איד, אָפּלעבנדיק זיינע אַלע יאָרן אין דאָרף, האָט געשעמט פאַר אַ גוטן מענטשן.

די גאַנצע דאָרף פּויערים מיט וועלכע ער האָט יאָרן לאַנג געהאַנדלט האָבן זיך מיט אים פריידלעך איינגעלעבט. פאַר זיין עמעסער פרומקייט האָבן זיי אים הויך געשעצט און פאַר זיין מענטשלעכקייט, מיט אים ערלעך געהאַנדלט.

צו די אַרומיקע דערפער אַרום איז ער אויך ניט פרעמד געווען. זיי קאָנען דעם איד „איצקאָ", פון יענער זייט טייך דעסנע, און האָבן צו אים צוטרוי און גלויבן. און דער ערלעכער איצכאָק, ווי זיין נאָמען איז געווען, האָט עס פאַרדינט.

„איצקאָ" האָט געקויפט פון זיי טוואוע, היי, האָבער, גענדז און הינער. און איבערהויפּט ערעוו שניט צייט איז ער שטאַרק צונויץ געקומען. ער האָט זיי אַסאַך אויסגעהאָלפן ביז זיי פלעגן אַרונטערנעמען די טוואוע פון פעלד.

ער האָט געהאַט צוויי קראָמען פון אַלערליי — פאַר די פּויערים — נויטיקע זאַכן: אין איין קראָם איז געווען בוימל פאַר די אָפּגעטער, אויל, קעראָסין, צוקער, פאָדים, נאָדלען און נאָך קליינינקייטן; און די צווייטע קראָם איז געווען אָנגעפּאַקט מיט טוואוע, אַזש די „זאַסיקעס" האָט מען קוים אַרויסגעזען: פאַרשאָטענע מיט האָבער, קאָרן און מעל, גרויפּן, הירזש, ליין־זוימען. און אין מיטן קראָם איז געשטאַנען אַ גרויסע וואָג, וואָס

האָט זיך געציילט פון פונטן ביז פודן, און איז זעלטן ליידיק גע־שטאַנען.

און אָט פון דעם אַלעם, האָט זיך דער איד איצכאַק אַ לעבן געמאַכט.

פאַר זיין דערפאָלג האָט ער אָבער געדאַרפט היבש דאַנקען זיין פרוי. זי האָט אויסגעזען ווי אַ געבוירענע פויערטע, און איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין הויז אָדער אין איינער פון די קראָמען. זי האָט קיינמאָל ניט גערוט — געאַרבעט פון אינדערפרי ביז שפעט אין אָוונט.

צוויי קינדער האָבן זיי געהאַט: אַ זון און מאַלקעלען, די בילד־שיינע טאָכטער זייערע.

„אַן אמעסע 'כאַרקאָווער קראַסאָטקע' " — אַזוי פלעגן די פויע־רים זי רופן, ווען זי פלעגט קומען אויף קאַניקול אַהיים צופאָרן.

— אַך, איצקאָ, ציילעם אויס דיין מאַרינקאַן, — האָבן אים פוי־ערים, מיט ניט ווייניק קינע, אָפט געזאָגט.

— אָט האָב איך אַ זון, פּראָסטאָ מאָלאָדיעץ, און דו וועסט קיין כאַראָטע ניט האָבן, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן. — איך וועל געבן פעלד און וואַלד, כאַזיירים די פעטסטע, דו ווייסט גוט, אַז איך בין אַ רייכער, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן. — פלעגט שטענדיק אַ רייכער פויער צו אים צושטיין.

אָבער דער איד, „איצקאָ" האָט פריידיק געלאַכט, און זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט זיין גערעטענער טאָכטער, מאַלקעלען. ער ווייסט שוין וואָס פאַר אַ שידוך צו טאָן מיט זיין מאַלקעלען. וואַרט, זאָל זי נאָר ענדיקן. עס קומט אָן גאַנץ שווער צו בילדן זיין טאָכטער אין אַ גרויסער שטאָט. עס קאָסט געננוג געלט. אָבער וואַרט, זאָל זי ענדיקן, און אַלץ וועט זיך אויסהיילן. ער וועט שוין קאָנען ווייזן דעם פויער, אַז אַבוץ זיינע פעטע כאַזיירים, קאָן ער געבן אַ בעסערן נאַדן. אַ ראָוו'ס אַ זון וועט זיין דער מאַן פון זיין איינציקער ליכטיקער מאַלקעלען.

און אַזוי זיינען יאָרן און יאָרן געלאָפן. און די פויערים זיינען נאָך אַלץ געקומען צו „איצקאָן" קויפן און פאַרקויפן, האַנדלען און פאַרהאַנדלען, און די זעלבע „זאַסיקעס" זיינען נאָך אַלץ אָנגעפילט מיט אַלעם גוטן.

און אַזוי יאָר איין, יאָר אויס.

שאַבעס־נאַכט איז דאָס שענסטע בילד אין דאָרף ווי די גויאים קומען צו און טרעפן נאָך די קראָם פאַרמאַכט. איינ־ציקווייז, רואיקע זעצן זיי זיך אוים אויפן פריזשבע, אויף די טרעפ פון די קראָמען. שפּאַרן זיך אָן אָן טויער, רויכערן און שפּייען. קוקן אויפן הימל צי עס זיינען שוין דאָ שטערן.

און זיי קוקן גוט. ביז זיי דערזעען ניט די ליכטיקע שטערן וועלן זיי זיך נישט אויפהויבן פון אָרט. זיי ווייסן, אז „איצקאָ" „מאָליעט" זיך. זיי ווייסן, ער מאַכט האַוודאָלע, ער דאַוונט מינכע־מאַירעוו. אָט באַלד וועט זיך דערהערן אַ קלאַנג פון שליסלען און דער שמייכלענדיקער „איצקאָ" וועט זיי די גוטע וואָך אָנטקעגן ברענגען. זיי ווייסן, אַז ער וועט מוזן באַלד אַרויסקומען. און זיי וועלן אַלע אים באַגריסן מיט דעם געוויינלעכן — „העי, איצקאָ, שוין געגוג דיר זיך „מאָליען". אין שטוב איז קיין קעראָסין ניטאָ, די באַבע בורטשעט. עס איז פינצטער, און דאָ ווילט זיך רויכערן און קיין מאַכאָרקע אויף אַ פּאַפּיראָס איז אַפילו ניטאָ.

איצכאָקס יונגער פרומער זון, פאַר ווען די אויסערלעכע וועלט איז אַ סאַד געבליבן צוליב זיין צוריקגעהאַלטנקייט, צוליב זיין פרומקייט — לויפט גלייך אַרוים צו זיין פאָטערס זייט, די לעצטע פאָר הייליקע ווערטער דערזאָגט ער מיט אַ שטילן מורמלען און טראָגט זיך צו דער צווייטער קראָם.

עס ווערט אַ קלאַפּעריי פון די „פּראָהאָנעס", די שלעסער האָבן זייערע מיילער געעפנט. אַ קליין פייערל באַווייזט זיך. די פּויערים פילן אָן דאָס קלייטל און איצכאָק זינגט אונטער דאָס האַוודאָלע לידל.

* *
*

אין אַ גרויסער רוסישער שטאָט, אויף אַ ברייטער גאַס, שטייט אַ ווייסע הויז, מיט טשערעפּאַכעס דער דאַך אויסגעלייגט. דאָרט וואוינט איצכאָק'ס טאָכטער די שיינע מאַלקעלע. דאָרט ענדיקט זי גימנאַזיע. דאָרט איז זי גליקלעך. אַנטקעגן יענעם הויז, איז אויסגעבויט פון רויטן ציגל די טאַביק פאַבריק טורשו, וואו מאַלקעלע קומט זען איר וואָלאָדיען.

אַ שטונדע פון רו.

מאַלקעלע, איילט זיך גיין זען איר טייערן־ וואַלאָדיען.

וואַלאָדיע, וועמעס שטאָלצער טאַטע האָט זיך קיינמאָל ניט אָנ־געשלאָגן צו דעם איד „איצקאָ׳, אַז ער זאָל זיין געראָטענעם זון פאַר אַן איידעם נעמען.

אַלץ יאָ, האַנדלען מיט דעם אידן יאָ... קויפן, פאַרקויפן, יאָ. אָבער נעמען אַ אידישע שנור — כאָלילע! זיין וואָלאָדיע וועט נעמען דעם נייעם גאַלעכ׳ס טאָכטער, די שיינע, שוואַרצע, נאַ־דעזשדאַ. אָט יענע קליינע נאַדינקאַ וועט זיין די ווייב פון זיין זון, אַן עמעסע הייליקע קרעסטיאַנקע. מען זאָגט אין דאָרף, אַז נאַדיאַ זעט אויס ווי די הייליקע מאַמע. אָט אַזאַ הייליקן פּאָנים האָט זי די שוואַרץ־כיינעוודיקע. און זאָל ער זי נאָר אָנקוקן. די גאַנצע געלט פון „קאַזנאַטשייסטווע״ וועט ווייניק זיין. אַ וועטערינאַרער דאָקטאָר וועט ער ביי מיר ווערן. און נאַדיאַ וועט מיין שנור זיין.

נישקאָשע, פאַראַן געגנוג וואָס צו עסן. אהאַ, מען קאָן אָנ־האָדעווען גאַנצע סטאַדעס גענז, פון וואָס ביי מיר גייט אַוועק אין ניוועץ. און פאַר איר... פאַר נאַדינקען... איך אַליין פייגער נאָך איר, אַזאַ הייליקע נעשאָמעלע.

וואַלאָדיאַ האָט געענדיקט לערנען פריער פון מאַלקעלען, האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין פאַבריק אום צו זיין נאָענט צו זיין געליבטער מאַניטשקען, ווי ער פלעגט מאַלקעלען רופן. ער איז זייער געניט אין טאַביק. נאָך אַלס קינד פלעגט ער זיין טאַטן אין פעלד אַרויסהעלפן.

היינט איז אַזאַ שיינער זוניקער טאָג. די פייגעלעך אַנטקעגן פון גימנאַזיע גאָרטן האָבן זיך צוזונגען. די קורסיסטקעס לאַכן און פרייען זיך, און מיט אומגעדולד קוקט ער צום גימנאַזיע גאָרטן פון וואַנען זיין געליבטע דאַרף קומען.

וואָס וויל דער קאַראַאים פון אים? אָט דער קאַראַאים, וואָס איז דער הויבט אָנגעשטעלטער פון פאַבריק. ער האָט זיך מיט אים באַפריינד׳עט. באַלד ווי ער האָט דערזען זיין מאַניען, טרעט ער שוין פון אים ניט אָפּ. ער דרייט אים דעם קאָפּ פון בלייבן דאָ, פון רעדן מיטן באַלעבאָס דעם האַרבאַטן טורשו. און זיינע געדאַנקען זיינען גאָר דאָרט ביי איר.

פלוצלונג האָט זיך די געשאַרענע קעפּל פון זיין געליבטער באַוויזן. שטיפעריש איז זי פאַרבייגעלאָפן אירע כאַוועדטעם און פאַרגאַנוועגענדיק זיך הינטער א געדיכטן, רויטן קוסט פון ראָזעס, האָט זי איינע פון זיי אויסגעריסן און איז, א גליקלעכע, געלאָפן צו אים.

— גוט מאָרגן, מאַניטשקאַ, — האָט וואָלאָדיאַ לאַכענדיק אירע הענט אָנגענומען און זיי באַדעקט מיט קושן.

— גוט מאָרגן, „אופּראַווליאַיעשטשי”, — האָט זי, אים צושפּי־לענדיק די ראָזע, פרייליך געענטפערט.

—ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער רויז, זי א קוש געגעבן, איינגעאָטעמט דעם רייאַך און האָט עס דורך א קוש אין איר שטערן איר דעם רייאַך איבערגעגעבן.

זי האָט אים אונטערן אָרעם גענומען. זיי האָבן זיך אוועק־געזעצט אויף א פעסל טאַביק. דער קאַראַים איז געשטאַנען פון ווייטנס און זי העפלעך באַגריסט, רעכענענדיק דערביי עפּעס מיט א פעדער אין האַנט און רעדנדיק צו א מאַן. מאַלקעלע האָט צו אים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו. מאַניטשקאַ, פאָרן מיר אַהיים? — פרעגט וואָלאָדיאַ שמייכ־לענדיק.

— אַך, טייערער, נאָך ווי פאָרן, אַזש שיידים וועלן טאַנצן! אַך, וואָלאָדיאַ, ווען מיין פאָטער זעט מיך איצט זיצן מיט דיר, וואָלט איך פאַרשפּאָרט אַהיים צו פאָרן. איך וואָלט אויך גע־דאַרפט זוכן א שטעלע, דאָ אויפן פאַבריק, און עפּשער כאַסענע האָבן מיט א קאַראַים.

ער האָט זיך הויך צולאַכט און זי צוגעדריקט צו זיך.

— ווער איז יענער מאַן, וואָס זיצט דאָרט און שניצט שטעקעלעך?

— האָט זי אים געפרעגט, דערזעענדיק א יונגן סטודענט.

— אַך, דאָס איז א גרויסער מענטש, מאַניאַ. א קינד פון לײדן, א פּאָליטישער, און טראָגט אויף זיין איידעלן קערפּער סימאָנים פון דער בלוטיקער קאָזאַקן נאַהייקע.

— אַך, מיין גאָט! — האָט זי אויסגעשריען. — ער שיינט צו זיין זייער קראַנק. ער איז אַזאַ בלאַסער, אַזאַ פאַרכאַלעמטער.

— ניין, איצט האָט ער זיך אַביסל צוריקגעצויגן אום צו ערהאָלן זיך

פון די יעסורים וועלכע ער האָט דורגעלעבט און וועלכע דאָס לעבן, ווארשיינלעך, גרייט נאָך און נאָך פאר אים, — ענטפערט ער.

— איז ער געביל־עט?

— יאָ, געבילדעט. אויך גוט באַלעזן. קומט פון די אוראַלער בערג. א זון פון א קאָזאקן־אַטאַמאַן . . .

— אַך, ער קוקט עס אויס צו זיין, — האָט זי אויסגעשריען.

— פאַרוואָס?

— זיין ברייטע פלייצע און די הויך.

— און זעסט, טייערע, די סימאָנים אויף זיין פלייצע צייגן שוין גאָרניט, אז ער איז דאָס. אליין א זון פון א קאָזאק, זאָל טראָגן אויף זיך קאָזאקישע וואונדן... זיין פאָטער האָט מיסטאָמע ניט איין לייב פארפייניקט — צאָלט פארן טאַטנס זינד?...

זי האָט זיך פארטראַכט.

— קום וואָלאָדיא, צו מיר און העלף מיר איינפאקן מיינע זאכן.

* *
*

אין דעם קליינעם דערפל איז א גרויסער יאָנטעוו.

צוויי גרויסע געסט — פאַר דער באַפעלקערונג פון דערפל. זיי די וואָכעדיקע, ארבעטזאַמע פויערים, מאַכן א גאַנצן וועזן פון אַזא שטיקעלע יאָנטעוודיקייט.

און איצט ווען וואָלאָדיא און מאַניאַ זיינען אָנגעקומען, איז דאָס פאר זיי א גרויסע כאַגע. זיי זאָגן עס איינער דעם צווייטן אָן.

— האָסט געזען מארינקען? — פרעגט די יונגע שיקסע, מאַרטאַ ביי איר כאַווערטע האַננאַן, ביים טייך, וואו זיי זיינען געקומען אויסליייגן פלאַקס. — האָסט געזען די זשידאָוואַטשקע ? א שיינע און א גוטע, — כאַפּט אונטער האַנאַ, וועמעס מוטער איז שטאַרק באַפריינדעט מיט מאַלקעלעס מוטער.

— און אַז זי זעט אימעצן, גריסט זי זיך אַזוי וואַרים און לאַכט אַזוי שיין. נו, אַזוי ווי פון א גרויסער שטאָט. זי האָט שוין געענדיקט. א וואונדער וואָס זי וועט זיין.

— אַן אַקושאָרקע, — כאַפּט אויס מאַרטאַ.

— ניין, זי וועט כאַסענע האָבן, — שרייט האַנאַ פריידיק — מיין מאַמע האָט געזאָגט אַז איצקאָס וייב האַלט אין איין קויפן שטיקער לייוונט און פלאַכטעס און זי פאַרגיסט אַסאַך נאָ־ליוועס, אַזוי ווי צו אַ כאַסענע וואָלט מען זיך געריכט.

פון דערווייטנס, ביים ברעג פון טייך, שפּאַנענדיק אויף דער שמאָלער סטעזשקעלע וואָס פירט צום יונגן סיים, האָבן ביידע שיקסעס דערזען וואָלאָדיען. ביידע שיקסלעך האָבן זיך פאַר־רויטלט, זיך אָנגעקוקט און זיך געשושקעט.

— גוט מאָרגן — באַגריסט זיי וואָלאָדיאַ. — וואָס טוט איר דאָ, מיידלאַך? איר וואָשט גרעט אָדער געקומען אויסנייען? ער האָט זיך צולאַכט, און האָט זיך צוגעזעצט אויפן גראָז און גענומען פאַררויכערן.

די שיקסעלאַך האָבן זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז מער ווי הירזשען האָבן זיי ניט געקאָנט. מאַרטאַ איז אַזוי צוטומלט געוואָרן, אַז זי איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און גענומען איבערלעגן די פלאַקס פון איין אָרט אויפן צווייטן. אויפהויבנדיק די העמד ביז אַריבער די קני הויך, האָט זי זיך אָנגעבויגן און געאַרבעט ביי דעם פלאַקס. האַנאַ האָט איר נאָכגעקוקט און נאַריש גע־שמייכלט.

וואָלאָדיאַ איז געזעסן און געריסן די בלימלעך נעבן אים און געררויכערט זיין פּאַפּיראָס. אָנקוקנדיק מאַרטאַן ווי זי שטייט אין טייך מיט איר האַלב נאַקעטער לייב, איז ער ווי צוגעשמידט געוואָרן קוקנדיק אויף אירע געזונטע, ווייסע פיס, מיט איר יונגער לייב וועלכע איז באַשפּריצט געוואָרן מיט וואַסער. ער שטרענגט זיך אָן צו זען איר פּאָנים, אָבער די שיקסל באַהאַלט זיך פון אים, אויס שעמעוודיקייט.

— שוין אַזוי לאַנג נישט געזען „זיי" אָט די יונגע, נאַאיווע מיידלעך, — טראַכט ער.

— שוין אַזוי לאַנג ניט געזען זייערע געזונטע קערפּערס, זינגט איך בין אַוועק אין די גרויסע שטעט. ער זיצט פאַרטראַכט און פאַר זיינע אויגן לויפט דורך די גאַנצע יוגנט זיינע.

די קליינע שיקסלעך, דאָן, ווען זיי פלעגן זיך טרעפן ביים קלויסטער, און באַנאַכט ביי פּאַראָם, און ארומלויפן צווישן די

גערדיכטע יונגע בוימער אין דעם פֿאָטערס וואַלד. אַ שטראָם פֿון געדאַנקען. ער קאָן זיך ניט באַפֿרייען פֿון זיי. ער הייבט זיך אויף. ער נעמט דעם שטעקן אין האַנט ער זעט ווי די צוויי שיקסעס שושקען זיך. ער טוט ווידער אַ קוק אויף מאַרטאַ'ן. ער דערפֿילט אַ וואַרימקייט אין זיך, און גלייך דערמאָנט ער זיך וואוהין ער גייט, און שפּאַנט לאַנגזאַם אַוועק.

מאַלקעלע זיצט ביים יונגן סיים, אין זאַמד, און טראַכט טויזענטער טראַכטונגען. זי רעדט צו זיך, זי האָפֿט. זי וויינט און זי פֿרייט זיך. אָבער דער עיקר, וואָלאָדיאַ האָט זיך פֿאַר־שפּעטיקט. וועגן דעם האָט זי געטראַכט מער פֿון אַלץ. מערקווירדיק.

שטיל איז ער צוגעקומען צו איר, האָט זי אַרומגענומען און זי צוטומלט געקושט, אַוועקזעצדיק זיך נעבן איר.

מיט פֿרייד פֿון זיין פֿלוצלונג אָנקומען האָט זי אויסגעשריען:

— און איצט זיינען מיר אין דערהיים, טייערער. איצט קאָנסטו זען, אַנשטאָט די טורשו פֿאַבריק, אונדזער ווייסן קוימען, און אייער נייע הויז, — האָט זי געזאָגט —זעסט דאָרט אַנטקעגן? דאָס איז אָניסיעס פּרוכט־גאָרטן. אָך, וואַקסן דאָרט אַנטאָנאָווער עפּל, גרויסע, אַזוי ווי קאָווענעס! און זויערע. אונדזער דינסט, ליענקע, איז געלאָפֿן נאָך וואַסער, האָט זי ניט געקאָנט ביישטיין דעם ניסאָיען, אַזוינע געזונטע, גרויסע זיינען זיי, פֿון די שווערע צווייגן אַראָפּגעזונקען איבער דעם פּלאַנקען. וואָס מיינסטו האָט זי געטאָן? אַנשטאָט גיין צום ברונים, האָט זי אַוועקגעשטעלט די עמער אונטערן פּלאַנקען און אָנגעריסן אַ גאַנצן עמער עפּל. אין צווייטן עמער האָט זי אָנגענומען וואַסער און איז געקומען צו־לויפֿן אַ גליקלעכע אַהיים.

ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דער זאַפֿט פֿון די זויערע עפּל פֿון וועלכע זי האָט דערציילט, האָט אים אַ זויערן טאַם אין מויל געמאַכט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן.

זי האָט זיך צולאַכט.

— גוט, עפֿן ניט די אויגן. איך וועל נאָך טיפֿער אַרונטער שאַרן דעם זאַמד. וועסט זען וואָס פֿאַר אַ מאַלאָדיעץ איך בין. עס איז געזונט פֿאַר דעם קערפּער צו איינגראָבן אים אין אַזאַ ווייסן זאַמד.

— יאָ, — רעדט זי ווייטער. — און די מאַמע האָט זיך

דאָס אַרומגעטראָגן מיט די עפּל . . . אַ קליינינקייט — אַניסים עפּל. פון אַניסים גאָרטן. אַזוינע גרויסע, נאָר נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטיק. און עס איז איר נישט איינגעפאַלן צו פרעגן ליענקען ווי קומט צו איר דער עמער מיט די עפּל.

ווי אַ קינד האָט מאַלקעלע געשטיפט. זי האָט גערעדט, געלאַכט, געזונגען, און טיפער און טיפער זיין קערפער פאַרשאָטן אין דעם ליכטיקן זאַמד.

ווייט פון דאָרף איז דער יונגער סיים. און קיינער וועט זיי איצט ניט באַמערקן. די זון און די וואַסער, און די גאַנצע וועלט איז זייער — טראַכט זי — און זי איז גליקלעך.

— זעסט, וואָלאָדיאַ, האָסט אַ זאַמד־בעט און אַ זאַמד קאָלדרע. עפן די אויגן, גוטינגער, און גיב מיר אַ קוש. — זי האָט איר פינגער אַרויפגעלייגט אויף זיינע ליפּן.

— נו,קוק מיך אָן פריער, און זאָג וויפל גליק ווילסטו איך זאָל דיר פאַרשאַפן? איך האָב דער מאַמען געזאָגט אַז איך גיי צו דעם פּאָריץ סטיפּאַטשענקאָ'ס טאָכטער נאָך אַ ביכל.

ער האָט געשוויגן.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי קוקט אין דער ריכטונג פון איר היים פון וואַנען אַ דינער פּאַס רויך האָט זיך פון דער ווייטנס קוים געמערקט פון זייער ווייסן קוימען.

דאָס באַקט מיין מאַמע אייער קיכלעך אויף שאַבעס, האָט זי צו זיך גערעדט.

ער האָט געהאַלטן זיינע אויגן שטייף געשלאָסן. און די זאַמד־קאָלדרע, ווי זי וואָלט זיך אָנגעצונדן איבער אים, אַזוי שאַרף האָט זיין לייב געברענט. און געטראַכט האָט ער פון מאַרטאָס לייב, דאָרט ביים טייך.

פּלוצלונג איז ער צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו מאַלקעלען, צו איר ברוסט.

שטום אָן ווערטער האָט זי געציילט זיינע קושן.

יעדן קלאַפּ פון זיין האַרץ.

אַ זשאַבע איז פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען און אַ קראָקע געטאָן. זי האָט אַ שטילן ציטער געגעבן און האָט זיין קאָפּ

אַרומגענומען. די זון האָט געוואָרפן אירע לעצטע שטראַלן און זיך איילנדיק געזעגנט מיט דער ערד. שטיקער הימל זיינען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין רויטע פאַסן. אויפן פעלד שטייען סטאָהעס היי. און דער פרישער רייאַך האָט זיך צוטראָגן איבער דעם דערבייאיקן וואַלד.

*　*
*

היינט האָבן זיי זיך ביידע געטראָפן אין וואַלד. נעכטן ביים סיים. און מאָרגן? און איבערמאָרגן? — האָט מאַלקעלע געטראַכט. אה, דער דאָרפישער זומער, מיט זיינע מאָרגנס. ניין, זאָל זיך דער זומער ניט ענדיקן.

מאַלקעלע זיצט דאָרטן אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים, און קוקט אַרויס צום טייכל, וואו קליינע שקאָציטלעך כאַפּן פיש מיט אַ ווענטקע. זי האָט ניט געקאָנט רוען. זי וואָלט איצט אַליין אויך גענומען אַן אודאָטשקע מיט קליינע ווערימלעך און געלאָפן צום טייך.

אַלץ מאַניעט זי. די היי, דער טייך, די הראַבליעס מיט די גרויסע, שאַרפע ציינער, וואָס זיינען איינגעזונקען אין די היי, ווינקען צו איר. דער נייער שאַרפער סערפּ, און די קאָסע וואָס גלאַנצט איר אין די אויגן. די בלויע נעזאַבודקעלעך, די ווייסע אָן צאָל בלימעלעך מיט זייערע געלע קעפּעלעך וויגן זיך, בויגן זיך און רופן זי.

זי וואָלט געלאָפן כאָטש נעענטער זיין צו דעם אַלעם. כאָטש אָנרירן דאָס. אָבער וואָלאָדיאַ וועט זיין ברויגעז. קיינער טאָר מיך ניט זען. עס קומט אָן שווער אַזוי אויך זיך צו פאַרגאַנווענען, זיך היטן, זיך באַהאַלטן.

ווי רייך דאָ איז אַלץ. וועט עס זיין איר לעצטער זומער? וועט זי מוזן וואוינען מיט אים אין גרויסע שטעט? און ניט קאָנען קומען אַהיים איינאָטעמען די בליענדע וועלט? זי מיט וועלכן זי וויל אַזוי איר לעבן טיילן.

אַ שטיל לידעלע האָט זיך דערהערט. זי האָט אויפגעצי־טערט.

— אָך, ניט שעלט מיך, מוטער ליבע,\
פאַרוואָס איך קום שפּעט ביינאַכט.\
און דו מיין פאָטער, זיי ניט ברוגעז.\
איך האָב מיט איר אין פעלד פאַרבראַכט.

אין דעם גרינעם יונגן וועלדל\
זיצט איין מיידל דאָרט אַליין.\
זי וואַרט אויף מיר, אויף איר געליבטן,\
אָט צו וועמען, איך וועל גיין.

זי האָט געקוקט צו דער לאַנגער געדרייטער סטעזשקע

זי האָט זיך אַרים געטאָן און איז ווי אַ פויגל פון וואַלד ארויס געפלויגן.

אָט גייט ער, מיטן היטל אין האַנט. די האָר צעוואָרפן, דאָס מויל צועפנט, אין דאָרפישע קליידער איבערגעטאָן. מיט דער היטל שמייסט ער אַ געלינקן קעפּעלע פון אַ ווייסינקער בלימעלע אַרונ־טער. מיט דער צווייטער האַנט רייסט ער אַ בלויע נעזאַבוד־קעלע אוים און קושט זי.

מאַלקעלע לויפט. ער כאַפּט זי אַריין אין זיינע געזונטע הענט און קושט זי און טראָגט זי צוריק אין וואַלד אַריין.

זיי זעצן זיך אַוועק אויפן גראָז, אונטער די געדיכטע ביימער. זי וויינט, קושט אים. זי פאַרגעסט אַז מ'מוז רעדן שטיל און זי שרייט:

—ביז וואַנען וועלן מיר זיך דאַרפן באַהאַלטן? אַה, וואַ־לאָדיע, איך בין אַזוי אויסגעמאַטערט. איך וועל אויסגיין.

ער האָט זי אויף די הענט געהאַלטן און געקושט. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטאָק אין זיך. ער האָט געוואוסט וואָס דאָס איז. ער האָט איר נאָענטקייט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער קושט זי ליידנשאַפטלעך. ער גיסט אַריין אין זיינע קושן זיין באַגער. ער זעצט זי אַוועק נעבן זיך און הויבט אָן צו איר שמייכלען

ער קאָן ניט רעדן.\
מאַלקעלע האָט אים גוט פאַרשטאַנען...

* *
*

מיט פריידיקער מידקייט גייט מאַלקעלע מיט ליענקען צום טייך און העלפט איר טראָגן די גרעט צום שווענקען. ליענקע לויפט גלייך צוריק, נאָך גרעט צו ברענגען.

מאַלקעלע זעצט זיך אַנידער אויפן גראָז און וואַרט אויף ליענקען. זי קוקט אויפן בערגל וואו גענדז שטשופען די גראָז. זיי טומלען, זיי שרייען, זיי קלאַפּן מיט די פליגלען און פעדערלעך פליען און באַפּוצן דאָס גרינע בערגל.

— אַך, בין איך אייך גענדזעלעך מעקאַנע. איך וואָלט געוואָלט אויך האָבן פליגלען. אַך, איר טייערע גענדזעלעך.

פלוצלונג צעלאַכט זי זיך. טוט אַרים אַביסל גראָז און לאַכט ווידער: וואָס, גאָר אַ גענדזעלע וויל איך זיין?

אַ גאַנדז? און ווער וואָלט אין וואַלד נעכטן געווען? און דעם קראַנץ פון נעזאַבודקעס ווער וואָלט אויפן קאָפּ געטראָגן? און פאַר וועמען וואָלט וואָלאָדיאַ דעם קראַנץ געפלאָכטן? און אויף וועמעס קאָפּ וואָלט ער עס אָנגעטאָן? אַך, ווי איך האָב זיך דערשראָקן ווען וואָלאָדיאַ האָט צווישן די בלויע בלימלעך אַפּאָר געלע בלומען, זיינען אַ סימען פון אַן „אָפּזאָג" אין ליבע. און אַן זיינען ניט מאַזעלדיק. ער האָט זיי אויף שטיקער צופליקט. געלע בלומען, זיינען אַסימען פון אַן „אָפּזאָג" אין ליבע. און אַן אָפּזאָג פון דיר וויל איך ניט, האָט ער געשריען.

אָרעמע בלימעלעך, איך באַדויער אייך פאַרוואָס איר טראָגט דעם אומגליקלעכן נאָמען „אָפּזאָג". וואָס זיינט איר נעבאַך שול־דיק, אַז מען האָט אייך אַזאַ נאָמען געגעבן?

טרערן האָבן געלויכטן אין אירע אויגן ווען זי האָט זיך דער־מאָנט אן זיי. ליענקע האָט אירע געדאַנקען איבערגעריסן

— ליענקאַ! — האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ, — קום שווענקען די גרעט און אַהיים, אַהיים...

— אַהיים, אַהיים — ענטפערט ליענקאַ קוועטשנדיק שעלמיש מיט אירע גרויע אויגן.

אויפן וועג אַהיים, האָט זיך ליענקאַ ארייגעכאַפּט אין אַ

גאָרטן, אָפּגעריסן אַ פּאָר יונגינקע שטעכעדיקע אוגערקעלעך און אַ פּאָר גרינע באַקלאַזשאַנעס אָראָפּגעכאַפּט. מען וועט זיי אין דער היים אויפן שטאָל אַרויפליגן, וועט זיי מאָרגן אין דער פרי די זון רויט מאַכן.

און איצט אַהיים! אַהיים!

* *

*

די גערדיכטע צווייגן פון די גערדיכטע לאָזע־ביימעלעך האָבן צוגעדעקט דעם זאַמדיקן וועג צו דעם טייך־דיעסנאַ וואו מאַלקעלע האָט זיך יעדן פרייטיק פאַרנאַכט געבאָדן מיט ליענקען.

אַזוי ווי דער רויטער האָן, — וואַסקאַ, האָט אָנגעהויבן צו קרייען, איז שוין ליענקע געווען אויף אירע באָרוועסע פיס און וועקנדיק איר יונגע באַלעבאָסטע מיט סירא־דאָי ערשט אויסגע־מאָלקענע מילך. מאַלקעלע פלעגט זיך צוכאַפּן צום גלאָז, און איינ־שלינגען די שוים. און ליענקע פלעגט שטיין מיטן קריגעלע, און צוגיסן אַלע ווײַלע צוביסלעך מילך.

— ווייסט, ליענקע, מען, זאָגט אַז מען טרינקט פון אַ רויטער בהיימע מילך, איז מען אַ גרויסע קאַעסניצע. איך האָב אָבער ליב אירע ווייסע אייטערס. איך האָב ליב אירע קליינע הערנער. איך גיי אוים פאַר איר זיסער שוימיקער מילך.

דער פרימאָרגן איז געווען איינגעהילט אין אַ נעפּל. שווערע וואָלקנס האָבן זיך צושפּרייט איבערן דאָרפישן הימל. דער ווינט האָט געריסן שטרוי דעכער פון די ווייסינקע שטיבעלעך. כאַ־זיירים זיינען געלאָפן, געכרוקעט אָנגעברוגעזטע. די בהיימעס האָט מען געמוזט אונטערטרייבן, אַזוי שווער פויל זיינען זיי גע־גאַנגען. זיי האָבן געוואָרפן מיט עק אַראָפּ און אַרויף, וואָס די פויערים האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ סימען, אַז אַ גרויסער שלאַקס רעגן גיסט שוין ערגעץ. און אָט, אָט וועט ער באַלד צוקומען אין דאָרף צו די פעלדער.

פאַר מאַלקעלען און ליענקען איז קיין אָפּשטעל ניט געווען. פאַרקערט, ווען עס גייט אַ רעגן, ווערט די וואַסער נאָך ווייכער און דער זאַמד ווייסער . עס איז גוט צו זיין אין וואַסער און זען

ווי רעגנ־טראָפּנס קלאַפּן אָן וואַסער, ווי ביימעלעך בויגן זיך. הערן ווי שעפּסן וויינען אויף זייערע דינינקע שטימעלעך. די בהיימעס רעווען, די פּאַסטוכער פּייפן און קנאַקן מיט די בייטשלעך. זאָל רעגענען.

שטיל זיינען די צוויי מיידלעך אַרויף אויפן באַרג. שווער זיינען געווען די טריט אין טיפן זאַמד.

—גיב מיר דיין האַנט, ליענקע, וואָרום באַלד וועלן מיר זיך מוזן אַרונטערלאָזן אַראָפּ באַרג.

זיי זיינען אַרונטער דעם באַרג, האָבן פריי אָפּגעאָטעמט, זיך אַוועקגעזעצט נעבן ברעג דעסנע.

דער ווינט האָט געטריבן די וואָלקנס, עטלעכע טראָפּנס גרויסע האָבן באַנעצט דעם וועג און די זון האָט זיך ארויסגעריסן פון צווישן די וואָלקנס און אויסגעשפּרייט אירע שטראַלן אויפן ברעג פון טייך, אויפן זאַמד, אויפן באַרג, וואו זי האָט נאָר דערזען אַ שטיקל פּלאַץ, האָט זי ווי אויף לעהאַכעס די וואָלקנס אים באַלויכטן, געוואַרעמט.

אויף מאַלקעלעס פּאָנים האָט זי אָנגעטאָן אַ גאָלדן שטראַל.

— לאָמיר טרינקען נאָך צו גלעזער מילך — זאָגט מאַלקעלע. דערפאַר וואָס עס איז געווען אַזוי שווער צו טראָגן, וועט עס זיין גרינג צו טרינקען. — עס האָט זיך דערהערט אַ פּייף פון ערגעץ וויט, אַ עכאָ האָט דער פּייף צוטראָגן: הו־הו — הערט זיך שוין גאָרניט וויט דער הוזשען. די כוואַליעס פון טייך הויבן זיך אָן צעוויגן. ליענקאַ דערמאָנט זיך, אַז היינט דאַרף דורכגיין דער פּאַראָכאָד. און איידער זי וויל עס זאָגן מאַלקעלען, באַוויזט זיך דער נאָז פון אַ בלוי־ווייסער שיף.

מאַלקעלע שטעלט זיך אויף. זי זעט אויפן דעק עטלעכע פּאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן. זיי פּאָכן מיט זייערע נאָז טיכלעך. מאַלקעלע נעמט אַריין איר מויל אין ביידע זייטן פון אירע הענט און שרייט הילכיק אויס אַ גליקלעכע רייזע צו זיי.

ווען דער פּאַראָכאָד איז שוין געווען וויטלעך פון זיי, האָט מאַלקעלע נאָך אַלץ נאָכגעקוקט און פּלוצלונג האָט זי דערזען דעם נאָמען פון פּאַראָכאָד.

„ניעזאַבודקאַ"

גערדאַנקען און גערדאַנקען האָבן אָנגעהויבן רייסן איר מויאַך. זי האָט זיך אויסגעטאָן, זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך און זיך לאַנגזאַם געלאָזט שווימען.

* *

*

ניט ביי דער גרינער לאָנקע. ניט אין דעם טיפן וואַלד און ניט ביי דעם יונגן אויסגוס פון סיים. ניט אויפן זאַמדיקן באַרג , ביי דעם טייך. נאָר אויפן בייסאַוילעם.

דאָרט וואו עס ליגן באַגראָבן אַזויפיל מענטשלעכע קערפּערס, וואו קיין הערצער קלאַפּן ניט, וואו קיין מענטשן שטערן ניט, זיצט מאַלקעלע מיט וואַלאָדיען און שווייגן.

מער ווי זייערע צוויי הערצער האָבן ניט געקלאַפּט. סיידן ביי א וואָרים...

מאַלקעלע האָט ניט געוואָלט גיין אויפן בייסאַוילעם און דערפאַר האָט זי אַביסל מוירע. אָבער מיט וואָלאָדיען? — וואָס איז דער אונטערשייד וואו צו זיין מיט אים? ער האָט זי פאַרזיכערט... אַז קיין בייז וועט זיין. אויפן בייסאַוילאָם ליגן דאָרט קימאַט אַלע באַקאַנטע, זיינע און אירע.

צוביסלעך האָט זי זיך באַרואיקט, נאָר פון צייט צו צייט זיך א טרייסל געטאָן.

— נו, נאָך אַלץ מוירע? אָדער קאַלט, מאַניאַ? — פרעגט ער זי צודריקנדיק זי צו זיך. — מוירע, ליבסטע? נאָך אַלץ מוירע? זיינען דען מיינע אָרעמס ניט גענוג שטאַרק געגן טויטע דיך באַשיצן?

מאַלקעלע האָט געשוויגן.

וואַלאָדיא האָט זיך פאַרטראַכט. נאַדיאַ דעם נייעם גאַלעכ׳ס טאָכטער איז אַשיינע מיידל, טראַכט ער. ווען איך בין געגאַנגען מיטן טאַטן זונטיק אין קלויסטער, האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר. אַ שוואַרצינקע, אַ ביינעוודיקע. ער וואָלט וועלן דערציילן מאַניען, נאָר עפּעס אומבאַשטימטעס לאָזט ניט. אַז דערציילן דאַרף מען אַלץ. ווי אַזוי ער איז דערנאָך מיט זיין טאַטן ביים גאַלעך געוועזן, ווי נאַדיאַ האָט געשפּילט אויף דעם ראָיאַל, ווי זי האָט אים דערלאַנגט אָנגעגאָסענע קאַרשן און פאַרבייסן. ווי זי

איז אַרויס אין קליינעם גאָרטנדל און אָנגעריסן בלומען פאַר אים.

און דאַן ווען ער איז מיטן פאָטער אין דער היים געווען, ווי דער פאָטער האָט אים גערעדט דעם שידעך.

דאָס אַליץ קאָן מען מאַניען ניט דערציילן. עס וועט איר ווי טאָן. שווייגט ער און טראַכט.

פּלוצלונג איז די כיינעוודיקע נאַדיאַ פון זיין געדאַנק פאַרשוואונדן און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען מאַרטאַ. מאַרטאַ מיט די בלאָנדע צוויי צעפּ. מאַרטאַ ווי ער האָט זי געזען ביים טייך ליגן די פּלאַקס, מיט די באָרוועסע פיס, מיט דעם העמד אויפגעהויבן. ער שטרענגט זיך אָן צו זען איר פּאָנים אין געדאַנק. ער זעט ניט, ער האָט איר פּאָנים דאַן אויך ווייניק געזען. אפילו ווען ער האָט זי אין פעלד דאָ ניט לאַנג געזען. אין זיין מאַטנס טאַבאַק גאָרטן האָט ער זי בלויז פון דערווייטנס געזען. בלויז אירע פיס זיינען גרעבערע, דאַכט זיך.

אַ שטראָם פון ווארימקייט נעמט אים אַרום. פּלוצלונג האָט ערוואַכט און גענומען קושן מאַלקעלען.

— קום, — שרייט ער צו איר, — קום! — ער האָט מוירע געקראָגן פאַר זיך אַליין... — ניט פאַר די טויטע דאַרף מען מוירע האָבן, מאַניאַ, ניט פאַר די מאַציייוועס!... פאַר לעבעדיקע, מאַניאַ, הערסט, — פאַר לעבעדיקע! פאַר מיר דאַרף מען אויך מוירע האָבן . . .

מאַניאַ, מיין ליכטיקע מאַניאַ!

איך האָב איצט געטראַכט און איבערגעלעבט זאַכן פון וועלכע דו האָסט ניט קיין אַנונג... קום, מאַניאַ, איך באַגער דיך צופיל. אָבער זיי רואיק. עס איז אַ בייסאָוילעם.

ער האָט זי געקושט פול מיט ליידנשאַפט. ער האָט זי ביז ווייטאָק געדריקט, צו זיך.

און שטיל זיינען זיי אויפן וועג אַרויס.

* *

*

אַ גאַנצע נאַכט האָט מאַלקעלע געוויינט פון וואָלאָדיאַ'ס רייד. פון זיין פּלוצלונגדיקער אויפברויזונג. און עפּעס האָט זי

אין אים באַמערקט אַ פרעמדן געפיל צו איר. זי האָט עס קיינמאָל פריער ניט באַמערקט אין אים.

און היינט מיט געשוואָלענע אויגן, זיצט זי מיט אים זייט ביי זייט און טרערן גיסן זיך ווי פון רינווע רעגן.

— וואָס ווייננסטו, שלעכטע מיידל? האָסט כאַראַטע אויף דיין ליבע צו מיר? האָסט בעסערס אויף דיין וועג באַגעגנט? האָסט מוירע צו פאַרבינדן דיין לעבן מיט מיינעם? דיין גליק מיט מיין גליק? ווייסטו דען ווער פון אונדז איז גליקלעכער? אָדער... האָט ער שמייכלענדיק אַרויסגערעדט, איז ווידער דאָ דער אָפּשטעל צווישן קריסט און איד? דו אויך? צו איז עס מעגלאַך?

זי האָט אים געלאָזט רעדן. עס איז איר גרינגער געוואָרן פון זיין רעדן. גרינגער געוועזן צו וויינען. אַפילו די טרערן האָבן זיך לייכטער אַרונטערגעקייקלט פון די אויגן און האָבן ס'האַרץ ווייכער געמאַכט. אַזוי ווי שטיינער וואָלטן צעווייקט געוואָרן.

ער האָט געקושט אירע פינגער.

— מאַניעטשקאַ, וועסטו מיך לאָזן מאַטערן זיך און ניט זאָגן וואָס דו ווייננסט? טו עס ניט. אויב איך האָב דיר ווי געטאָן, וועל איך אַלץ גוט מאַכן.

זי האָט אויפגעציטערט. אַ שמייכל געטאָן, אַ קראַנקער, אַנגעשטרענגטער שמייכל. אַ שמייכל פון פאַרצווייפלונג פון איינעם וואָס ווייס ניט וואָס וועט זיין.

זי האָט פּלוצלונג אויסגעשריען — און פאַרזונקען אין געוויין.

ער האָט שטיל גענומען רעדן: מאַניאַ, מיר וועלן גיך אַוועק פון דאַנען. מיר וועלן כאַסענע האָבן. מער וועלן מיר קיינמאָל זיך שיידן. איך ווייס און פאַרשטיי... געדענק, מאַניאַ. דו ביזט מיינע. מיינע אין אַלע מיינע אייוורים, מיינע ווי דו ביזט . . . בלויז אַפּאָר טעג וועל איך זיין מיטן טאַטן אין פעלד, אים אויסהעלפן, פאָרן מיט אים אין שטאָט און דאַן וועל איך צוגרייטן אַן אויסרייד. און מיר וועלן זיך איינפּאַקן, קומען דאָרט וואו מיר זיינען געוועזן. און מיר וועלן זיך פאַראייניקן. דו הערסט איך

וועל דיך באַזיצן און וועל זיין דיין מאַן, איך וועל פאַר דיינע טרערן, דיר זיס גליק געבן.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים. און ווי טרערן וואָלטן אויף דער וועלט קיינמאָל געווען.

— וואָלאָדיאַ ווי שיין מיין נאָמען קלינגט ווען דו זאָגסט עס. איך האָב איצט זיך געהאָרכזאַמער צוגעהערט ווי אַלע מאָל. איך האָב אַזוי ליב צו הערן ווען דו זאָגסט אַרויס, מאַניאַ, — האָט זי פּלוצלונג שטיפעריש גענומען שרייען, — אָבער, אַז איך דער־מאָן זיך, אַז דעם סטאַראָסטעס טאָכטער, די קורנאָסע, הייסט אויך מאַניאַ, גיב איך זיך אַכאַפּ פאַר מיין נאָז...

ער האָט זיך האַרציק צולאַכט. זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צועפנט. ער האָט זיך געפרייט מיט איר שטיפן.

— אָה, איך האָב געהערט אַלץ וואָס דו, טייערסטער, האָסט געזאָגט. וואָלאָדיאַ, איך קאָן ניט רעדן. דער צונג איז שווער. מאָרגן אָדער ווען דו וועסט זיין פריי פון פעלד, אין שטאָט, וועלן מיר שוין רעדן.

* *
*

זיי זיינען ביידע אַריבערגעקראָכן דעם נידעריקן פּלאַנקען און זיינען אַרונטער צום שמאָלן טייכל וואו ניט ווייט פון ברעג זיינען געשטאַנען עטלעכע באַטקעלעך ניט קיין געענדיקטע.

די בעריאָזאָווע געהילץ האָט געשמעקט, און דער אָוונט איז געווען אַ קילער, האָבן זיי צונויפגעקליבן די „סטרוזשקעס" און אָנגעבעט זיך אין דער ליידיקער באַטקעלע און זיך אַנידערגעזעצט פון ווייטן האָבן זיי געזען זיצן אַ וועכטער אויף אַ ברעג פון אַ בער־לינע, אַן אָנגעלאָדענע מיט צוקער, און אַ פּליט האָט געשלעפּט געהילץ. אַ רויט פייערל האָט אויפן פּליט געברענט און צוויי געזונטע אַרבעטער האָבן אַרום אים געאייסעקט און געקאָכט עפּעס צום עסן. דער עכאָ האָט פאַרטראָגן קלאַנגען פון שטימען און גע־לעכטער.

— היינט ביזטו פריילעכער ווי נעכטן, — האָט ער באַמערקט.

זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט. די פּוסטקייט פון שטיבל האָט

איר אָפּגעענטפערט און זי האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

— וואָס לאַכסטו, מאַניאַ, איז עס אַזאַ מאָדע ביי דיר? איין נאַכט וויינסטו, איין נאַכט לאַכסטו — האָט ער זי געפרעגט.

— די פוסטע שטיבל דערמאָנט מיר אָן אַ וויץ. ווען איך בין אין שטאָט געוועזן, דאָרט, וואו איך האָב געוואוינט, האָט געדינט אַ שיקסע. טאַניאַ האָט זי געהייסן. אַ פּעטע, אַ מיעסע און זייער אַ נאַרישע. מיט אַלע מיילעס, ווי דו הערסט. איך האָב זייער פיינט געהאַט איר פּאַנים, אָפט פלעגט זי ליידן אויף די ציין און נאָך אָפטער פלעגט זי זיך פוילן אַרבעטן. איין פריי־מאָרגן האָט זי זיך גענומען רייסן אויף די ציין.

— פאַרוואָס זשע, טוסטו גאָרניט צו דעם, טאַניאַ, פרעגט זי די באַלעבאָסטע

— אַך, באַריניאַ נעשאָמע, ניטאָ קיין רעפוע דערצו.

די באַלעבאָסטע פון הויז איז געווען אַ וויצלינג. זאָגט זי קאַלטבלוטיק צו דער שיקסע:

— ווייסט, טאַניאַ, איך האָב פאַר דיר אַ רעפוע דערצו.

די שיקסע איז ווילד געוואָרן פאַר פרייד. — גיכער באַרי־ניאַ, גיכער, וואָרום די באַקן ווערן מיר שוין געשוואָלן.

— לויף אויף לוהינקע, דאָרטן אין יענעם געגנד בויען זיך הייזער, זיינען דאָרט פאַראַן אַסאַך פוסטע הייזער. לויף אַריין אין איינער פון די פוסטע הייזער אָן שרעק און אָן מוירע, שריי אויס אויף דיין גאַנצן האַלדז:

— אַזוי ווי אין הויז איז פוסט, אַזוי זאָל ביי מיר אין מויל זיין פוסט. —

דער וויטאָק האָט געשניטן און זי האָט איילענדיק גענומען דעם וועג צו לוהינקע. אויפן וועג איז איר די באַק אויפגעלאָפן און דער וויטאָק שטילער געוואָרן. צוקומענדיק צום ליידיקן הויז, האָט זי גענומען איבערכאַזערן וואָס זי דאַרף זאָגן, און פּלוצלונג האָט זי זיך געכאַפּט וואָס די ווערטער באַדייטן, האָט זי זיך גע־לאָזן צוריק.

זי איז אין הויז אַריינגעפאַלן, וואו איך מיט מיין באַלע־באָסטע האָבן געקייכט פון געלעכטער, און זי האָט אַזוי געהיר־

זשעט ווי אַ צענדליק פערד. זי האָט זיך מיט איין האַנט געהאַלטן פאַרן באַק, זיך צוגעזעצט אויף דער ערד און געלאַכט.

וואָלאָדיאַ האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער.

אָך, מאַניאַ, אַזאַ גוטן וויץ האָסטו מיר ביז איצט ניט דער־ציילט.

* *
*

היינט איז וואָלאָדיע געוועזן פאַרנומען.

היינט וועט ער ניט זיין און עפשער מאָרגן אויך ניט. זיין טאַטע איז שטרענג, אַן אָנגעברוגעזטער אויף אים פאַר אַרום שלייען זיך צופיל. דער טייוול ווייס וואו ער גייט. און איז ברוגעז פאַר דער קאַלטקייט זיינער צו דעם נייעם גאַלעכס טאָכטער.

— אַזאַ צוויגס־אַ־זון — האָט ער געבורטשעט, — אַזאַ כאָליערע! ער וויל ניט נאַדיען. איך פייגער נאָך איר אַוועק. ווען איך וואָלט קיין ווייב ניט געהאַט, וואָלט איך נאַדיען גענומען, — האָט דער אַלטער פויער קעסיידער געבורטשעט.

— וואָס מיינסטו, דו הינטישער זון... אַז דו וועסט אַ דאָקטאָר זיין, וועסט עפשער בעסערס אין שטאָט געפינען? אָט, איצקאָ האָט אַ טאָכטער, מאַלקעלע, זוכט ער פאַר איר אַ ראַ־בינ׳ס אַ זון, זיין גלייכן, אַ פרומען. און זי אַ קראַסאָוועקעלע, נו זוכט מען פאַר איר. און דו, טייוול? איך בין רייך, איך וויל ייכעס. איך וויל אַ גאַלעך פאַר אַ מעכוטן און דו בלאָזט זיך ווי אַ אינדיק.

וואָלאָדיאַ האָט דאָס געהערט הונדערט מאָל און ער בענקט נאָך מאַניאַן. די בענקשאַפט שנייט זיין יונג האַרץ. ער שטייט אין מיטן פעלד, אויף זיין פאָטער׳ס טאַבאַק פעלד. אויף אַ לאַנגער סטעזשקע צווישן ביידע זייטן טאַבאַק. טאַבאַק אין דער ערד נאָך און בלעטער טאַבאַק שוין צושניטן און אויפגעהאַנגען צו טרוי־קענען.

ער שטייט און שרייבט, און רעכנט און ציילט. דאָס איז זיין אויפגאַבע, קימאַט יעדן זומער. דער טאַטע זיינער איז אַ

רייכער פויער, אָבער אַן אָרימער מאַטעמאַטיקער. און נאָך אָרעמער אין גראַמאַטע.

די זון שניידט ווי מיט מעסערס זיין פּאָנים, וועלכער איז נאָך פריש צו אירע הייסע שטראַלן אין פעלד. פון צייט צו צייט כאַפּט ער זיך אַריין אין אַן אויפגעשטעלטערביידל, טרינקט זיך אָן מיט וואַסער און זעצט זיך אויף עפּעס אַנידער. ער זיצט און רעכנט. ווייזט זיין טאַטן און טרייסט אים, אַז עס וועט זיין דעם יאָר גערעטענער ווי לעצטן

דער פויער האָט זייער ליב וואָלאָדיען ווען ער רעכנט, ווען ער רעדט צו אים אין אוקראַיניש. דערביי וואַרפט ער אַריין אַ פּאָר „געלערנטע״ ווערטער אין רוסיש און דער אַלטער פויער קלאַפּט אים אין פּלייצע, גלעט זיך די באָרד. יעדן מאָל, וואָס זיין וואָלאָדיאַ פאַרזיכערט אים „גערעטעניש״, ציילעמט ער זיך איבער.

וואָלאָדיאַ בלייבט אַליין, זיצט און קוקט אויף די שיקסעס, וואָס אַ טייל זיצן אויסגעזעצט מיט צעגיינער נאָדלען און „ניזשען״ די דיקע בלעטער פון טאַבאַק. ער הויבט זיך אויף. ער באַהאַלט די בלייפעדער מיטן ביכעלע אין קעשענע און לאָזט זיך צו די שיקסעס.

פּלוצלונג האָט ער מאַרטאַ׳ן דערזען. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון זיי אַלע און האָט זיי באַגריסט מיטן וואָרט, „גאָט העלף״.

— אַדאַנק, האָבן זיי אין כאָר געענטפערט.

מאַרטאַ׳ס פּאָנים איז רויט געוואָרן. זי האָט אויף אים שמייכלענדיק אַ קוק געטאָן גליקלעך וואָס דער יונגער פּאַניטש קוקט אויף איר. ערשט איצט זעט ער מאַרטאַ׳ס פּאָנים.

ניט קיין שיינער. עפּעס ווי זי וואָלט אים אין עמיצן דערמאָנט. ער קוקט אויף איר. ניין, ניט קיין שיינע. אַ געזונטע. און פּלוצלונג האָט ער זיך אין זיך צולאַכט.

זי האָט אים דערמאָנט אַן טאַניען פון וועלכער מאַניאַ האָט אים דערציילט מיט די ציין ווייטאָק. און ניט אַרונטערנעמענדיק די אויגן פון איר, האָט ער זיך געשטיקט פון געלעכטער.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין מאַניאַ איז אַליין.

— טייערע, האָט ער געשעפּטשעט. — איך שיק דיר אַ קוש. דער ווינט זאָל עס צו דיר ברענגען.

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט. די שיקסעס מוירע האָבנדיק זיך אַ קער צוטאָן, האָבן פלייסיק געאַרבעט און זיך איבערגעקוקט גאַנייוויש. ער איז פאַרזונקען אין גדאַנקען.

— גאָט מיינער, שוין פיר יאָר ווי ער ליבט מאַניען מיט אַ ריינער, געטרייער, איבערגעגעבענער ליבע צו דער קלוגער מאַניאַן און איצט וועלן זיי באַלד הייראַטן.

אָך, זי איז דאָך אַזאַ טייערע, אָט באַלד וועלן זיי מאַן און ווייב ווערן. לעצטנס באַשעפטיקט די פראַגע זיין גאַנצן וועזן. טאָג און נאַכט אין פּלענער פאַר זייער צוקונפט. קיין געלט פעלט אים ניט. דער טאַטע גיט געניג. ער וועט ניט וויסן. ער וועט אים באַלד ניט זאָגן ביז ער וועט אַליין זען דאָס וואָס ער וויל. זיי וועלן זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין דער גרויסער שטאָט. ער וועט ווערן דאָקטאָר. „דאָקטאָר וולאַדימיר גלושאַקאָוו". — אַ פאַרגעניגן האָט זיך צוגאָסן איבער אַלע זיינע גלידער.

מאַרטאַ האָט אַ נאָס געטאָן. זי האָט זיך צולאַכט, און זיך אויפגעהויבן פון אָרט. די שיקסעס האָבן שטיפעריש איר צו געזונט געוואונטשן. זי האָט זיי געפרעגט צו זיי ווילן וואַסער און זי איז צום ביידל אַוועק.

וואָלאָדיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון זיינע גדאַנקען. מאַר־טאַס ניסן, די שיקסעס שטיפן, האָבן אים קינדיש האַנאָע געטאָן. ער קוקט אויף מאַרטאַן, ער זעט ווי זי שמייכלט צו אים און ער לאָזט זיך נאָך איר מיט לאַנגזאַמע טריט.

צוקומענדיק צום ביידל האָט ער מאַרטאַן געטראָפן קוקן אין שפּיגעלע און ווישן איר שטערן. ער איז שטיין געבליבן אויפן שוועל. זי האָט אים אין שפּיגעלע דערזען. און עפּשער דעם ערשטן מאָל אין איר לעבן, איז זי אומעטיק געוואָרן. וואָלט זי זיך רעכענונג אָפּגעגעבן, וואָלט זי געפילט, אַז עס פאַרזייען זיך אין איר אומשולדיקער, פראָסטער האַרץ, קערנער פון ליבע. אָבער די זון אין פעלד האָט אָנגעהויבן פאַרגיין. אָט נאָך אַביסל מאַרטאַ ווייס ניט וואָס דאָס איז. זי קוקט אויפן יונגן געלערנטן פאַניטש און זי טראַכט טאַקע פון אים. און ווייטער גאָרניט.

און אַלע שיקסעס וועלן זיך דאַרפן געזעגענען מיטן פעלד ביז מאָרגן. און מאַרטאַ אויך. ער שטייט און זינגט שטיל אַ ליד.

מאַרטאַ טוט אַ כאַפּ אַ קריגל און לויפט צו צום עמער וואַסער.

שאַרף באַגעגענען זיך זייערע אויגן. זי לאָזט זיי אַרונטער. ער הויבט זיך אָן צו וואַקלען. ניין מאַרטאַ איז ניט מיעס. ווי אַזוי האָט ער עס פריער ניט באַמערקט? ווי אַזוי האָט ער עס געלאַכט פון אָט דער יונגער מיידל? ער אַליין אַ פּויערס אַ זון, ער אַליין געבאָרן אין דאָרף. ער אַליין באַלאַנגט צו דעם פעלד, וואו מאַרטאַ אַרבעט. ער אַליין, ניט איין מאָל אַלס קינד דאָ גע־שלאָפן און אויך געאַרבעט. ניין, מאַרטאַ איז אַ שיינע. אַ בּאָרוועסע, אַ פאַרהאָרעוועטע, אָן אָרימע, אַ פּראָסטע, אַ בלאָנדע מיט בלויע אויגן. מיט אַ געזונטן ווייסן קערפּער, ערטערווייז פאַרברענט פון דער זון.

דאָס בלוט האָט זיך צוגאָסן איבער אַלע זיינע גלידער. עס האָבן אים אָנגעהויבן ברענען זיינע שלייפן, מיט טויזענטער פייערן. די הענט האָבן זיך געטרייסעלט און אין הארצן איז אָנגעגאַנגען אַ שרעקלעכע איבערקרעניש.

ער איז צוגעקומען צו מאַרטאַן. זי איז געשטאַנען נעבן עמער וואַסער. געליימט אויף זיין צונג איז ער שטיין לעבן איר געבליבן. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, און איז מיטן קריגל וואַסער פון בײדל אַרויסגעלאָפן.

ער איז אַרויסגעשפרונגען און מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן האָט ער איר נאָכגעקוקט. ער זעט ווי אירע ברוסטן צוזאַמען מיט די קאָרעלן טרייסלען זיך פון איר לויפן. פון אונטער דעם זוים פון איר ברייטער העמד, זעט ער קימאַט איר גאַנצע לייב. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין בײדל.

— וואָלאָדיאַ, — האָט ער פּלוצים דערהערט זיין פאָטערס שטימע, — שוין צייט זיי אַהיים פונאַנדערצולאָזן, און דו צייל איבער וויפל נישזקעס טאַבאַק עס בלייבן אין פעלד און פאַרשרייב...

*   *
*

א נאכט פון שווערע ליידן.

עפּשער דער ערשטן מאָל האָט וואָלאָדיאַ אין זיין לעבן אזא שלאָפ־לאָזע נאכט געהאַט.

פאַר זיינע אויגן דאָס גאַנצע בילד פון נעכטן, פון מארטאַן, איר אומעטיק פּאָנים, איר פארצווייפלונג, איר אַוועקלויפן און ווי די זון האָט זיך געשפּילט מיט אירע צעפּ, ווי די זון האָט אָנגעצונדן אירע קאָרעלן אויפן האַלדז. ווי די שטראַלן האָבן זיך דאָס געשפּילט מיט זיי. זי אזאַ אומווויסענדע. זי ווייס ניט ווי ער בענקט נאָך איר היינט.

— פלוצלונג האָב איך אין איר אַזוי פיל שענקייט דערזען. אָט אין יענעם פארברענטן פויער קערפּער.

אויף מאָרגן אין פעלד האָט ער זיך געהאַלטן פון דערווייטנס. ניט געוואָלט, אַז די שיקסעס זאָלן באַמערקן. ער האָט אָבער מארטאַן געזען גוט. ער האָט געזען ווי זי האָט אים געזוכט מיט אירע אומעטיקע אויגן. זי האָט געאַרבעט און געזיפצט. און ניט ווילענדיק געהאָלפן די שיקסעס זינגען.

עטלעכע מאָל איז זי איןביידל געגאַנגען נאָך וואסער. זי פלעגט זיך אומקוקן אָבער ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

דער פאַרנאַכט, אַזוי ווי נעכטן, איז ווידער אין פעלד גע־קומען. די זון האָט ווידער זיך געזעגנט מיט דער ערד. די שיקסעס האָבן פריידיק געוואָרפן די אַרבעט און געלאָפן אין דאָרף.

פון דערווייטנס זעט ער מארטאַן. זי גייט צום ביידל. קיינער פון די שיקסעס איז געבליבן. זי איז אַריין אין ביידל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים שפּיגל און זיך גענומען פאַרקעמען.

ער איז צוגעקומען צום שוועל.

דערזעענדיק אים האָט זי זיך צעוויינט.

— מארטאַ, דושענקאַ, — וואָס וויינסטו? האָסט מוירע פאַר מיר?

די שיקסע האָט אויף זיין פראַגע ניט געקאָנט ענטפערן און זי האָט זיך אָפּגעקערט און ווידער געוויינט.

ער איז געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס איר צו זאָגן. וועלכע ווערטער ער זאָל צו איר רעדן, אין וועלכער שפּראַך זאָל ער זי טרייסטן. אַ גוטן רוסיש פאַרשטייט זי ניט. אוקראַאיניש האָט ער זיך אָפּגעוואוינט. און ער איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכ־טער און זיך צוגעהערט צו זיין קלאַפּעדיק האַרץ.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַלע ווילע איז אין פעלד אַלץ טונקעלער געוואָרן. אַנטקעגן דעם טאַבאַק פעלד איז דער פעלד מיט קאָרן, געדיכטער קאָרן. זאָל נאָך פינצטערער ווערן וועט ער מיט איר גיין. אין יענעם פעלד מיט מאַרטאַן, מיט זיינס אַ גלייכן, אַ טאָכער פון אַ פּויער, אַזוי ווי ער אַ זון פון אַ פּויער. ער וועט געפינען ווערטער. ער וועט ריידן זייער ביידנס שפּראַך. ער וועט, צום ערשטן מאָל אין אַזוי פיל יאָרן, זיין נאָענט צו אַן איינפאַכער מיידל.

שטיל איז די נאַכט אָנגעקומען.

שטיל אין פעלד. און שטיל אין ביידל. וואָלאָדיאַ האָט מאַרטען אָנגענומען פאַר דעם אָרעם און אין צווייטן פעלד אוועק.

די קאָרן שווייגן. זיי דרעמלען. די שטערן לויכטן און קוקן אויף זיי מיט מיליאָנען אויגן.

ער זיצט נעבן איר. זי שווייגט.

— מאַרטאַ, האָסט שוין אַ כאָסן? — פרעגט ער זי אין אוקראַי־ניש. — ווי אַלט ביזטו?

— ניין, איך האָב ניט קיין כאָסן. און איך וועל ווערן זיבעצן פייסאַך, — ענטפערט זי שטיל און ציטעריק.

מאַרטאַ איז אַ קלוגע. מאַרטאַ ווייס, אַז דער פּאַניטש איז אַ „געלערנטער". דאַרף מען זיין אַ גליקלעכע צו זיצן מיט אים דאָ. און וויסן ווי צו רעדן מיט אים.

די נאַכט ווערט טיפער.

זי זאָגט אים ער זאָל שוין גיין. זי ווייס ניט וואָס זי וועט זאָגן אין דער היים, וואָס זי איז פון פעלד אַהיים ניט געקומען. מיילע דער טאַטע וועט זיין שיקער. אין דעם איז זי זיכער, נאָר די מאַמע?

ער הויבט זיך אויף. ער גיט איר די האַנט. זי טוט זיך

האַסטיק אַ הויב. און ער פאַלט צו צו אירע ליפּן. ער נעמט זי אַריין אין זיינע אָרעמס.

אין טיפן קאָרן, אין ווייטן פעלד, אין דער שטילער נאַכט...

ער טוט זי אַ שטויס און מאַכט די קאָרן פאַר זייער בעט...

אַ פאַרשטיטקטער יאָמער רייסט זיך אַרויס פון מאַרטאַס ברוסט...

ער קושט אירע ברוסטן. ער פלעכט איין זיינע פיס אין אירע. ער פילט אַ וואַרעמען שטראָם...

זי איז זיינע . . .

מאַניען האָט ער אַלץ אין אַ בריוו אויסגעשריבן.

— דו ביזט אַ קלוגע מיידל, מאַניאַ. דו וועסט פאַרשטיין. און דו וועסט האָבן איינזעעניש פאַר דער אומשולדיקער יונגער מיידל.

מאַניאַ איז אין שטאָט צוריק געפאָרן, זיך געזעגנט פריער מיטן דאָרף, מיט אַלע ערטער וואו זי איז גליקלעך געווען. דער־נאָך האָט זי פלוצלונג אָנגעהויבן האַסן אַלע ערטער.

שטיל האָט זי זיך געזעגנט מיט איר פאָטער. און האַרציק מיט איר מוטער.

און דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, האָט זי איר לעבן אויס־געלאָשן.

ביים נייעם גאָלעך אין הויז איז וואָלאָדיע'ס כאַסענע געווען, אַפילו זיך אַביסעלע פאַרשפּעטיקט. וועט עס אַ זיבעלע זיין!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דאָרף ביי זיין פאָטער.

דאָס אינגל

פּרייטיק איז ביי די פּראָסאָווס אין הויז געווען זייער לעבעדיק. יעדער מיטגליד פון הויז איז געווען פאַרנומען.

דער אַלטער פּראָסאָוו פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג נאָך איידער די הענער פלעגן קרייען און הייסן קירילען שפּאַנען די „צוויי גרויע" פערדלאך, אויסשפּרייטן אַסאַך היי אין וואָגן, איבערדעקן מיט א גראָבן לייווענטענעם לייַלאך און אָנשמירן גוט די רעדער מיט דעם בעסערן סאָרט דזשעגאַכץ און לאָזן זיך אין שטאָט נאָך סכוירע.

די צוויי „גרויע" האָבן זיך געמוזט טראָגן אזוי ווי שיידים, אום צו ברענגען אין צייט פּראָסטאָוון אהיים אויף שאַבעס.

פּראָסאָווס אַלטע מוטער, די ווייב און די דינסט האָבן זיך געפּאָרעט ביי די בעהיימעס. אַ קליינִיקייט : אויסצומעלקען דריי בעהיימעס, קיין-אַנהאָרע!

מאַשקען, די רויטע בהיימע, די עלטסטע פון אַלע, האָט די פּראָסאָוושע אַליין געמאָלקן. מורקען און עסטערקען, די אינגערע, פלעגט די דינסט מעלקן.

מאַשקע איז געווען די אומרואיקסטע בהיימע, און קיינעם אויסער דער באַלעבאָסטע האָט זי צו זיך ניט צוגעלאָזן. אז ניט, זיינען אירע פיס געווען אין דער אויסגעמעלקטער מילך און זי פלעגט מיט קאָעם רעווען.

פּראָסאָווּשען פלעגט געפעלן דער אייסיק. עפּעס אַ געווּיסן פאַרגעניגן האָט זי געהאַט, ווען זי פלעגט אַרויסגיין אין הויף און מאַשקע, דערקאָנענדיק זי, פלעגט זיך צומוקן. מען פלעגט איר

גלייך אונטערשטעלן די הייסע „פּאַליע״ און זי פּלעגט עס זופּן מיט אַזאַ געשמאַק, אַז די איבעריקע בהיימעס פּלעגן זיך אומקוקן.

און אַז דאָס עסן איז פאַרשוואונדן אין איר בריטן בהיימישן האַלדז, פּלעגט זי אַרויסשטעלן איר געזונטן צונג און לעקן די פּאַמוניצע און דערביי אַרויסגעבן אַ קלאַנג — ווי מען וואָלט מיט אַ זעג איר האַלדז געזעגט.

דערנאָך איז געקומען טראַכים, דער פּאַסטוכל, מיט נאָך בהיי־מעס, זיי מיט דעם קנאַקעדיקער בייטשל אונטערגעיאָגט און אַוועק־געפירט אין פעלד אויף אַ גאַנצן טאָג.

פּראַסאָוו׳ס זון, אילושא, פּלעגט פאַרשלאָפענערהייט, כאַפּן די שליסלען און איינשפּילענדיק די ציצעס פון טאַלעס־קאָטן אין זשילעטקע, דערביי האָט ער אַזוי געגענעצט, אַז זיין שוועסטער־קינד, דוואוירקע, האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

אייגנטלעך איז ביי די פּראַסאָווס אַלע אינדערפרי געווען אַזאַ טומל. אָבער פּריטיק איז געווען כווישעך, סאַקאָנעס־נעפּאָשעס כאַלילע אין שאַבעס ניט אַריינפאָרן.

פאַרטיק ווערנדיק מיט די בעהיימעס, איז געוואָרן אַ גערודער מיט דורכזייען די מילך. גרויסע און קליינע ליימענע קריגלען פלעגן אויסגעשטעלט ווערן אויף דער שמאָלער הילצערנער באַנק.

די קריגעלעך — הויכע מיט לאַנגע שמאָלע העלזלעך פלעגן וואַרטן ביז מען האָט זיי אָנגעפילט מיט מילך, זויערמילך, סמעטענע, מאַסלינקע און אַזוי וויטער.

די ווייסע טיכלעך אויף וועלכע מען האָט די מילך דורכגעזייט האָט מען אָפּגעהיט אַזוי ווי קינפּעט־קינדער.

דאָס ערשטע האָט מען זיי באַהאַלטן פון אַן איינהאָרע פון די פּויערטעס. דערנאָך האָט מען זיי טאָג און נאַכט געבאָדן און געטריקנט איידער די פרישע, שוימיקע מילך האָט זיי באַרירט.

די אַלטע באָבע פריידע, פּראַסאָווס מוטער, פּלעגט קנעטן די כאַלעס, אָפּנעמען אויף „סדאָבנע בולעטשקעס״, אָנפאַנגען דערוויל מיט אייער־קיכלעך ביז די כאַלע וועט אויפגיין. וועגן די מעל, מעסטן דעם צוקער, זייען, אויפקלאַפּן די אייער — אַלץ פּלעגט ווערן געטאָן

מיט מאָס און וואָג. דער גרויסער בעריאָזעווער טיש ביים פענ־
צטער האָט אויסגעזען ווי א העסע־בעט.

די קליינע דוואוירקע פלעגט אומגעדולדיק ווארטן ביז די כאַלע
פלעגט אויפגיין. אז זי האָט דערזען די באָבע פרײדע מאכן כאַלעס,
פלעגט זי זיך פּאָשעט מעכאַיע זיין, אַז די באָבע מאַכט די געדרייטע
כאַלעס, שטייט דערביי דוואוירקע מיט אַן אָפּענעם מויל...

זי פלעכט זיי ווי צעפּ און שפּילט זיך מיט זיי.

היינט די „זדראָבנע בולאָטשקעס"? אוי, ווי עס שמעקט!

פון די „זדראָבנע טײג" מאַכט דוואוירקע פייגעלעך און מיט א
מעסער שניידט זי זיי אונטער די פליגעלעך, אז זיי זאָלן ניט פליען...
אזוי האָט זי די באָבע געלערנט.

און טאַקע, ווען מען פלעגט די פייגעלעך אין אויוון אַריינזעצן,
האָבן זיך די פליגעלעך אויפגעהויבן און די פייגעלעך פלעגן זיך
אָנבלאָזן און רויט ווערן — פלעגט דוואירקע שטיין א פארציטערטע
זיי זאָלן ניט אַוועקפליען.

אילושאַ האָט זיך געפרייט, ווען ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין
הויז און זען ווי דוואוירקע קריכט־ארום לעבן אויוון.

איליושאַ — אָדער ווי מען האָט אים פאַרצויגן גערופן: דער
„אינגל" — ווייל ערשטנס איז ער געווען יונג און צווייטנס איז
ער געווען א בען־יאָכיד און א צעבאַלעווטער. מ'האָט געקענט הערן
זיין נאָמען אין הויז א גאַנצן טאָג, ווי „דער אינגל" האָט נאָך ניט
געדאַוונט, „דער אינגל דאַרף גיין פרי שלאָפן" „דער אינגל איז
אַוואַדע הונגעריק" און אזוי ווייטער.

און דער אינגל האָט פון דוואוירקען געהאַט געבערענטע צאָ־
רעס פאַר זיין פאַרצויגענעם נאָמען.

דוואוירקע איז געווען א פליעמעניצע פון פּראָסאָווס ווייבס
צאַד. האָט זי זיך ביי זיי ערצויגן. א שיינע, א דיקע, קוטשעראַ־
ווע מיידל, א בראַנד־בעריע.

און שטילערהייט, קיינער זאָל אין הויז ניט הערן, איבערהויפּט
די באָבע, האָט זי זיך מיט איליושן גערייצט.

אינגל, פאַרשפּיליע די זשילעטקע!
אינגל, גיי דאַוונען!

אינגל גיי אין קלייט!

דערביי האָט זי זיך געקייקלט פון געלעכטער.

דער יונגער אילושא האָט געליבט די קליינע, דרייצן־יאָריקע דוואוירקעלען מיט אן אומשולדיקער ליבע.

ער האָט איר אלץ פארשוויגן.

ער פלעגט אויך לאכן און דערביי ארויסשטעלן זיינע ווייסע ציין.

און ניט איינמאָל, שטייענדיק שמוינע־עסרע, האָבן זיינע אויגן ארויסגעקוקט אין דרויסן, וואו דוואוירקע איז געזעסן מיט שיקסלאך. און כאָטש ער פלעגט שוין אויסשפייען אויף ביידע זייטן: „ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים, טפוי, טפוי", פלעגן זיך זיינע אויגן איינעסן אין דוואירקעס פולע פיס, אז ער פלעגט פארגעסן וואו ער האלט.

שאַבעס נאָכן עסן איז אין הויז געווען רואיק. פראָסאָוו איז געשלאָפן. די ווייב מיט זיין מוטער פלעגן ריידן שטיל צווישן זיך, און דוואוירקע מיטן אינגל זיינען געגאנגען צום טייך.

— זע נאָר, אילושאָ, ווי די כוואליעס קלאפן אזוי ווי די „וואָלנעס" פון יאם — זאָגט דוואוירקע קוקנדיק מיט באגייסטערונג אויפן ווייסן שוים, ביים ברעג טייך.

— וואו האָסטו געזען אַ יאם מיט „וואָלנעס"? — לאכט אילושאָ.

דוואוירקע ווערט ברויגעז. פלוצלונג שרייט זי אוים:

אינגל וואָס דו ביזט! איך האָב געזען אין דער געאָגראפיע. יענע „וואָלנעס" פון יאם קאָנען איינשלינגען אלע פאראכאָדן, אלע טייכן, אלע כוואליעס און טויזענדטער אזוינע אינגלעך ווי דו.

— וואו האָסטו עס געלייענט? אין דער געאָגראפיע?

ער צולאכט זיך און כאפט זי אָן ביים בענדל, מיט וועלכע אירע קליינע געדרייטע צעפלעך זיינען איבערגעפלאָכטן.

— אילושאָ, איך וועל דערציילן דער באָבען! ווערט זי בייז.

ער דערשרעקט זיך, ווערט רויט, אָבער וויל עס ניט ארויסווייזן פאר איר, לאכט ער נאריש און ציט דאָס בענדל צו זיך.

זי פאַלט מיטן רוקן אויפן גראָז און דאָס צאַפּלדיקע, קוט־שעראָווע קעפּל פאַלט אַנידער אויף זיינע קני.

איליושאַן צינדן זיך אָן די בלוטן. ער לאַכט ווי אַ ווילדער. ציט זי נאָך אַלץ פאַרן בענדל, וועלכער איז שטייף איינגעפלאָכטן אין אירע צעפּלעך.

זי ווערט בייז פון ווייטאָק. זי ווערט בייז פון זיין געלעכטער.

— איליושאַ, איך וועל מער מיט דיר ניט גיין צום טייך!

— איליושאַ הירזשעט און הערט זי ניט. עפּעס האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט און טוט אים וויי. מיט אַלע קרעפטן ציט ער זי צו זיך.

אירע קליינע,קיילעכדיקע ברוסטן באַווייזן זיך פון איר אויס־געניייטער העמדל. זי קייקלט זיך און ראַנגלט זיך און בורטשעט.

איליושאַ, פאַרטויבט, ליגט זיין האַנט אַרויף אויף אירע ברוסטן. דאָס בלוט טוט אים אַ זעץ אין פּאָנים. ער דערפילט אַ וואַרימקייט אין זיין גאַנצן אינגלשן קערפּער. ער פילט ווי עס צוגייט זיך די וואַרימקייט איבער אַלע זיינע יונגע גלידער.

ער פאַלט־צו צו אירע ברוסטן און באַדעקט זיי מיט הייסע קושן.

פּלוצלונג צולאַכט זיך דוואָוירקע פאַרשעמט, זי בריקעט מיט די פיס, לאַכט און רייסט זיך פון אים. די פיס רוקן זיך אַרויס פון אונ־טערן קליידל. איליושאַ דערזעט אירע שיינע, צאַפּלדיקע ווייסע פיסלעך. עפּעס פילט ער אַזוי גוט, וואַרים, אַזוי צופרידן און זיס. דריקט ער זי צו שטאַרק צו זיך און צוויינט זיך אויפן קאָל.

דוואָוירקעלע רייסט זיך אויס פון אים. אַ צורייצטע לויפט זי מיט צופלאַמטע באַקן איבערן פעלד, איבער די שטעכיקע בע־רעלעך, שפּרינגט איבער די פאַרקנס, באַהאַלט זיך אונטער די לאָזעס און זיצט און ציטערט...

די אַלטע באָבע האָט מיט איר שאַרפן בליק שוין לאַנג באַ־מערקט, אַז איליושאַ קוקט־נאָך דוואָוירקען. עפּעס איז דער אינגל ניט מיט אַלעמען — האָט זי צו זיין פאָטער געזאָגט.

באָטש עס איז טאַקע אַ ראַכמאָנעס אויף דוואָוירקען, דאָך וועט דוואָוירקע מער מענטש ווערן צוריק אין שטאָט. זאָל זי פאָרן געזונטערהייט.

— וואס וועט פון איר דא ארויסקומען? — טיינעט די באַבע. זי לויפט דא ארום ווי א ווילדע און דערצו בינדט זי זיך צום אינגל.

איליושא'ס מוטער, דערהערנדיק דאס, האט איר שטארק וויי געטאן פאר איר פלימעניצע.

—איליושא איז מיין זון — האט זי געענטפערט — אבער דוואוירקען רעכן איך ווי מיין טאכטער. סיווי האב איך ניט מער ווי איין זון. וואלט דוואוירקעלע געקאנט דא וואקסן ביז צו א קאלע ווערן.

נאר די באבע האט ניט געוואלט. פראסאוושע האט טאקע באמערקט, אז דער אינגל איז עפעס ניט מיט אלעמען, אבער אפגעבן זיך רעכענונג האט זי ניט געקאנט, און אונטערן דרוק פון דער אלטער האט מען באשלאסן דערווייל שיקן דוואוירקען צוריק אין שטאט.

די „צוויי גרויע" שטייען געשפאנט. דער וואגן איז פול מיט היי, איבערגעדעקט מיט א גראבן ליילעך. קירילא פארדרייט א פאפיראס און פארריכט זיין אנצוג.

פראסאוושע מיט פארוויינטע אויגן...

דעם אינגל האט מען איינגאנצן ניט געזען.

דוואוירקע שטייט לעבן גארדעראב, האלט איר פעקל זאכן אין האנט און דורכן פענצטער אין הויף זוכט זי איליושאן.

זי האט ביטער געוויינט.

דאס רויטע בענדעלע האט זי ווידער שטייף איינגעבונדן אין אירע צעפ, און מיט א יאם טרערן האט זי זיך געזעגנט מיט אלע. זי האט נאך סימאנים פון די שטעכנדיקע בערעלעך, ווען זי איז דאן פון איליושאן אנטלאפן.

פראסאוושע האט דוואוירקעלען אפגערופן אן זייט און איר אריינגערוימט א סאד אין אויער...

— דוואוירקעלע האט זיך געווארפן פראסאוושען אויפן האלדז, א גליקלעכע זי געקושט און ווי א ווילדע אין וואגן היי אריינגעשפרונגען, אזש די „צוויי גרויע" האבן זיך דערשראקן.

קירילאָ האָט אַ שמיץ־געטאָן די פערד און די צוויי „גרויע" האָבן זיך אַלאָז־געטאָן אין אַ גאַלאָפּ.

אונטערן דאָרף האָט איליושאַ געוואָרט זיך צו געזעגענען מיט דוואָוירקען. זי האָט אים דערזען — איז זי אַראָפּגעשפּרונ־גען און האָט אים דערציילט דעם סאָד, וואָס פּראָסקאָווישע האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט באַלד ווידער צוריק קומען אין דאָרף.

גלאָקן געקלאַנג

עס האָבן זיך די גרויסע קירכן־גלאָקן צוקלונגען, עס האָבן זיך די קליינע שטיבלעך פון דאָרף אין ווייסן אויסגעפוצט און זיך געגען דער זון וואַרימען אויסגעשטעלט. און גלייך ווי סטרונעס, האָבן זיך די געלינקע פריזבעס געטוליעט צום ווייסיקן קאַלך פון יעדער וואַנט. די קליינע פענצטערלעך אין די ווייסע שטיבעלעך האָבן געלויכטן פון ריינקייט, און יעדערער, ווער עס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט געקאָנט זען די בליסטשענדיקע אָפּגעטער, איבערגעבונדן מיט ווייסע אויסגענייטע האַנטיכער.

טונקל האָט אויך געבריענט די גלעזערנע לאָמפּאַדקע איבער דער מוטער מאַריע מיטן קינד אין איר האַנט. און די גלעקער קלינגען: זיי רופן צו דינען גאָט, זיי שרייען, זיי בייזערן זיך אויף די פאַרשפּעטיקטע, זיי פאַרהילכן דאָס גאַנצע דאָרף.

עס האָבן זיך אַ שאָט־געטאָן מענטשן פון אַלע געסלעך פון דאָרף, פאַרפּוצטע אין זייערע בעסטע און ציכטיקסטע קליידער פריילעכע, געזונטע, מוטיקע, האָבן זיי זיך געאײַלט אין קלויסטער: מען האָט געפאָלגט די גלעקער. פּויערים, אין לאַנגע פּאָדיאָווקעס, די שטיוול אויסגעשמירט מיט שוואַרצן דזשעגאַכץ, גלאַנצן אַזוי ווי די זשוקעס. זייערע ברייטע בלאָנדע בערד ליגן יאָנטעוודיק אויסגעצויגן, ערשט ניט לאַנג אויסגעוואַשענע און אויסגעקעמטע, מיט ווייסע לייוונטענע אויסגעשפּינענע העמדער וואָס זעען זיך אַרויס פון אונטער דער פּאָדיאָווקע, האָבן זיי געזונט געטראָטן אויפן זאַמדיקן וועג, און זיך פאַרדרייט צום קלויסטער־צו. פּויערטעס מיט אויסגעבונדענע קעפּ פון אַלערליי קאָלירטע טיכלעך און שמאָלע

קורצע פילפאַרביקע פלאַכטעס, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען אַן אויסגעגנייטער שטיק פון דער העמד, זיינען שנעלער געלאָפן פון די מענער, פאַרטיפט אין שמועסן וועגן זייער פעלד־אַרבעט.

פריילעך, יאָנטעוו איז אין דאָרף, איבערהויפּט איילן זיך די עלטערע; די יונגערע נעמען זיך צייט אויף אויסצופּוצן זיך. און אַפילו די אַלטע, בלינדע פּויערטע קאַבעלקע איז אויך פאַרפּוצט, און שאַרענדיק זיך מיט די הענט, אָן די ווענט טאַפּט זי דעם וועג צום קלויסטער. זי, די בלינדע, איז געווען אין יעדן יאָנטעוו מער באַגייסטערט פון אַלעמען. און מיט אירע גרויסע ווייסלען פון די אויגן האָט זי יעדן געענטפערט ווער עס האָט זי נאָר באַגריסט און ביים נאָמען אָנגערופן. פּלוצלונג זיינען די גלעקער אַנטשוויגן געוואָרן, פּלוצלונג איז קיין איין קיין לעבעדיקער מענטש אין קיין איין געסל ניט געבליבן, פּונקט ווי די גלעקער וואָלטן זיי איינגעשלונגען.

בלויז וואו־ניט וואו הערט זיך דאָס הירזשען פון אַ פערד, וועמעס פיס מען האָט פאַרפּענטעט עס זאָל אויף אַ פרעמדן פעלד פון פּאַשע ניט אַנטלויפן. דאָס אויסשרייען פון אַ גאַנדז פון אַ ווייטן טייך, און ווייטער איז שטיל. שווייגנדיק און עלענד קוקן איצט אויס די ווייסינקע שטיבעלעך.

מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ געלעכטער, אַ זילבערנער, הילכיקער געלעכטער, וואָס האָט זיך צושאָטן איבערן גאַנצן דאָרף, אין יעדן ווינקעלע, פּונקט ווי די זון צושיט אירע שטראַלן אין אַלע ווינקלעך. פריילעכע ווערטער און וויצן האָבן זיך צוטראָגן פון הונדערטער מיילער, יונגע, געזונטע, שטיפערישע מיילער.

דאָס האָבן שיקסעס מיט שקאָצים זיך איצט צום קלויסטער געלאָזן, געבן גאָט זיין כייליק, שיינע, יונגע, פריילעכע, זאָרגלאָזע מיט בלאָנדע צעפּ, מיט קאָלירטע ליענטעס אָן אַ צאָל, איבערגעבונדן זייערע קאָרעלן, וואָס האָבן באַצירט זייערע ברוסטן און העלדזער. די לאַנגע אויסגענייטע אַרבל פון זייערע העמדער האָבן אַזוי ווי בלומען געבליט אויף זייערע הענט. די האַלבע שיכלעך און קורצע געפּאַלבטע קליידער אויף זייערע באָרוועסע פיס האָבן צום טאַקט געקלאַפּט, ווען זיי האָבן האַלטענדיק זיך פאַר די הענט געטראָטן אויפן קליינעם טראָטואַר, וואָס פירט אַריין אין קלויסטער. זייערע קאָרעלן האָבן זיך אָנגעשלאָגן איינע אָן די אַנדערע, האָבן אַרויס־

געגעבן אַ קלאַנג ווי פון גלאָז. די יונגע שקאָצים, אין שטיוול מיט צונויפגעלייגטע כאַלעוועס, ווי אַ האַרמאָניע זיינען נאָכגעלאָפן די שיקסעס און זיך געוויצלט. געמאַכט באַשטעלונגען אויף באַשטימטע פלעצער וואו מען זאָל זיך ביינאַכט טרעפן.

— דו ווייסט, כאַדראַ, — רופט זיך אָפּ אַ יונגער שייגעץ — גיי צום וועלדל פון סטעפּטשענקאָ'ס זייט, און וואַרט אויף מיר דאָרט וואו די קוקושקע קוקויעט. און אַז איך וועל פריער קומען, וועל איך פייפן... די יונגע כאַדראַ איז רויטער געוואָרן פון איר רויטן בענדל אין איר בלאָנדן צאָפּ. אירע פולע יונגע ברוסטן האָבן זיך געהויבן פון איר שווערן אָטעמען. זי איז געשטאַנען און אַריינגעקוקט אין די אַרומיקע גערטנער, וואו די זון האָט זיך איבער די פלאַנצן העל צוגאָסן, וואו די פויגעלעך האָבן יאָנטעוודיק געזונגען, און זי האָט איינגעאָטעמט דעם רייאַך פון דער אַרומיקער נאַטור..

פּלוצלונג האָט דער קירכן־גלאָק אַרויסגעלאָזט אַ מוירעדיק געשריי: ער האָט ווי געבייזערט זיך אויף די וועלכע האָבן זיך פאַשפּעטיקט צו קומען דינען גאָט. די אַלטע זיינען אַרויס אויפן קלויסטער־הויף, און די יונגע האָבן פאַרנומען זייערע ערטער. די יונגע דינען איצט גאָט. די אַלטע שפּאַצירן איבער די קוואָרים פון יענע, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו ליגן אויפן „צווינטער" אין קירכן־הויף.

געוויינלעך פלעגט מען אויפן „צווינטער" באַערדיקן גאַלאָכים, דיאַקעס אָדער גלאַט מענטשן, וואָס פלעגן קאָנען באַצאָלן פאַר דעם אָרט.

די אַלטע בלינדע קאָבעלקע האָט זיך געשאַרט צום גאַלעכ'ס קייווער. זי געדענקט גוט דעם אַלטן, האַרבאַטן גאַלעך, וועלכער איז ערשט מיט אַן ערעך דרייסיק יאָר צוריק געשטאָרבן. אַך, אַזאַ טייערינקער געווען, אַלע האָבן אים ליב געהאַט. וואו עס איז נאָר געווען אַ צאָרע אין דאָרף, האָט מען געבראַכט צו „באַטיושקאַ ניקאָ־ליי". און ער האָט דער הייליקער פאָטערל, פלעגט זיך פאַר יעדן אָנעמען זיך, פאַר יעדן „מאָליען". אַלע שטעלן זיך אַרום איר, לעבן דעם גאַלעכ'ס קייווער. און זי דערציילט זיי ניסים פון דעם פאָטערל...

אַך, איז דאָס געווען אַ טייערע, הייליקע נעשאָמע! אַזוינע וועלן שוין מער ניט זיין: אַ פרומער, אַ גוטער, אַן עמעסער הייליקער.

נאָר גאָט האָט אים געשטראָפט מיט שלעכטע קינדער. גאַנצע פינף קינדער האָט ער, נעבאך געהאַט. דריי זין און צוויי טעכטער. ער האָט קימאַט פון אַלע קיין נאַכעס ניט געהאַט.

— אַנו־קאַ, ראַדימאַיאַ,—בעט זיך אַן אַלטע פויערטע—דערצייל וועגן אים. דו האָסט אים בעסער געקאָנט פון מיר. אויף דיר האָט ער געווים ראַכמאָנעס געהאַט מער ווי אויף די זעענדיקע, און זיין זכוס זיינען דיינע יאָרן פאַרלייגגערט געוואָרן. און שטיל שעפּטשעט זי צו דער בלינדער, אַז אימיצער האָט אַ פרישן קראַנץ בלומען אויף זיין קייווער היינט אַוועקגעלייגט עפּשער אימיצער פון זיינע קינדער האָבן זיך היינט אָן זיין נעשאָמע דערמאָנט...

מילאַיאַ מאַיאַ, — איך זעט ניט — אָבער אימיצער האָט זיין בילד דאָ איינגעפּאַסט, און אַך! מוטערל הייליקע, וואָס פאַר הויקער ער האָט דאָס געהאַט — אַך, מילאַיאַ — שרייט אויס די בלינדע — און די ווייסלען הויבן אָן צו טאַנצן אין אירע אויגן־לעכער... ער איז געווען די גוטסקייט אַליין. איך האָב ביי אים געדינט אַביסל.. איידער איך האָב די ליכטיקע וועלט אויפגעהערט זען. קיין פויגל־מילך האָט מיר ביי אים ניט געפעלט... נאָר — נאַסטינקע און נאַסטינקע, פלעגט ער מיך רופן.. די מאַטושקאַ, זאָל מיר מויכל זיין, איז געווען אַביסל אַ בייזע.

זי האָט אויך געליטן פון די קינדער — זיי זיינען אַלע אויס־געוואַקסן אַזוינע שיינע געראָטענע און געבילדעטע, אַז דער דאָרף איז פאַר זיי ענג געוואָרן, ביז זיי זיינען זיך פון דאַנען צולאָפן.

איינער אין קיעוו, איינער אין מאָסקווע, די איבעריקע — אין אַנדערע גרויסע שטעדט, נאָר לערנען זיך געוואָלט, גאָט זאָל זיי מויכל זיין... בלויז דער עלטערער פון זיי איז אַ וואוילער, אַ ליט געווען: ער האָט געהייסן ניקאָלאַי און איז ערגעץ אין אַ דאָרף אַ ווילע גאַלאַך געווען, און דערנאָך איז ער פון יענעם דאָרף פאַרשוואונדן...

און דער קלענסטער וואַסילי, זאָגט מען, אַז ער האָט פיינט־געהאַט אונדזער צאַר. גאָט זאָל אים מויכל זיין.. פיינט האָבן אונדזער צאַר־באַטיושקאַ דעם פּראַוואָסלאַוונעם? אַזאַ אַוויירע פון אַ הייליקן גאַלאַכ׳ס אַ זון! ער האָט אַפילו אין גאָט ניט געגלויבט... נאָר ביכער.. און ביכער...

אוי, וואָס דער הייליקער האָט זיך אָנגעליטן! איינמאָל איז ער

אין דארף געקומען און געבראכט מיט זיך ביכער און האט זיי אין גארטן באגראבן. ער האט אביסל פון זיי אויסגעטיילט אין דארף, ביז מען האט דעם הייליקן דערציילט. ער האט אים אין האלבע נאכט פון דארף ארויסגעטריבן, אלע ביכער אויסגעגראבן און אין הרובע זיי פארברענט...

די פויערטעס נעבן איר, האבן געזיפצט און זיך געציילעמט, האבן גאט געבעטן ער זאל דעם הייליקן ניט שטראפן פאר די זינד פון זיינע קינדער, וועלכע זיינען אין די שטעט קאליע־געווארן, האבן אין גאט ניט געגלויבט און האבן דעם צאר פיינט געהאט...

די אלטע איז אנטשוויגן געווארן. מיט ציטערדיקע הענט האט זי געטאפט דעם קראנץ בלומען. דער אויפפאסער איז צוגעקומען, האט זיי באגריסט, האט ארונטערגענומען דאס היטל, זיך איבערגע־ציילעמט, און גענומען באגיסן דעם קראנץ בלומען.

אט האט ער זיך געווענדט צו זיי, א גליקלעכער טאטע געווען, דער הייליקער פאטערל, טייערע קינדער געהאט... אט דער קלע־נערער וואסילי — אט־דער ווי אלע רופן אים וואסיא — איז ביי אים דער בעסטער... צוגעשיקט דעם קראנץ בלומען, געשריבן צום גלאך מען זאל זיין קיווער אפהיטן, ער וועט אין גיכן אליין קומען באזוכן זיין גרויסן פאטער...

די פויערטעס האבן זיך איבערגעקוקט, און די בלינדע האט ארויסגעשעפטשעט: אפאנים, כאראטע געהאט. וואסינקא, אפאנים, כאראטע געהאט.

עס האבן זיך די קירכן־טירן ברייט צעעפנט; די גלעקער האבן זיך אויפסניי צעקלונגען . אבער מילדער ווי פריער. און דער גאנצער דארף האט זיך געאיילט צו די ווייסינקע שטיבעלעך...

אַ דאָרפישע מיידעלע

דער גאַנצער דאָרף האָט געוואוסט, אַז די קליינע ביילקע זינגט שיין.

שאַבעס ביינאַכט, ווען אין די פויערשע כאַטעס איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט פאַרן זונטיק, האָבן זיך די עלטערע אויסגעזעצט אויף די פריזבעס זיך אָפּצורוען, זיך צוהערן צו דעם געזאַנג, וואָס האָט זיך צו זיי דערטראָגן פון פעלד און פון טייך.

דער זומער איז אַ שווערער. פול מיט ארבעט. אַ גאַנצן טאָג אין פעלד, ביים אַקערן, און זייען, שניידן און בינדן, קאָסען און בענטשן די פרוכטבאַרקייט פון זייערע פעלדער.

מען ברענט און מען בראָט זיך אַ גאַנצן טאָג אויף דער זון, קיין צייט ניטאָ אפילע דעם דורשט מיט אַ ביסל וואסער איינצושטילן, ביז די נאַכט קומט אָן און פאַרלייכטערט זייערע געמיטער, גלעט אַרונטער דעם שוויים פון זייערע לייבער. איבערגעטאָנענע אין ווייסע, לייוונטענע העמדער, דרימלען זיי איין.

די יונגערע שטיפנדיק און לאַכנדיק האָבן זיך פריילעכע צום פעלד און וואלד אוועקגעלאָזט, צום ווייסן, זאמדיקן ברעג, צום שפּיגל־דיקן טייך.

דאָרטן האָבן זיי באַזונגען דעם פארגאנגענעם טאָג. באַגריסט דעם נאָענטן זונטיק. באַזונגען די פריידיקע נאַכט און דאָס פעלד. לידער פון ניט קיין געזעענע געליבטע, לידער פון כאַלוימעס.

אין אַזוינע נעכט האָט ביילקע ניט געקענט איינזיצן אין שטוב. געבוירן אין דאָרף, געהערט זי צו אים. זי באַוועגט זיך מיט גרויס און קליין, אָנגעזאַפּט מיט דעם דאָרפישן לעבן. זי האָט ליב זייערע כאָגעס און די דאָרפישע לידער.

אַ שטימע האָט ביילקע ווי אַ קאַנאַריק. צער און פרייד איז אויסגעמישט אין איר דין קעלכעלע. איר פּאָנים איז אָפּגעברענט פון שפּילן זיך גאַנצע טעג אין פעלד, און די ברוינע אויגן מאַכן צו שמייכלען איר פּענימל.

מיט אַ פּאָר שיקסלעך האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, אַ באָרוועסע איז זי געלאָפן איבער די געסלעך. נאָכגעלאָפן די קלאַנגען פון לידער, וועלכע האָבן זיך געהערט פון די ברעגן פון טייך.

דערזעענדיק זי, שרייען אַלע אויס:

— גוט, ביילקאַ, וואָס דו ביזט געקומען. ניטאָ ווער ס׳זאָל זיין דער „זאַפּיעוואַלאַ". כלאָפּצי, הויבט אָן פון אָנפאַנג. וואָס ווילסטו זינגען, ביילקאַ?

— „אוי באָכערל, באָכער, וואָס טראַכסטו וועגן מיר" — שרייט זי אויס.

דאָס קליין־געשניצט קאַנאַריקעל מויל עפנט זיך אויף פון דער יונגער, צען־יעריקער ביילקעלען.

פריער זינגט זי שטיל, דאַן אַביסל העכער, און אָט העלפן אַלע צו. ביילקע שרייט זיי אַלע אַריבער. ביי דער ענדע פון ליד, ווערן אַלע אַנטשוויגן און בלויז איר שטימעלע צעטראָגט זיך איבערן טייך, איבער די געסלעך, און צו די פּריזבעס, וואו די עלטערע זיצן און דרעמלען.

אַלץ ווערט שטיל. שקאָצים דרייען פּאַפּיראָסן. אימעצער הויבט אָן קלאַפּן אַ שטיינדל אָן אַ שטיינדל, פייער פונקען פליען צו דער ערד אַרונטער. איין שטיינדל צינדט זיך אָן, און אַלע פאַרויכערן, טוען אַ שפּיי דורך די ציין, און ווידער איז שטיל.

נו, נאָך איין לידעלע, און היידאַ צו גאָט שלאָפן, זאָגט אימיצער.

— דעם לעצטן טאָג פאַרברייננג איך מיט אייך, מיינע פריינד — זאָגט ביילקע.

אימיצער הויבט אָן זינגען און גיט באַלד איבער צו ביילקען. זי ווערט די פּרימאַדאָנאַ. מיט אירע יונגע קינדערישע קויכעס שרייט זי זיי אַריבער מיט די ווערטער: „דעם לעצטן טאָג פאַרברייננג איך מיט אייך, מיינע פריינט".

און באַלד ווערט דער טייך איינזאַם. שטיל וואַקלען זיך רואיקע כוואַליעס, שלאָגן זיך אָן אין ברעג מיט אַ שטילן בורטשען.

ביילקע לויפט אַריין אין שטוב.

אוי, מאַמע! אַזוי זיך פאַרזוגנען, פאַרגעסן אַזש אַז מאָרגן דאַרף איך א גאַנצן טאָג מאַכן די אוראָקן, און מאָנטיק דאַרף איך זיין פרי אין „שקאָלע". די לערערין האָט געזאָגט, אַז עס הויבן זיך אָן עקזאַמענעס.

און ווער עס וועט אויסהאַלטן, וועט קריגן א בילד פון דעם „צאַריעוויטש". אוי, מאַמע! אַזאַ שיינער, דער צאַריעוויטש. די לערערין האָט אים אויפגעהאָנגען אין שקאָלע, מיר זאָלן אים אַלע זען.

איך וועל מאָרגן א גאַנצן טאָג „זוברעווען" דעם סטיך, איך וועל מאַכן די זאַדאַטשעס און איך וועל אויסהאַלטן, מאַמע, וועסט זען, איך וועל ברענגען אַהיים דעם צאַריעוויטש. אוי, מאַמע, אַזאַ שיינער. מאַמע! וויפיל איז פיר מאָל אַכט?

ביילקעס מאַמע זיצט אויפן באַנק, ביים קעראָסין לעמפל און לייענט קרישמע. די מידע אויגן האַלב געשלאָסן, און הערט זיך פריידיק צו צו ביילקען.

פיר מאָל אַכט איז צוויי און דרייסיק, ענטפערט זי ביילקען א גליקלעכע.

זע זאָלסט אויסהאַלטן די עקזאַמענס, זאָלסט ברענגען גוטע „אָטמעטקעס". אָט כאַדראַ קאַלענין לערנט זיך גוט. מאַרינקאַ אויך, און דו, ביילקע, זאָלסט מיך ניט פאַרשעמען. איך האָב ניט קיין צייט צו גיין מיט דיר אין שקאָלע. גאָט האָט דיין טאַטן פון אונז פרי צוגענומען, דאַרף איך אַליין אייך קאָרמענען, און פונקט מאָנטיק דאַרף איך פאָרן אין שטאָט נאָך סכוירע. גיי, לייג זיך אויף דער „ליזשאַנקע" און שלאָף זיך גוט אויס.

ביילקעס מאַמע גיט זיך א הייב פון אָרט, טוט א קוק צו דער ליזשאַנקע. די קליינע ביילקע ליגט שוין א צונויפגעדרייטע אונטער א לייווענטענעם „רעדנע". גיט זי א הייב דעם לאָמפּ, בייגט זיך איבער אים, גיט א בלאָז און דאָס דינינקע פייערל שטאַרבט.

מאָנטיק האָט זיך ביילקע אויפגעהויבן זייער פרי. נאָך איידער מען האָט די טשערעדע אויף פּאַשע געטריבן. זי האָט זיך איילנדיק אָנגעטאָן, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. איבערגעביסן א שטיקל ברויט מיט פריש אויסגעקלאַפּטע פּוטער, פאַרטרונקען מיט א

גלאָז טיי, האַלטנדיק דאָס ביכל אין דער האַנט, שעפּטשנדיק דעם סטיך, נאָכאַמאָל איבערגעקוקט די זאַדאַטשע און געלאָזט זיך אין וועג צום שקאָלע.

און ביילקעס מאַמע, פאָרנדיק אין וואָגען צום שטאָט, פילט זיך גליקלעך: ביילקע, זאָל לעבן, וועט אויסוואַקסן אַ לייט — ניט אַזוי ווי די עלטערע אין שטאָט, וואָס זיצט צו צוויי יאָר אין איין קלאַס.

זייענדיק אין שטאָט, און אָנלאָדנדיק דעם וואָגן מיט אַ ביסל סכוירע, איילט זי זיך צוריק אין דאָרף.

אַ ביסל פאַרבראַכט מיט איר עלטערער טאָכטער. ביי איר זיינען שוין אויך די עקזאַמענס, נאָר זי ווייס נאָך גאָר ניט. זי קוקט אויף איר עלטערער טאָכטער.

יענע איז אָנגעטאָן אין אַ קאַריטשניעווער פאָרמע, מיט אַ שוואַרצן פאַרטוך. די גאָלדענע האָר שטייף אין צוויי צעפּ פאַרפלאָכטן, איבערגעבונדן צווישןביידע צעפּ מיט אַ ברוינעם באַנד. אַ קעמעלע און אַ פּאָר ברוינע טופליעס אויף אירע גלייכע פיס.

זי קוקט אויף איר עלטערער טאָכטער פון קאָפּ ביז די פיס. אַ סטראָינע ווי אַ „טאָפּאָליע", טראַכט די מאַמע. און די צעפּ גערדיכטע און לאַנגע, ביז אריבער דער טאַליע.

די מאַמע טראַכט פון ביילקען. זי, די קליינע, ווייס נאָך ניט פון קיין פאָרמע. זי לויפט ווינטער אין „וואָליקעס", און זומער אָ באָרוועסע. נאָר איינגיכן וועט מען זי אויך דאַרפן צוגרייטן אין שטאָט.

שנעל געזעגנט זי זיך מיט איר עלטערער טאָכטער, און שוין זיצנדיק אויפן וואָגן, גיט זי זי אַ פרעג: זעלדעלע, האָסט געלט?

ניין, ענטפערט זעלדעלע, זי האָט ניט. נאָר זי שעמט זיך בעטן, ווייל זי איז נאָך ניט זיכער מיט די עקזאַמענס.

די מאַמע ווערט גערירט ביז טרערן. זי קושט און האַלדזט זעלדען. וואָס איז זי נעבעך שולדיק אַז עס איז איר שווער צו לערנען זיך?

* *

*

האַלבן טאָג איז די מאַמע שוין צוריק אין דאָרף.

ביילקע לויפט באַלד אריין אין שטוב: מאַמע, מאַמע, איך האָב

געבראַכט דעם צארעוויטש!... מאמע, באַהאַלט דעם צארעוויטש אין א פּאַפּיר, ער זאָל זיך ניט אויסשמירן!... אזוי האָט די אוטשיטעל־ניצע געהייסן. מאמע, די לערערין האָט געזאָגט, אַז איך האָב אויס־געהאַלטן!...

א יאַנטעוו איז די גאַנצע וואָך אין הויז. א קלייניקייט, דאָס גאַנצע דאָרף ווייס, אַזביילקע האָט אויסגעהאַלטן. די לערערין איז אַליין געקומען אין הויז, שטאַרק געלויבט ביילקען.

אָבער פון שטאָט איז אָנגעקומען א בריוו, אַז זעלדע האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און זי איז געבליבן זיצן דאָס צווייטע יאָר אין פערטן קלאַס.

די לעצטע פּאָר טעג האָט מען זיך בליז געדאַרפט ווייזן אין שקאָלע, אויסהערן אינסטרוקציעס, נעמען ביכער, ברייננגען ביכער. און דער „קאַניקול" האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן.

אין טאָג, ווען דער קאַניקול האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ביילקע געבראַכט אַהיים א ביכל „פּערווע טשאַסט", א נייע גראַמאַטיקע, און צוריקגעבראַכט דעם „אַנבייסן" אַהיים. זי פילט ניט גוט. דער קאָפּ דרייט זיך איר, און זי איז אין שקאָלע אויפן באַנק איינגעשלאָפן.

מען האָט איר איינגעגעבן קאַסטאָרקע, אריינגעלייגט אין בעט, איינגעדעקט, און אוועקגעשיקט א פור נאָכן פעלטשער.

אין א וואָך ארום איז זי שוין בעסער. מען האָט איר אָנגעטאָן א פּאָר וואַליקעס, זי זאָל ניט גיין באָרוועס, און זיך ניט צוקילן אויפס־ניי. ביילקע האָט זיך פארבענקט נאָך דער קלייט, פארבענקט זיך נאָך די „דאָמיקעס", וואָס שטייען אויפן פּאָליצע אָנגעשטאָפּט מיט קאָנ־פעקטן, פארבענקט זיך נאָך א שנירל רויטע קארעלן. קיין ליענטע דאַרף זי שוין ניט. דער פעלדשער האָט געהייסן אָפּשערן די האָר, עס זאָל זיין גרינגער אויפן קאָפּ. האָט די מאמע ביילקען אָפּגעשוירן.

אריינקומענדיק צוריק אין הויז, קריכט זי ארויף אויפן אויוון: עס איז מיר קאַלט. עס „מאָראָזשעט" אין אַלע ביינער — קלאָגט זיך ביילקע. די מאמע האָט גוט אויסגעבעט דעם „טשירען", אָפּגע־פרעגלט פרישע שוועמלעך, געגזענע גריבענעס, און איר דערלאַנגט אויפן אויוון.

אויף מאָרגן האָט זיך ביילקע ניט געקענט אויפהויבן פון געלעגער.

דאָס פּאָנים, די הענט און די פיס זיינען פולער געוואָרן, אַזוי ווי זי וואָלט אויפגעגאַנגען ווי אַ „ראָשטשינע".

פון אויוון לאָזט איר די מאַמע שוין ניט אַרונטער. — זייַ דאַרטן, טייבעלע מיינע, איך קאָך באָרשט און מאַך וואַרעניקעס פון קאַרשן, וועל איך דיר אַהין דערלאַנגען.

ביילקע ווערט פריילעכער. הויבט זיך אויף און שטעלט זיך אַוועק איבערגעבויגן אַריבער דעם קאַרניז.

— אוי טאַקע, מאַמע! אַזוי לאַנג ניט געגעסן קיין וואַרעניקעס, און אַזוי לאַנג שוין ניט געזונגען. זי קוקט אַרונטער צו דער מאַמען, וועלכע שטייט לעבן אויוון, מיט דעם ווילאָטשניק אין האַנט און רוקט דעם באָרשט נענטער צום פייער.

ביילקע צעזינגט זיך: „דעם לעצטן טאָג היינטיקן פאַרברענג איך מיט אייַך, מיינע פריינט!"

די מאַמע גיט זיך אַ צאַפּל. דער „ווילאַטשניק" פאַלט אַרויס פון אירע הענט. דער טעפּל גיט זיך אַ קער אויף אַ זייט און דער באָרשטש האָט זיך אויפן פייער אויסגעגאָסן. אין אויוון האָט אָנגעהויבן זידן און קאָכן. דער באָרשטש איז אַרויסגעשוואומען אויפן פּריפּעטשיק, אויף דער ערד, און צו די הינער אין „פּאַפּיטש" אַריין.

פּלוצלונג צעוויינט זיך ביילקע: אוי, מאַמע־טייבעלע, איך קען ניט זינגען. איך קען ניט אָטעמען, און איך קען מער ניט שטיין. עס שטעכט, מאַמע־טייבעלע, עס שטעכט אין דער רעכטער זייט, און עס שטעכט אין דער לינקער זייט... אוי, מאַמע!

מען האָט ביילקען פון אויוון אַרונטערגענומען, זי ווידער אין בעט אַריינגעלייגט, געשיקט נאָך דעם פעלדשער אין די „נייע מילן", און אין „מאַקאַשין", נאָר מען קען אים ניט קריגן.

ביילקעס מאַמען גייט דער לעבן ניט איין. אַזוי ווי זי האָט דערהערט ביילקען זינגען, האָט זיך איר אין האַרצן אָפּגעריסן, אַזש דער ווילאַטשניק איז פון די הענט אַרויסגעפאַלן, צוזאַמען מיט אַ שטיק האַרץ.

ער זאָל זיין אָפּגעשיידט, וויים גאָרניט, וואָס ער האָט צו מיר געטאָן. אַזוי גיך איז ער פון דער וועלט אַוועק, און מיך מיט די אויפעלעך איבערגעלאָזן. אַ גוטער בעטער זאָל ער פאַר ביילקען זיין,

ער האָט דאָך זי אַזוי ליב געהאַט. נאָך איצט טראָגט זי סימאָנים אויף אירע פּוכקע בעקעלעך פון זיינע קושן.

*   *
*

ביילקע ליגט שוין באַלד א וואָך, מיט פּוכענע קישנס אונטער־געשפּאַרט אירע זייטן. ליגן קען זי ניט.ביידע לונגען זיינען אַנט־צונדן. דער פעלדשער קומט און פאָרט צוריק . . .

— יאָ, מאַמע־טייבעלע, עס שטעכט! איך וועל אַפּאָנים שטאַרבן — רעדט ביילקע צו דער מאַמען. איר שטימע איז שוואַך. דאָס פּאָנים געל, און די אויגן טיף אין שטערן אריינגערוקט.

— רוף נאָכאַמאָל דעם פעלדשער, און נעם דאָס געלט וואָס דער טאַטע האָט מיר אַמאָל געגעבן צו שפּילן זיך, און גיב עס סאַמוילן, דעם בעטלער, וועט ער פאַר מיר בעטן גאָט...

— אוי, מאַמע, אַז איך מאַך צו די אויגן, זע איך די גרוב וואו מען האָט מיין כאַווערטע לידאַטשקען אריינגעלייגט. מיר זיינען ביידע געווען אויף אירע „פּאָכאָראָנעס". אוי, מאַמע, וויין שטאַרק און בעט פאַר מיר גאָט! . . .

די נאַכט איז געקומען.

ביילקע האָט שוין מער ניט גערעדט. זי האָט זיך געראַנגלט, ניט געוואָלט אויפהערן לעבן. אין וועלכער זייט דער טויט איז צוגע־קומען, האָט זי איר קעפּעלע פון אים אויסגעדרייט.

נאָר דעם לעצטן מאָל איז איר לינקע באַק צוגעפאַלן צו דער פּוכענער קישעלע, און איר שטימעלע איז אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן . . .

דער ערשטער טאָנעס

עס זיינען פאַראַן אַסאַך שיינע אידישע יאָנטויווים. יעדער יאָנטעוו צייכנט זיך אויס מיט אַנדערע דינים, מינהאָגים און צע־רעמאָניעס.

אָבער פון די אַלע יאָנטויווים האָבן אויף פריידלען אַ איינדרוק געמאַכט ראָש־האַשאָנאָ און יאָם־קיפּור.

ראָש־האַשאָנאָ האָט פריידעלע ליב געהאַט מיט איר גאַנצער יונגער נעשאָמע.

אַט ווערט פּלוצלונג אַ געלאָף, אַ גערעדעריי, און אָט ווערט אַלץ שטיל אין הויז, — עס ווערט יאָנטעוו. גרויסע ליכט שטייען אָנגעצונדענע אויפן גרויסן טיש אין מיטן שטוב, און לייכטן אַריין אין יעדן ווינקעלע.

די מאַמע טוט אָן אויפן קאָפּ איר ווייסע זיידענע קוסינקע. דריי מאָל שטרעקט זי אויס אירע הענט, נעמט יעדן מאָל אַרום די ליכט, דעקט צו איר פּאָנים מיט אַלע פינגער, און זאָגט עפּעס שטיל מיט די ליפּן אַרויס. דערנאָך נעמט זי אַרונטער די הענט פון פּאָנים, און הויך מאַכט זי דעם שעכעיאָנו און שמייכלענדיק פריידיק, גיט זי אָפּ אַלעמען „גוט־יאָנטעוו", און קושט היים אַלע קינדער.

און אַז דער טאַטע גייט אַוועק אין שול, נעמט די מאַמע דעם גרויסן סידער, גיט אים אַ קוש, לייגט אים אַוועק אויפן טיש און קוקט אויף די גרויסע ווערטער און דאַווענט. אַלע קינדער גייען אום אויף די שפּיץ פינגער. און טאָמער רעדט מען צו הויך, ווייל זי ניט מאַפּסעק זיין און שרייט בלויז: „נו — נו", און קוקט אויף די קינדער שוין אַביסל בייזלעך.

אויף מארגן גייען די קינדער צו דער מאמען אין שול. זיי פוצן זיך אוים אין די ריינע איינפאכע קליידלעך, לויפן ארויף אויבן צו דער ווייבערשער שול, און קושן די מאמען שטארק, און די מאמע פירט צו די קינדער צום פארענץ. אונטן שטייען אידן אין טאליסים שאקלען זיך און דאוונען הארציק.

פלוצלונג ווערט אלץ שטיל.

די מאמע נעמט צוויי פינגער צום מויל, גיט א צייכן מען זאל ניט רעדן. קימאט אלע מאמעס טוען אזוי.

אונטן זעט פריידל ווי די טאטעס דאווענען, ווי אלע האבן ארויפגערוקט די טאליסים איבער די קעפ.

און עס האט זיך דערהערט דאס בלאזן פון א שויפער. דערנאך א טרויעריקער אויסגעשריי, ט ע ק י א ג ע ד ו י ל א. און אט האבן אלע ווידער אנגעהויבן דאוונען אויפן קאל און וויינען.

פריידלען שיקט די מאמע מיט די איבעריקע קינדער אהיים און אליין בלייבט זי נאך אין שול. לעבעדיק לויפט פריידעלע ארונטער די טרעפ פון שול. האלט איר קלענערע שוועסטער ביי די הענט און לויפט אוועק אהיים.

און ווען טאטע־מאמע קומען פון שול, שטייט שוין דער טיש א פארפוצטער, מען עסט א געשמאקן ווארמעס און מען פארבייסט מיט א צימעס פון מערן און האניק.

נאר יאם קיפער — האט זיך פריידל אלעמאל געגרייט מיט אומגעדולד.

זי האט געוואוסט אז יאם קיפער ווערט זי די גאנצע באלעבאסטע אין שטוב.

זי בלייבט איבער מיט די קלענערע קינדער אויף א גאנצן טאג, זי דארף זיי געבן עסן און טרינקען וויפיל זיי ווילן, — אזוי זאגט די מאמע אן.

פריידל אליין האט שוין אויך געפאסט „האלבע טעג”, נאר די מאמע האט געזאגט אז היינטיקן מאל וועט זי פאסטן א גאנצען טאג.

פון גרוים סימכע, מיט א הארץ וואס האט זיך צוטיאבקעט פאר מוירע, פאר דעם ערשטן טאנעס, האט פריידעל געענטפערט מיט קוראזש, אז זי קאן פאסטן אפילו „דריי טעג”.

פאַרנאַכט האָבן זיך טאַטע מאַמע פאַרפּאַסט, און פריידל האָט זיך אויך צוגעגרייט און געהאַלטן אין איין עסן נאָר ניט קיין סאַך זאַלין, אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע, עס זאָל ניט דאָרשטן.

האָט פריידל געהאַלטן אין איין טרינקען װאַסער.

און װי נאָר דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַװעק אין שול האָט זיך פריידל דערשראָקן פאַר יאָם קיפּער.

אויף מאָרגן איז פריידל אויפגעשטאַנען שפּעטער װי אַלע מאָל. זי האָט מוירע געהאַט זיך אויפצוהויבן עס זאָל זי ניט אָנהויבן הונגערן.

אַלע װײַלע האָט זי געשיקט אַנ׳אַנדער קינד אַ קוק טאָן װיפיל עס איז דער זייגער. און נאָר װען דער זייגער האָט הילכיק אָפּגעקלאַפּט צען האָט זיך פריידעלע אַראָפּגעכאַפּט פון בעט.

און װי זי האָט נאָר אָנגעהויבן אויסטיילן צו די קינדער דאָס עסן, האָט פריידלס האַרץ איר אָנגעזאָגט אַז זי איז הונגעריק...

די סלונע האָט זיך אַ קייקל געטאָן אין פריידלס מויל, און מיט שרעק האָט זי אַ שלונג געטאָן.

עפּעס אַ קלייניקייט אַזוינע גרויסע פּאַרציעס הון, מיט האַלב זויערע אוגערקעס, שטיקער פלאָדן, טאָרט און לעקעך האָט זי אין אירע הענט געהאַלטן און נאָר געקענט קוקן אויף דעם...

פּלוצלונג איז זי געפאַלן אויף אַסוראָע. עפּעס צופיל ,דאַכט זיך קריגן די קינדער. און זי האָט אַרונטערגעגאַנװעט פון יעדען ביילעק, צו „שטיקלעך" און צו „ביסלעך" און עס אײַנגעװיקלט אין האַנטיכער און באַהאַלטן אין אונטערשטן שופלאָד פון גאָר־דעראָב.

פאַרנאַכט, װען עס איז פאַרבליבן אַ קורצע צייט צום אָפּפאַסטן איז פריידל אומגעגאַנגען װי אַ שאָטן. דער קאָפּ האָט איר װיי געטאָן. איר צונג, האָט זי אין שפּיגל דערזען, איז װײַסער װי די סטעליע. אין די אויגן טאַנצן פונקען און די הענט טרייסלען זיך ביי איר װי ביי דער באָבע שיפרע.

זי לויפט צום שופלאָד בייגט זיך אָן און טוט אָן עפן, רוקט אַרונטער דעם האַנטוך און קוקט אויף די גוטע „זאַכן" װאָס זי האָט זיך אָנגעגרייט אַבוץ װאָס איר קומט פון דער מאַמען.

שמייכלענדיק לויפט זי אַריין אין זאַל גיט אַקוק אויפן זייגער.
אין פענצטער האָט זי פון דערווייטנס דערזען דעם טאַטן אין א ווייסן קיטל מיט אַ ליכט אין האַנט. די מאַמע אין איר שווארצער פּופּלינעווער קלייד מיט דעם שווארצן זיידענעם שאַרף אויפן קאָפּ.
און אָט האָבן זיך אַסאַך ליכט אין גאַס באַוויזן, אַסאַך טאַטעס אין ווייסע קיטלען.
פריידל פאַרגעסט אז זי פאַסט. זי לויפט ארויס אין קיך, לויפט צוריק אין זאַל, גרייט האַסטיק דעם טיש, עפנט אויף די פענצטער פון זאַל, בלאָזט דעם סאַמאָוואַר מיט דעם טאַטנס שטיוול, גיט אַקוק אין הויף און דערזעט די מאַמען.
זי גיט אַן עפן די טיר, און פאַלט אַריין אין דער מאַמעס אָרעמס און כאַלעשט.

פאַרגאַנגענע יאָרן

די ערשטע יאָרן נאָך מאַניעס חתונה איז דער צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן ניט געווען קיין געראָטענער. שווערע, אָרעמע און פאַרביטערטע יאָרן זיינען עס געווען, און דערנאָך, נאָך ערגער. און מאַניע האָט אָנגעהויבן וועלקן, ווי אַ בלום וואָס בליט זיך אָפּ פאַר דער צייט.

שפּעטער האָט מאַניע אָנגעהויבן פאַרגעסן אָן די אַמאָליקע יאָרן פון יוגנט און פרייד, געזעצט און געעלטערט מיט אַ סך שטעמפּלען פון ניט־געראָטנקייט.

דער מאַן אירער, דאַוויד לעדערער, האָט קיין צייט ניט געהאַט צו איר, און דערצו האָט זי געוואוסט, אַז זי איז ביי אים „נים איינע".

איהר איינציקע טאָכטער, לוסי, וואָס האָט נאָר געוואָלט פרי חתונה האָבן, האָט עס אויסגעפירט. קוים איז זי נאָר אריין אין די זיבעצן, איז זי אַנטלאָפן, ווי אַ סאַך אַנדערע אין אירע יאָרן טוען, און חתונה געהאַט.

דערנאָך איז מאַניעס מאַן אַוועק די ביזנעס גאָר ניט שלעכט, האָט מען געקויפט אַ הויז, דערנאָך אַ קאַר, און צו לעצט אריינ־גענומען אַ דינסט.

האָט זיך מאַניען אָנגעהויבן גלוסטן אַביסל זיך אָפּצולעבן. דאַוויד האָט זיך אויך געביטן; האָט זיך צום הויז צוגעבונדן. אים האָט האַנאָע געטאָן, וואָס מאַניע האָט זיך געביטן, און דאָס לעבן איז אַוועק אַביסל אַנדערש.

דאַוויד האָט אַפילו באַמערקט, אַז זיין ביזנעס פּאַרטנער, באַרוך אַלפּערט, איז צו אָפּט העפלעך צו מאַניען, ער קוקט אַף

איר און קוקט איר נאָך, גיט איר קאָמפּלימענטן און דריקט איר די האַנט ווען ער דערזעט זי, מיט א פאַרפלאַמטן פּאָנים.

ער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף באַרוכן מיט מאַניען. ער האָט אָבער אויף מאַניען גאָר ניט באַמערקט. זי איז פריינטלעך צו יעדן און אַזוי אויך צו באַרוכן, האָט ער זיך באַרואיקט.

זומער האָט דאַוויד און באַרוך געדענט אַ קאָטעדזש אין אַ קאַנטרי אויפן זומער.

ביידע פרויען — מאַניע און באַרוכס פרוי, האַדאַסע, האָבן גענומען מיט זיך די נויטיקע זומער־קליידער און אַלע פיר האָבן זיך באַזעצט אין קאַנטרי.

דורך דער וואָך האָבן ביידע פּאַרטנערס זיך אַריינגעכאַפּט אין שטאָט צו באַזאָרגן זייערע געשעפטן. די צוויי פרויען האָבן זיך זייער גוט באַפריינדעט, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַלץ גייט גלאַט.

עטלעכע וואָכן קאַנטרי האָבן מאַניען אויף די פיס געשטעלט. זי האָט זיך צעבליט, געוואָרן שיין און אנציענד, אַז אַפילו די שווארצע דינסט, עלאַ, וואָס מען האָט איר מיטגענומען, האָט אָנגעקוואָלן פון איר באַלעבאָסטע.

די ניין־און־דרייסיק יאָר האָבן מאַניען זייער געפּאַסט, און אַזוי ווי גאָט וואָלט זי פאַרגיטיקט פאַר די פרי־פאַרוועלקטע יאָרן.

מאַניע האָט די ערשטע דערזען, אַז זי איז נאָך יונג, זי האָט די ערשטע דערפילט, אַז זי האָט נאָך ניט געלעבט, און זי האָט די ערשטע געוואוסט, אַז זי קען מיט זיך טאָן וואָס זי וויל.

איר יוגנט האָט זי געגעבן פריער צו איר מאַן, דערנאָך צו איר טאָכטער, דערנאָך צו דער אָרימקייט, אָבער גאָרניט פאַר איר. בלויז די ניין־און־דרייסיק יאָר האָט זי אָפּגעשפּאָרט פאַר זיך.

זי האָט איר מאַנס פּאַרטנער היים געליבט. זי האָט געוואוסט, אַז זי טוט מיט איר ליבע קיינעם ניט וויי, דערמיט וואָס זי ליבט און שווייגט. זי דאַרף קיינעם ניט אָפּגעבן קיין רעכענונג פון וואָס איר האַרץ האָט דערפילט אַ זיסן ווייטיק. זי האָט געוואוסט, אַז זי קען עס גוט באַהאַלטן פון איר מאַן און פון באַרוכס ווייב. אַבי זי און באַרוך ווייסן דערפון.

די ערשטע צייט האָט זי אין איר ליבע צו באַרוכן באַשולדיקט

איר מאַן: זיין שלעכטע באַהאַנדלונג, זיין אויסבייטן זי אויף אַנדערע, זיין ביישטייערן צו דערשטיקן איר יוגנט, וועלכע האָט זי אַזוי פרי פאַרלאָזן. דערנאָך, ווען די צייטן זיינען אַוועק בעסער, האָט זי אים אויפגעהערט צו באַשולדיקן.

און כאָטש מאַניע האָט געקענט מיט זיך טאָן וואָס זי וויל, ווי זי האָט עס געטראַכט, האָט זי גוט געוואוסט, אַז זי וועט עס ניט טאָן. זי האָט באַשלאָסן, אַז איר ליבע צו באַרוכן מוז זיין אַ ריינע, און ניט קיין אַנדערע.

עס איז גענוג אַז איך ליב און ווער געליבט, האָט זי צו זיך געזאָגט. צו טראַכטן פון געטן און כאַסענעס איז שפּעט — צו שפּעט.

די פּאָר מאָנאַטן פאַרגעניגן אין זומערדיקער אומגעבונג, האָבן געוועקט אין איר נאָך מער די ליבע צו באַרוכן.

די אָוונטן האָבן פאַרשאַרפט איר ווייטיק. זי האָט געהאַט אַ באַגער צו בלייבן מיט באַרוכן אליין, כאָטש גיין פאַר אַ שפּאַציר, זיין נאָענט נעבן אים, ער זאָל איר פאַר אָרעם אָננעמען, אַ פּאָר ווערטער איר זאָגן, וואָלט איר האַרץ מער קרעפטן געקראָגן די ליבע צו באַהאַלטן.

ניט זעלטן טרעפט זי באַרוכס בליקן אויף זיך. און נאָך אָפטער שרייבט ער איר וועגן זיין ליבע, און בעט זי האָבן געדולד, וועט זיין נאָך בעסער. ער גאַרט שוין דער זומער זאָל זיך ענדיקן, וועט די שטאָט זיי מער געלעגנהייט געבן צו זיין נענטער און אליין.

פּלוצלונג, אין אַן אָוונט, האָט דאַוויד איינגעלאַדן באַרוכס ווייב פאַר אַ רייד.

— קומט, האַדאַסע — האָט ער געזאָגט — מאַניע שטריקט אַ הענדבעג פעלט איר אויס פּאָדים, וועלן מיר צופאָרן צום קאַסינאָ און איר וועט זיין דער מיוון, האָט ער פריילעך געזאָגט. ער האָט אָנגעצונדן אַ ציגאַר, אַריינגעקראָכן אין קאַר, וואָס איז שטענדיג געשטאַנען נעבן קאָטעדזש, און אויפגעעפנט די טירל נעבן זיך פאַר האַדאַסען.

דאַוויד האָט עס געטאָן אָן קיין שום אַבזיכט. ער האָט איצט מאַניען היים געליבט, ווי וועלנדיק איר אָפּגעבן וואָס ער איז איר שולדיק פון אַמאָליקע יאָרן.

מאַניע האָט שמייכלענדיק געפּאַכעט מיט דער האַנט, זיצנדיק אין ווינג־שטול און שטריקנדיק דעם בעג.

איר האַרץ האָט זיך אָנגעהויבן ווינגן אין איר, נאָך שנעלער ווי דער ווינג־שטול. זי ווייס, אַז באַרעך איז אין פּאָדער־צימער, און דורך די שפּאַלטן פון דער צייטונג, וואָס ער לייענט, קוקט ער אויף איר דורכן פענצטער. נאָר אַזוי שנעל ווי די קאַר איז פון מאַניעס אויגן פאַרשוואונדן, האָט זי כאַראַטע געהאַט, וואָס זי איז ניט מיטגעפאָרן.

עפּעס האָט איר פאַרדראָסן און שטאַרק ווי געטאָן וואָס דאַוויד האָט איינגעלאַדן באַרוכס פרוי. זי האָט געוואָלט אויסשרייען פון פאַרדרוס, האָט זיך באַרוך באַוויזן אויפן שוועל.

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר. אַן אומרואיקע שטילקייט האָט צווישן זיי געהערשט.

באַרוך האָט זיך איינגעבויגן, אַריינגענומען זיין קאָפּ איןביידע הענט. זיינע זיידענע, האַלב־גראָע האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער די פינגער, און ער האָט געקוקט אויף מאַניען און געזוכט ווערטער צו ריידן צו איר.

ער האָט שטיל אָנגעהויבן ריידן פון זיין ליבע צו איר. יעדער וואָרט האָט ער געצערטלט איידער ער האָט עס צו איר דערלאַנגט.

ער האָט זי געלויבט מיט אַלערליי ווערטער פאַר איר שיינער האַלטונג, פאַר זיין מענטשלעך און נאָך מער ווי מענטשלעך. ער האָט איר דערמאָנט ווי שטאַרק ער אַכט זי, ווי היים זיין האַרץ באַגערט זי.

ער איז אַנטשווינגן געוואָרן, וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, און ווען ער האָט זיך גענויטיקט ווי אַ קראַנקער אין אַ רעפוע.

מאַניע האָט אים געהערט ריידן.

זי האָט געוואָלט נאָך מער זיך צוהערן, נאָר עפּעס האָט זי זיך דערפילט אַזוי ווייט פון אים.

פּלוצלונג האָט זי איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז באַרוך זיצט נעבן איר. אין געדאַנק האָט זי דערזען דאַווידן מיט האַדאַסען. זי זעט דייטלעך ווי די קאַר פאָרט שנעל. דאַוויד און האַדאַסע ריידן פריילעך. עס דוכט זיך איר, אַז האַדאַסע האָט גענומען אונטערן אָרעם דאַווידן

און איר קאָפּ אויף זיין אַקסל אַרויפגעלייגט. ער נעמט זי אָן פאַרן האַנט, העלפט איר אַרויסשטייגן, און געאָרעמט גייען זיי ביידע אַריין אין קאַסינע, און שפּילן ביים סלאָט־מאַשין.

זי איז שוין גערן אַז דאַוויד מיט האַדאַסען זאָלן זיין צוריק דאָ.

אַ קאַר האָט זיך לעבן קאַטעדזש אָפּגעשטעלט. דער האָרן האָט אַ בלאָז געטאָן און מאַניעס טאָכטער, לוסי, מיטן איידים, האָבן געשריען: מאָדער דיער, האַו אַר יו?

מאַניע האָט דעם בעג אַ שליידער געטאָן אויפן טיש. זי איז אַרונטער געלאָפן פון ווערענדע, די טאָכטער אין אירע אָרעמס גענומען, געקושט אירע בלאָנדע צעשאָטענע האָר, געקושט איר שמייכלענדיקן איידים, און איז מיט זיי אין קאַטעדזש אַריין.

באַרוכן איז אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אויב ער האָט נאָך מאַניען ניט פאַרלאָרן, וועט ער זי באַלד פאַרלירן.

ער איז אַרויס אויפן וועג, און שטיל זיך געשלייכט איבערן וועג מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

קומענדיק צוריק אין שטאָט איז מאַניע געווען זייער אומעטיק. דאָך איז זי, ווי אַלע מאָל, אַנגעגאַנגען מיט איר טעגלעכן לעבן, מיטן הויז.

און טיף אין אַסיען איז מאַניע קראַנק געוואָרן. זי איז שנעל צוריק שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן.

די פערטע צענדליק פון אירע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אָנרוקן אויף איר אומגעריכט. צווערשט האָבן זיי זיך גענומען צו איר פּאָנים, אויסגעצויגן אַ גוידער, דערנאָך זיך אַרויפגעזעצט אויף אירע זייטן און אויפגעבויט זיך אַ נעסט פון פלייש. שטיקער פלייש. די טריט זיינען געוואָרן מידע; שווער פאַר די שוואַכע פיס געווען צו טראָגן די צוגעקומענע פלייש. דערנאָך האָבן זיך די פאָר צענדליק יאָר צוגעטוליעט צו אירע הענט, אויסגעבויגן אַ צאָל קנייטשן. די האָר האָבן זיי אָפּגעפאַרבט פריער גראָ און דערנאָך מיט זילבערנע פעדים באַשאָטן איר גאַנצן קאָפּ.

אַזוי ווי דער ערשטער שניי באַזילבערט די עטוואָס נאָך גרינע פעלד.

מאַניע האָט די ערשטע דערזען אָנקומען אירע יאָרן; דערזען

אז דאָס איז געווען איר ערשטער און לעצטער זומער, ווען זי האָט אַ ליכט געטאָן און זיך אויף אייביק אויסגעלאָשן.

אין אָוונט, ווען אַ דראָבנער רעגן האָט זיך לאַנגזאַם אַרונטער־געלאָזן און די בלומענטעפּ אויף די פענצטער האָבן זיך אָנגעהויבן קאָרטשען, איז מאַניע פון הויז אַרויס, און זיך אָפּגעשטעלט לעבן צוויי ביימער, וואָס האָבן אויף זיך קוים אויפגעהאַלטן שיטערע, דאַרע בלעטער.

די ביימער האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער. דער אָסיענדיקער רעגן האָט זיי געוואַשן און דער ווינט האָט אַלע ווײַלע אַרונטערגעריסן פון זייערע לייבער עטלעכע בלעטער.

די בלעטער, האַלב געל, האַלב בלאָ, קאָרטשען זיך פון ווינט און רעגן, און טוליען זיך צו די פיס פון די ביימער.

מאַניען דוכט זיך, אַז די בלעטער קושן די פיס פון די ביימער, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך בעטן: הויב אונדז אויף פון דער ערד. טוליעט אונדז צו צוריק צו אייערע צווײַגעלעך ווי זומער, אַניט וועט אונדז דער ווינט פון אייך פאַריאָגן...

מאַניען קלעמט ביים האַרץ:

אָט ערשט מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער זײַנען די בלעטער אויף די צווײַגן געבוירן געוואָרן. די ביימער האָבן זיך באַקליידט מיט זיי, די וועלט האָט דעם דופט פון זיי אײַנגעאָטעמט, דער זיסער רעגן האָט זיי געוואַשן, און פון דעם זײַנען זיי געוואַקסן און האָבן געבליט. דער ווינט האָט זיי געלאַשטשעט און געוויגט, זיי גרעסער און שטאַרקער געמאַכט.

— הייסט עס, אַז ניט נאָר איך ווער אַלט? — האָט מאַניע געשעפּטשעט.

ביימער אויך, ניט נאָר מײַן קאָפּ ענדערט זיך. ניט נאָר מײַן האַרץ ווערט שוואַכער, נאָר צווײַגן און בלעטער. ניט נאָר מײַנע יאָרן פאַרוועלקן, נאָר אַלץ אַזוי.

נאָר די ביימער וועט דער דער זומער צוריקגעבן זייער יוגנט, איר מער ניט. לאַנגזאַם האָט זי זיך צוריקגעקערט צום הויז.

זי האָט אַ פּאָר נאַסע, צונויפגעדרייטע בלעטעלעך פון דער ערד אויפגעהויבן, געצערטלט זיי און געוויינט.

אַ קאַר איז צוגעפאָרן.

אַ האָרן האָט ווידער אַ בלאָז געטאָן און מאַניעס טאָכטער איז איר אַנטקעגן געלאָפן. זי האָט די מוטער אין אירע אָרעמס אַריינגענומען, זי היים געקושט, און אין הויז, איידער זי האָט נאָך די שוועל אַריבערגעטראָטן, האָט זי מאַניען אויפן אויער אויסגעשעפטשעט, אַז זי וועט באַלד ווערן מוטער . . .

טייבקעלע

די קליינע טייבקעלע האָט היינט פאַרטאָג ווידער אַרויסגעטראָגן די גרויסע הילצערנע מולטער אויפן שוועל, ווידער אָנגעגאָסן אין איר קאַלטע וואַסער פון דער קופּערנער קוואָרט, און אַריינגעוואָרפן „שטיר־מערם״ זייף, זאָל ווערן אַסאַך מולינעס. און זי האָט גענומען אָנ־זייפן אירע דאַרע הענטלעך, איר פּנים, איר האַלדז, צוגעמאַכט די אויגן, אָננעמענדיק פולע זשמעניעס מיט וואַסער אַרונטערצושווייַנקען דעם זייף.

אַ ווייסער לייוונטענער האַנטוך איז געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשע־טער אויף די טרעפּ און געוואַרט ביז טייבקעלע וועט אים איינלאַדן צו איר פרישן פּנים.

שוין אַ פּאָר זומערן אַז טייבקעלע טוט אַזוי, איידער זי גייט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אין דער קאָנפעטנער פאַבריק. זי שטייט אויף אַביסל פריער, גייט אַרויס זיך וואַרימען אויף דער פרימאָרגנ־דיקער זון, לייגט זיך אַוועק אונטערן פּאַרקן אויף אַ באַנק, וואו עס שטייט די בלינדיקע קאַרשנבוימעלע; הערט זיך צו צו דעם סווישטשען פון דעם קלייניקן „שטשיגאָלטשיק״, קוקט ווי ער פּיקעט מיט זיין די־נעם שנאָבעלע די בליענדע בלעטער.

דאַן וואַשט זי זיך אָפּ מיט קאַלטע וואַסער, פאַרקעמט זיך, און, נעמענדיק אַביסל קליינגעלט אויף עסן, גייט זי דורכן מאַרק צו דער פּאַבריק.

די עטלעכע מינוט, ביז זי קומט צו דער פאַבריק, האָט זי פון זיך שטאַרק האַנאָע.

די זון האָט זי אויסגעוואַרימט, די וואַסער האָט זי דערפרישט און שטירמערס זייף פאַרשמעקט פּאָשעט דעם גאַנצן מאַרק.

ווען נאָר זי קויפט אַ שטיקעלע זייף פון דער אַלמאַנע שטירמער, איז זי צופרידן. זי וויקלט פונאַנדער דעם זייף, שמעקט אים, נעמט פונאַנדער אַ קליין בריוועלע, וואָס איז צוגעבונדן צום זייף און לייענט וואָס די אַלמאַנע פון שטירמערן שרייבט.

זי גיט אייצעס צו יונגע מיידלעך און גיט זיי צו פארשטיין פאַרוואָס מ׳זאָל קויפן איר זייף. און מיט קליינינקע אויסיעלעך שרייבט זי אַ גאַנצע מעגילע, ווי איר פארשטאָרבענער מאַן שטירמער האָט שווער געאַרבעט און זי פאַרשרייבט דעם זייף, און איצט האָט זי אים געיאַרשנט.

טייבקעלען געפעלט עס. זי צערייסט דאָס צעטעלע און קוויקט זיך מיטן געשמאַק פון דעם זייף.

צוקומענדיק צום הויף, וואו די פאַבריק געפינט זיך, האָט זי געזען ווי אַלע אַרבעטערינס שטייען נאָך ביים טויער. וויסנדיק אַז זי האָט זיך היינט אַביסל פאַרשפּעטיקט, איז זי געווען איבעראַשט צו זען אַלעמען אין דרויסן.

איר כאַווערטע, גיטעלע, לויפט איר אַנטקעגן, און שמייכלענדיק שעפּטשעט זי איר אין אויער אַריין, אַז היינט קומט צופאָרן שמיליקל פון פעטערבורג אויף שאַבעס. איז דער אופּראַווליאַיעשטשע געפאָרן מיט רעב מוישעלען און זעלדען צום וואָגזאַל אים באַגעגענען. האָט זיך די באַן פאַרשפּעטיקט, איז קען מען די פאַבריק ניט עפענען . . .

טייבקעלען זיינען שווערע שטיינער פון איר האַרץ אַרונטערגע־פאַלן — אויף אַזאַ גרויסן יאָנטעוו האָט זי זיך ניט געריכט, און ס׳האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיך אַזוי געאיילט.

זי נעמט גיטעלען אונטערן אָרעם, און זיי הויבן אָן שפּאַצירן הין און צוריק. שטיל רעדן זיי וועגן זייער באַלעבאָס דעם פאַברי־קאַנט, רעב מוישעלע לעוויטין, ביי וועמען זיי אַרבעטן שוין אַ פּאָר יאָר.

וועגן מוישעלעס קינדער ווייסן די אַרבעטער אין פאַבריק מער ווי יעדער איינער וואָס קען די לעוויטין פאַמיליע.

רעב מוישעלע לעוויטין איז געווען רייך, פרום און אָנגעזען. זיין אויסזען האָט דערמאָנט גיכער אָן אַ רב ווי אָן אַ פאַבריקאַנט. זיין באָרד, זיינע פּייעס, זיין פוטער מיטן הויכן באַראַשקאָוון קאָלנער, זיין הויכע קאַראַקולענע היטל. זומער — זיינע זיידענע קאַפּאָטעס מיט

די סאַמעטענע שײַנענדיקע גאַרטלען, די קלײנע זײַדענע יאַרמולקעס, די דינינקע רײנע שטיוועלעטן, האָבן זײַן קלײן געוויקסיקע פיגור און בלאַסן פּאָנים זײער געפּאַסט.

זײַן פרוי, כאַיע, איז געווען די גוטסקײט אַלײן, גוט צו אײגענע, גוט צו פרעמדע. אַלעמאָל געווען אַ געבערין. ווער עס האָט נאָר אַ שטילן שעפּטשע געטאָן, האָט כאַיע יענעם אָנגענומען פאַרן האַנט, אַרײַנגעלײגט אַהין אַ מאַטבײע און שמײכלענדיק שוין געערדט פון עפּעס אַנדערש.

נאָר גוטע און געראָטענע, זאָגט מען, דאַרף גאָט פאַר זיך, — האָט ער כאַיען אין די בליענדיקסטע יאָרן פון איר לעבן צו זיך גענומען.

איבעריק צו זאָגן וואָס פאַר אַ לעוואַיע כאַיע האָט געהאַט. איבעריק צו זאָגן, אַז די שטײנער האָבן געוויינט און אויך די אָרימע לײַט . . .

רעב מוישעלע זעט טאַקע אויס ווי אַ כאָסיד, זײער אַן אײדעלער און אַ גוטער, נאָר געבן נעדאָוועס איז אָדער ער שעמט זיך, אָדער ער וויל ניט — ביז הײַנטיקן טאָג האָט נאָך קײנער וועגן דעם ניט אויסגעפונען.

דרײַ קינדער האָט רעב מוישעלע: אײן טאָכטער און צוויי זין. די טאָכטער, זעלדע, אַ געענדיקטע, אַ גרויס־האַלטערין, אַ מיעסע, און אַביסל אַ האָרבאַטע, איז אין פאַבריק.

זי דרײט זיך אַרום איבערן פאַבריק און קוקט מיט טויזנט אויגן, אַז די מײדלעך זאָלן כאַלילע ניט עסן צופיל קאָנפעקטן. זי קוקט איבער זײער אַרבעט, זי זאָגט מעווינעס, פאַרדרײט מיט איר קאָרפּאַטן נעזל ווען עס געפעלט איר ניט.

אין האַלבע נאַכט ענדיקן די מײדלעך זײער אַרבעט. מידע און שוואַכע, מיט אַ שלײער פון שלאָף איבער זײערע אויגן, מוזן זײ אַלע צוקומען צום „פּאַראַדנעם כאָד" (הויפּט אַרויסגאַנג), אָנקלינגען. די לאַנגע, מאָגערע דינסט, גאַלדע, פלעגט זײ עפענען, דערנאָך פלעגט זי אַרײַן אין זעלדעס צימער זי אויפוועקן.

זעלדע, אַ בײזע, מיט אַן אָפענעם מויל פון גענעצן, פלעגט זי אָנהויבן „טרײסלען" די מײדלעך.

טרײסלען די מײדלעך איז אַ גרויסע טוירע. ערשטנס האָט עס

אויסער זעלדען קיינער ניט געוואָלט טאָן, און, צווייטנס, האָט מען אַזאַ אַרבעט גוט געדאַרפט קענען. און זעלדע האָט די אַרבעט גוט געקענט.

די מיידלעך פלעגן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, ווי סאָלדאַטן, לעהאַוודל, און זעלדע פלעגט מיט ביידע הענט צוקומען צו יעדער מיידל, און אָנהייבן שאַרן פון אונטער די אָרעמס ביז די קני, אויסצו־געפינען, צי האָט ניט די מיידל ביי זיך קאָנפעקטן אונטער די אָרעמס אָדער אין די זאָקן . . .

האָט זעלדע געטראָפן אויף אַ מיידל, וואָס איז געווען קיצלדיק, איז געווען אַ שרעק. די מיידל פלעגט זיך פון זעלדעס שאַרן אונטערן אָרעם מוירעדיק צעלאַכן. די איבעריקע מיידלעך פלעגן זיך ניט קענען צוריקהאַלטן, און, ווי זיי וואָלטן אַלע קיצלדיק געוואָרן, פלעגן זיי, פאַרשלאָפענערהייט, זיך קוויטשעדיק צעלאַכן.

זעלדע פלעגט זיך אַזש איינקאָרטשען פון קאַס, און דער האָרב אויף איר פלייצע פלעגט זיך אַ הויב טאָן אין דער הויך, ווען זי האָט געצוקט מיט די אַקסלען פון רעציכע.

זעלדעס טרייסלען פלעגט סיי־ווי־סיי ניט העלפן. די מיידלעך האָבן געוואוסט וואו זעלדע טרייסלט ניט, פלעגן זיי דאָרטן באַהאַלטן אַ פּאָר קאָנפעקטן מיטצונעמען פאַר די קליינע קינדער.

איין זון, זאַלמען, דער עלטערער פון אַלע, איז געווען אַן אויס־וואורף. האָט אָנגעטאָן אַ סאַך צאָרעס. אין הויז האָט מען אים געגעבן עטלעכע הונדערטער און אוועקגעשיקט אים אַזש קיין אַמעריקע פון וואַנען דער טיוול אַליין וועט אים ניט קאָנען צוריקברענגען. . .

אין אַמעריקע איז זאַלמען געוואָרן אַ קאַצעוו. און לאַכט פון פאָניען. אַזוי שרייבט ער און אַזוי לייענט מען ביי די לעוויטינס שטילערהייט, אַז קיינער זאָל ניט וויסן.

די לאַנגע דינסט, גאָלדע, וואָס איז אַן אַלטע מויד און דינט שוין ביי די לעוויטינס זינט זאַלמען איז געבוירן געוואָרן, דערציילט עס דעם „קנעטער" הערשלען, וואָס פאַרקנעט די קאָנפעקטן און מיט וועמען זי איז היימיש . . .

שמיליקל, דער קלענסטער, איז שוין עפּעס אַנדערש. ער האָט געלערנט אין דער ישיבה, געהאַט אויף זיך אַ טייערן קאָפּ, איז איידל

אויפן אויסזען ווי זיין פאָטער און גוט ווי זיין פאַרשטאָרבענע מו־טער.

געוואָלט האָט רעב מוישעלע אים מאַכן פאַר אַ ראָוו, נאָר שמיליקעל פלעגט זיך אָפּגעבן מיט מאַטעמאַטיק מער ווי מיט ספאָרים.

איצט איז שמיליקל בארימט פון פעטערבורג, ביז אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אַלס גרויסער מאַטעמאַטיקער און מען רופט אים דער „אראַגאָ".

אין פאַבריק ווייסן אַלע אַרבעטאָרנס, וואָס עס האָט זיך ערשט ניט לאַנג אָפּגעטאָן מיט שמיליקלען אין פעטערבורג אין דעם צארסקן פאַלאַץ, צווישן אַלע מיניסטאָרן מיט דער צאַריצע ביי שמיליק׳ס זייט.

דער צאַר האָט אים איינגעלאַדן. און די צאַריצע האָט אים פאַר־געבן אַ „זאַדאַטשע" און אין אַ פּאָר מינוט האָט ער עס אויסגערעכנט און געטראָפן. מען האָט עס געוויזן דער צאַריצע. זי האָט געזאָגט אַז עס איז ניט ריכטיק. די מיניסטאָרן האָבן געהאַלטן מיט דער צאַריצע. איז שמיליקל אין קאַס געוואָרן און געוואָרפן די „זאַדאַטשע" צו דער צאַריצעס פיס און גענומען ביין גיין פון פאַלאַץ.

דער צאַריצע איז עס געפעלן געוואָרן, ווייל זי און אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט ריכטיק אויסגערעכנט, נאָר זיי האָבן געשפּאַסט, האָט זי אים געשיינקט אַ גאָלדענעם זייגער מיט איר נאָמען.

אַזוי הייסט עס ווייסן אַלע מיידלעך אין פאַבריק. איצט קומט שמיליק׳ל אהיים.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלעקל און באַלד האָט זיך באוויזן אַ פאַעטאָן געשפּאַנט אין צוויי פערד און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן „פּאַראַדנעם" ארייננאַנג.

אַלע מיידלעך האָבן אַ לאָז געטאָן זיך צום אריינגאַנג, שמי־ליק׳ל איז אַרויס דער ערשטער, נאָך אים זיין פאָטער און די אי־בעריקע.

ער איז געווען געקליידעט אין שוואַרצן. זיין שוואַרצע הוט מיט אַ ברייטן ראַנד האָט צוגעדעקט זיין בלאַסן פּאָנים, וועלכן עס וואָלט בעסער געפּאַסט אַ יאַרמאָלקע מיט אַ קאַפּאָטע. ער האָט זיך ניט איינגעקוקט. און אַלע זיינען פאַרשוואונדן הינטער די פּאַרמאַכטע טירן.

די מיידלעך זיינען אַלע אומעטיק געוואָרן.

אַזאַ טרויעריקער, אַזאַ בלאַסער, און דינינקער, אַז ער וועט גיין זאָגן קאַדיש און גיין אויפן קייווער, וועט מען מוזן גיין אים זען און הערן. אָט האָפּאַנים, האָבן זיי געמורמלט, אַז דער גאַנצער קאָוועד פון דער וועלט האָט אים ניט געקאָנט טרייסטן און ער איז געקומען אַהיים אויף זיין מוטערס קייווער.

מיט שטילע טריט האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזן אין פאַבריק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קעלער. אויבן האָבן געוואוינט די לעוויטינס און אונטן איז געווען די פאַבריק.

שמאָלע לאַנגע, הילצערנע טישן זיינען געווען אויסגעשטעלט אין איטלעכן צימער. פון ביידע זייטן פון די טישן זיינען געווען בענק און די פענצטער נידעריק ביז דער ערד. קיין מענטשן אין זיין גאַנצן גרויס האָט מען דורך די פענצטער ניט געקאָנט זען, ווי נידעריק די מיידלעך זאָלן זייערע קעפּ ניט איינבויגן, פלעגט מען בלויז זען שטיוול, שיך און באָרוועסע פיס פון פאַרבייגייער.

די גאַס איז געווען אויסגעברוקירט מיט גרויע שטיינער און אַז אַ דראָזשקע פלעגט פאָרן פאַרביי האָט מען געזען די פונקען פייער פון אונטער די פערדישע קאָפּיטעס, וואָס זיי פלעגן פון די שטיינער אַרויסשלאָגן. די ווענט פלעגן ווי דונערן ווען די רעדער האָבן זיך איבער די שטיינער געקייקלט. דער טיש מיט די אָנגעשאָטענע קאָנפעקטן פלעגט זיך טרייסלען. קיין לופט פלעגט אין פאַבריק ניט אריינקומען נאָר דער געשמאַק פון די זיסע קאָנ־פעקטן און די לידער פון די מיידלעך פלעגן זיי געבן קויכעס אויסצוזיצן פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט...

טייבקעלע מיט גיטעלען זיצן און סוידען זיך, ארבעטן שנעל און סוידען זיך ווידער — היינט מער ווי אַלע טעג.

זעלדע וועט היינט אין פאַבריק ניט אַרונטערגיין, צוליב שמור־ליק'ן און צוליב דעם וואָס היינט איז פרייטיק וועט זי קיין צייט ניט האָבן און די מיידלעך וועט מען היינט פריער אַרויסלאָזן פון פאַבריק, אַזוי האָט גאָלדע געזאָגט דעם אופּראַוולויאיעשטשע.

דער אופּראַוולויאיעשטשע האָט עס איילענדיק אָנגעזאָגט צו די מיידלעך און איז אַרויפגעלאָפן אויבן. די מיידלעך האָבן פריי

אָפּגעאָטעמט. לאַנזאַמער גענומען אַרבעטן און אָנגעשטאָפּט די מיילער מיט קאָנפעקטן...

איין זאַך — וואָס זיי וואָלטן גערן געוואָלט וויסן איז — צי זעלדע וועט זיי היינט טרייסלען, פאַרגעסן פרעגן דעם אופּראַוו־ליאַיעשטשע צי זיי דאַרפן קומען צום „פאַראַדנעם כאָד"...

און דאַווקע היינט האָט מען „געוויקלט" די בעסטע קאָנ־פעקטן: מימאָזאַ, באָן־באָן, קיס־קיס און סניעגוראָטשקאַ.

טייבקעלע זיצט און טראַכט וואָס זאָל זי טאָן. ווען זי זאָל וויסן אויף זיכער, וואָלט זי פאַר די קינדער „גענומען" מימאָזע און סניעגוראָטשקאַ. אַלע מאָל באַגנוגנט זי זיך ווען זי „נעמט" קיס־קיס און באָן־באָן.

קיס־קיס איז ווייס און דין און אָנגעשטאָפּט פול מיט שאָקאָלאַד, וואָס אַז די ווייסע הייטעלע פּלאַצט, ווען מען טוט עס אַ ביס, צעגייט זיך דער שאָקאָלאַד אויפן צונג אין טויזנטער טאַמים.

באָן־באָן איז אַ קליינינקע און די ביידע מינים קאָנפעקטן איז פאַר טייבקעלען גרינג געווען צו „נעמען" ווען אפילו זעלדע האָט יאָ נעטרייסלט. זי פלעגט זיי אַריינלייגן אין די האָר און אָנטאָן די פּאַטשיילקע אויפן קאָפּ.

ניט איינמאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז אָט אָט און זעלדע וועט דערשטיקן אַ באָן־באָן ווען זי וועט זי טרעפן, אָדער טאָמער פאַלט זעלדען איין און זי הייסט איר אויסטאָן די פּאַטשיילקע...

זיצט טייבקעלע און כאַלעמט צו נעמען היינט אַהיים פרישינקע סניעגוראָטשקעס מיט מימאָזעס. סניעגוראָטשקע איז טאַקע ווייס ווי אַ שנייעלע, דערפאַר רופט מען עס שנייעלע, אָבער נעמען שנייעלעך איז שווער. זי איז דין און פירקאַנטיק. מימאָזאַ איז אויך ניט גרינג צו נעמען, זי שמעקט אַזוי שיין, אַז זעלדע וואָלט זי באַלד געכאַפּט.

דער פאַרנאַכט האָט אַריינגעקוקט אין די נידעריקע פענצטערלעך און דערנענטערט די מיידלעך צו זייערע היימען.

דער אופּראַוויליאַיעשטשע האָט זיך ווידער באַוויזן און געלאָזט וויסן, אַז היינט רעכנט ער וועט מען די מיידלעך ניט טרייסלען.

טייבקעלע האָט זיך מעכאַיע געווען. אַראָפּגענומען פון טיש עטלעכע סניעגוראָטשקעס מיט מימאָזעס, באַהאַלטן ביי זיך און זיך

געלאָזט גיין מיט אַלעמען צום אַרויסגאַנג.

ביים טויער באַוויזט זיך פּלוצלונג גאָלדע.

לאָזט זיי מיט אַ שמייכל וויסן, אַז זעלדע האָט געזאָגט זיי זאָלן אַרויפגיין זען דעם גאַסט שמוליקן. איז זיי נאָך פריידיקער געוואָרן אויף די הערצער.

מען האָט געעפנט די פּאַראַדנע טיר. די מיידלעך האָבן גענומען אַריינשטראָמען, טייבקלע מיט גיטעלען האָבן זיך שמייכלענדיק געשושקעט. זעלדע האָט זיי ניט אויפגענומען היינט אין קאָרידאָר אָדער אין — קיך, נאָר אין זאַל. זי האָט זיי אָן אויסגעפּוצטע מיט אַ שמייכל באַגריסט.

מיידלעך — דאָס איז מיין ברודער שמוליק׳ל. עס איז אייך באַשערט היינט אַ יאָנטעוו, גיין פרי אַהיים. נו, נאָך שאַבעס וועט איר „אָפּאַרבעטן".

שמוליקל האָט זיך אויפגעשטעלט האָט זיי אַלע ליבלעך באַגריסט, האָט זיי געפרעגט וואָס זיי מאַכן און מיט זיינע ליכטיקע אויגן געשפּאַצירט איבער יעדער מיידלס פּאָנים.

זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף טייבקעלען. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ יונגע איז טייבקעלע. נאָר זי שטייט אַן איינגעקאָרטשעטע און ציטערט...

די קאָנפעקטן וועלכע זי האָט היינט גענומען טרייסלען איר אַרויס די נעשאָמע. עפּעס אַזוי ווי זיי געבן איר צו וויסן, אַז זעלדע וועט היינט אויך טרייסלען.

שמוליקל רעדט צו זיי און נעמט ניט אַראָפּ זיינע אויגן פון טייבקעלען. ער קאָן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס מיידל איז אַזוי פאַראומערט, אָן אַ שמייכל, ער איז אויסער זיך.

פּלוצלונג דערהערט זיך זעלדעס שטימע. —

מיידלעך טרייסלען! טייבקעלע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איינגעקוועטשט אירע פינגער איינע אין די אַנדערע. זי האָט אירע אויגן אָנגעשטעלט אויף שמוליקן און זי קאָן זיי פאַר קיין פאַל ניט אַראָפּנעמען... אַזויפיל מוירע, אַזויפיל צאַר געמישט מיט טרערן. זי האָט נאָר געפילט אַז שמוליק דרייט זיך פאַר איר אין אַ קאַראַהאָד.

פלוצלונג האָט שמוליקן א זעץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט דעם כעשבן גלייך אויסגערעכנט...

ער האָט דערזען זיין שוועסטער זעלדען, אז זי רעדט אַזוי „זים" צו די אויסגעמאַטערטע מיידלעך, און מיטביידע הענט גלעט זי זייערע זייטן, און זוכט קאָנפעקטן.

א פאַרציטערטער פון שאַנדע, האָט ער מיט א שמייכל געזאָגט, אַז ער גייט איר העלפן... ער איז צוגעלאָפן צו טייבקעלען א שמייכל געטאָן, זי צערטלעך אָנגענומען ביי די אָרעמס. זי א לאַסטשע געטאָן, א קוק געטאָן אין אירע אויגן. און איז צוגעקומען צו גיטלען. דערנאָך צו נאָך א פּאָר. און מיט א שוויים אויף זיין ליכטיקן פּאָנים, האָט ער זעלדען ארומגענומען און געזאָגט אַז זיי מעגן שוין גיין. ס'איז איבעריק היינט דאָס צו טאָן. דער שאַבעס לאָזט זיך ארונטער ווי א בליץ...

עטלעכע טעג און נעכט האָט זיך אין שטעטל ניט אויפגעהערט צו קאָכן. די געוויירים האָבן זיך געקוויקט מיט שמוליקלען פון נאָענט און די אָרימע פון וווייטנס. מען האָט געהאַלטן אין איין רעדן פון דעם אינגל. אין די שולן און די באַטעמעדראַשים, וועגן יעדן וואָרט זיינעם, וואָס ער האָט געזאָגט און ניט געזאָגט, וועגן עדן טראָט זיינעם, פון זיין קאַדעש זאָגן, פון זיין וויינען אויף זיין מוטערס קייווער, און פון זיין באַלדיקן צוריקפאָר.

טייבקעלע האָט די עטלעכע נעכט ניט געוואוסט, וואָס שלאָפן מיינט. שמוליקל'ס הענט ווען זיי האָבן אירע אָרעמס באַרירט און זיי געצערטלט גיבן איר קיין רו.

שמוליקס אויגן גייען איר נאָך אומעטום. זיי זיינען איר אין אירע אויגן אריינגעקראָכן און עס העלפט גאָר ניט, ווען זי האַלט זיי אָפן אָדער צוגעמאַכט זעט זי פאַר זיך שמוליקן.

די אָרעמס אירע שטיפן מיט אַזאַ פריידיקן אומעט, אַז זי קאָן זיי ניט צוריקהאַלטן. זי נעמט ארום אירע אָרעמס מיט אירע הענט און הערט זיך צו, צי פילט זי ניט פונקט אַזוי ווי ווען שמוליקל האָט זיי אָנגערירט.

אין פאַבריק זיצט זי טאַקע נעבן גיטלען, אָבער זי קאָן ניט פאַרטראָגן יענערס שעפּטשען... די קאָנפעקטן איז זי א סוינע. ניט זי עסט זיי און ניט זי נעמט זיי. אדעראַבע זאָל זעלדע זי

טרייסלען וויפל זי וויל. זי וועט אפילו די פּאַטשיילקע אויפן קאָפּ ניט אָנטאָן...

יעדע קאָנפעקט וואָס זי וויקלט איין אין פּאַפּירעלע געפינט זיך דאָרט שמוליקל.

זי וויקלט אים איין אין באָן־באָן, אין מימאָזע, אין קיס־קיס, און ווען זי וויקלט אים איין אין סניעגוראָטשקע, שמייכלט זי. די צאַרטע מיידעלע אויסגעמאָלן אויפן פּאַפּירעלע, איז אַזאַ שיינינקע וויקלט זי שמוליקלען איין אין איר מיט פרייד.

* *

*

שטיל זיצט שמוליקל אין וואַגאָן.

קוקט דורכן פענצטער אויף די ברייטע פאַרזייטע פעלדער, הערט זיך צו צום געשריי פון לאָקאָמאָטיוו. די רעדער טיף איינ־געשניטן אין די רעלסן קלאַפּן מיט רעציכע.

אַלץ בלייבט הינטער אים.

זיין מוטערס קייוועך, זיין פאַרזאָרגטער פאָטער, זיין הארבאַטע שוועסטער, וועלכער ער האָט אַזוי פיינט געקראָגן זינט יענעם פּרייטיק, די פאַבריק, וואו עס שקלאַפּן אַזוי פיל מיידלעך ביי די זיסע קאָנפעקטן, בעט ער גאָט, אַז עס זאָל אָפּברענען און די מיידלעך זאָלן פאַרגעסן וואָס טרייסלען מיינט.

טייבקעלען פּילט ער די גאַנצע צייט נעבן זיך. אין געדאַנק נעמט ער זי אַרום און גלעט זי צערטלעך. טוליעט זיך צו איר און בענקט.

ער בויגט אָן זיין קאָפּ אויפן זייט פון פענצטער. אַ טרער פאַלט אַרויס אין פעלד. שנעל כאַפּט ער אַרויס זיין שרייב־געצייג און הויבט אָן רעכענען און שוין ניט וויט פון פּעטערבורג דערמאָנט ער זיך אַז ער איז אַן אַראַגאַ.

אין אַ קעמפּ

שפּעט אין אָוונט איז זי אָנגעקומען אין קעמפּ. ס'איז שוין געווען נאָך וועטשערע. פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט איבערן פעלד, בײַם טײַך, בײַ די ברעגן פון וואַלד, און אַ טייל האָבן זיך געשיפט איבערן וואַסער.

זי האָט געקראָגן אַ צימער בײַ דער ענדע פון באָנגאַלאָ, צווישן געדיכטע בוימער. די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ הויכן באַרג.

אַפּאַר טריט פון איר צימער האָט זי באַלד געהאַט נעבן זיך דעם וואַלד און דעם טײַך.

זי איז באַלד געגאַנגען שלאָפן. זי האָט געזוכט אײַזאַמקייט.

צומאָרגנס אינדערפרי איז זי געזעסן בײַם טיש, אײַנפאַך רײַן אָנגעטאָן, מיט ברוינע צעפּ, איבערגעפלאָכטן איבערן קאָפּ. אַ ליכטיק קליידל פון געבלומטער סכוירע האָט אַרומגענומען איר קליינע פיגור. בײַ איר טיש זײַנען געזעסן פיר פרויען און צוויי מענער.

זי האָט אַלעמען מיט אַ שמייכל באַגריסט און אַביסל זיך פאַררויטלט.

בײַם עסן האָט זי אַלעמען באַהאַלטענערהייט באַאָבאַכט: אַלע אײַנפאַכע, פרײַלעכע, לאַכנדיקע, רעדן פון קאָרטן, פון געוואונענע געלדער, פון פאַרלוירענע, פון גוטע שפּילער, פון קאַליקעס, וואָס טאָרן ניט שפּילן.

אַ מיש־מאַש פון אַלערליי קאָרטן־שפּילן, וועגן וועלכן זי האָט קיין שום אָנונג ניט געהאַט.

די פרוי, וואָס זיצט לינקס, לעבן איר, מאַכט דעם אײַנדרוק

פון א טויבער. יענע רעדט אזוי הויך, אז זי מוז פארשטעלן איר לינקן אויער עס זאל אזוי ניט גרילצן.

זי האט א קוק געטאן אויף די צוויי מענער, וואס זיצן קעגנאיבער איר. איינער אין מיטעלע יארן, א גרויער, איז רואיק געזעסן און געשמאק געגעסן זיין מאלצייט. זיין גרויער קאפ מיט די גרויע טיפע אויגן האבן אויך איר אן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק געמאכט. זיין ווייסע העמד פאנאנדערגעשפילעט ביים האלדז, האט אים זייער געפאסט. זי האט מיט פרייד אנגעקוואלן פון אזא ציכטיקייט.

דער צווייטער איז געזעסן שטיל.

זיינע הענט פארלייגט איבער זיין ברוסט, אנגעשפארט אן דעם ווענטל פונם שטול, און ווי ער וואלט זיך אויף עפעס גע־ברוגעזט.

זיין בלאנדער קאפ, זיינע גרויסע בלויע אויגן, זיין פולער פרישער געזיכט, האבן איר בליק צוגעצויגן.

ער האט אויסגעזען ווי א רוסישער סטודענט. אלע ווײַלע האט ער צוגעטראגן זיין רעכטע האנט צום מויל, אונטערצודריקן א הוסט.

ער האט באמערקט איר אויפמערקזאמקייט און האט אויף איר א קוק געטאן. זי האט רואיק צוגענומען אירע אויגן פון אים און זיי אריבערגעטראגן אויף די דערבייאיקע טישן.

ווען זי האט אירע אויגן צוריקגעווענדט צום טיש, האט זי דערפילט זיינע אויגן אויף זיך. ער האט אויף איר געקוקט, אזוי ווי ער וואלט זי שוין פון לאנג געקענט — אן קיין שום נייגעריקייט אין זיין בליק.

ביינאכט האט זי זיך געזעצט ביים ארייגאנג פון אפרו־צימער אויף א ווייגשטול. מענטשן זיינען אומגעלאפן און אומגעגאנגען פארביי איר. יונגע, שלאנקע אויפפאסערינס, אין דער געזעלשאפט פון זייערע באגלייטער־אויפפאסערס, האבן אויך געלאכט. די ראַ־דיאָ האט געשפילט א רוסישן וואלס און א טייל פון די געסט האבן געטאנצט.

בלויז ביי די זייטיקע טישלעך פון צימער האט מען געשפילט

שאָך, געלעזן אָדער געשריבן בריוו. די טיר פון אָפּרו־צימער האָט זיך יעדע מינוט געעפנט און פאַרמאַכט.

זיצנדיק אַ לענגערע צייט אין „ראַקער" האָט זי זיך אויסגעדרייט אַ קוק טאָן אויפן זייגער, וואָס איז געהאָנגען אויפן וואַנט, — און נעבן איר, אויפן צווייטן ווינקל איז געזעסן דער בלאָנדער יונגערמאַן, דער וועמען זי האָט אַ נאָמען געגעבן „דער רוסישער סטודענט".

זי איז איבערראַשט געוואָרן און האָט געוואָלט וויסן ווי לאַנג ער זיצט שוין דאָ לעבן איר.

זי האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואוהין גייט איר? — האָט ער שטיל, אָבער קלאָר, אַ פרעג געטאָן.

— געוואָלט זיך דורכגיין אַביסל — האָט זי אַ צוטומלטע געענטפערט.

— נו, קומט! — האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט אויפגעעפנט די טיר פון אָפּרו־צימער. זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

שטיל און פינצטער איז פון ביידע זייטן, וואו די געדיכטע ביימעלעך שלאָפן.

שטיל און פינצטער איז אין וואַלד.

פריידיק דרעמלען די ווייסינקע הייזקעלעך, וואו די קינדער שלאָפן אויף שמאָלע בעטלעך, אויפן באַרג ביים וואַלד.

שטיל הערן זיך צו די קוסטעס צו אימיצנס רייד און פאַרשפּרעכונגען. אויפן טייך גייט רואיק אַ שיפעלע, וואו מען הייסט עס.

אומרואיק זיינען זיי ביידע.

זיי האָבן אויסגעקליבן אַ שמאָלן וועג, ווילד באַוואַקסן. ביי איין זייט פון דעם וועג ציט זיך אַ קאַנאַווע. ביים צווייטן — רוישט אַ וואַסערל, וועלכן מען קאָן דורך די ווילדע געדיכטע גראָזן ניט זען.

זיי שפּאַצירן און פייער־פליגעלעך באַגלייטן זייערע טריט. קליינע זשאַבעלעך שפּרינגען פאַר זיי פאָרויס.

שווייגנדיק גייען זיי נאָענט איינער נעבן צווייטן — זיין האַנט

האַלט ער אַרום איר פּלייצע. דערמיט באַשיצט ער זי פון פאַלן, ווען זי פלעגט זיך אין דער פינצטער אַ גליטש געבן.

זיי האָבן געפילט, אַז זיי זיינען ניט פרעמד איינער צום צווייטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געקאָנט. נאָר בלויז דעם ערשטן מאָל זיינען זיי היינט אַליין אין אַ שטילער נאַכט, אויף אַן איינזאַמען וועג.

— איר ווייסט? איך ווייס ניט אייער נאָמען און איך וויל אים ניט וויסן! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. בעסער אַזוי. מען דאַרף זיך ניט נאָכפרעגן אויף נעמען. עס איז פריידיק צו בלאָנדזשען און צו טרעפן... און —

— האָט איר מוירע פאַר מיר?

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן, רעדן, עפּעס זאָגן, נאָר צו־שווער איז געווען אויפצועפענען דאָס מויל, אַזוי ווי אַ שווערער שלאָס אָנגעהאַנגען אָן אַ קייט, וואָלט זי ניט דערלאָזט.

האָט זי אים בלויז אין געדאַנק אָפּגעענטפערט און פעסטער זיך צוגעטוליעט צו זיין קלאַפּנדיקער ברוסט.

ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט, האָט זי שוין אַזויפיל מאָל זיך ניט אויסגעגליטשט, ווי גייענדיק פריער, — פונקט ווי פאַר דער צייט, וואָס זיי שפּאַצירן דאָ אום, זיינען אַלע שטיינער פון דעם וועג פאַרשוואונדן. דער וועג אויף צוריק איז דורך אָט דער צייט אַזוי ווי גלאַטער און ברייטער געוואָרן.

עס האָט זיך ווידער דערהערט דאָס רוישן פון דעם וואַסערל. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַפילע אין דער פינצטער דערזען די אָדערלעך פון דעם וואַסער־פאַל.

ניט ווייט פון איר צימער זיינען זיי שטיין געבליבן. אומעטום איז שטיל און שטום. אַפילע די לאַמטערנעס ביים אַריינגאַנג זיינען אויסגעלאָשן.

ער האָט זי אָנגענומען ביי די הענט: „לאָז אָפן דיין צימער. דו ביזט ניט שלעפעריק און איך אויך ניט. איך וועל רעדן און רעדן צו דיר אַזוי לאַנג, ביז דער טאָג וועט מיך פון דעם צימער אַרויסטרייבן".

ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. זיין שטי־מע איז אַזש הייזעריק געוואָרן.

זי איז אַרײַן אין איר צימער.

דורך צװײ יונגע צװײַגעלעך פֿון אַ בױם אונטער איר פֿענ־צטער האָט אַ שטערנדל זיך פֿאַרגאַנװעט און ט׳אַרײַנגעקוקט אין צימער.

זי האָט זיך אװעקגעזעצט אױפֿן ברעג פֿון בעט, געקוקט אױף די צװײַגעלעך און אױפֿן שטערנדל.

שטיל האָט זיך די טיר געעפֿנט. ער איז אַרײַן, און זיך גע־זעצט לעבן איר אױפֿן ברעג בעט.

ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר איר האַנט. אַ זיסע אױפֿרעגונג האָט זי פּלוצים גענומען שטעכן. זי האָט זיך אַ טרײסל געטאָן, געזוכט זיך צו באַהערשן, אָבער די זיסקײט דרינגט אַדורך איר יעדן גליד.

זי פֿילט װי אירע בריסט װערן פֿולער. אירע אױגן — גרעסער. עפּעס אַזױ װי אַ שטראָם בלוט, הײסע בלוט, װאָלט מען אין איר אַרײַנגעגאָסן.

די צװײַגן מיטן שטערן הױבן זיך אָן צו װיגן פֿאַר אירע אױגן.

זי האָט אים דערפֿילט. זיך אַ כאַפּ געגעבן, זיך גענומען װערן, געבעטן זיך מיט אַ שטומען דרײ פֿון קאָפּ.

זי האָט זיך אַ קער געטאָן צום פֿענצטער.

די טונקעלע שײַד איז געװען אַרונטערגעצױגן. אין צימער — אַ שרעקלעכע פֿינצטערקײט, נאָר זײַנע פֿײַער־אָנגעפֿילטע אױגן האָבן געלױכטן העלער פֿון דעם שטערנדל.

זי האָט אים מיט אירע לעצטע קױכעס געװאָלט אָפּשטױסן, זיך געװאָלט באַפֿרײַען.

נאָר זײַנע הענט, שאַרפֿע װי אַקער־אײַזנס, האָבן זיך אין אירע אַקסלען אײַנגעשניטן, און מיט זײַן געזונטן, פֿולן קערפּער האָט ער זי צוגעדעקט.

זי האָט זיך פֿון שאַרפֿן װײטיק טיפֿער אין קישן אײַנגעגראָבן, און ער האָט פֿון איר יונגן לײַב דעם דופּט געטרונקען.

* *

*

צומאָרגנס איז זי צום טיש אַ גאַנצן טאָג ניט געקומען. און ער האָט זיך אין איר צימער אױך ניט באַװיזן.

עס האָט איר פאַרדראָסן זיין אָפּוועזנקייט און דער שאַרפער ווייטיק האָט איר אָן דער פאַרגאַנגענער נאַכט דערמאָנט.

מיטן אונטערגאַנג פון דער גליענדיקער זון זיינען אירע ווייטיקן אין לייב לייכטער געוואָרן. דער פרישער אָוונט האָט זי אויף די פיס געשטעלט, און זי האָט קינדיש געטרוימט און זיך אפילו געוואָלט פרייען.

פאַרנאַכט האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז געגאַנגען צום טיש עסן סאָפּער.

אירע אויגן האָבן אים געזוכט, נאָר ער איז ניט געווען. אויף זיין פּלאַץ איז שוין געזעסן אַן אַנדערער.

ווען דער גרויסער מאַן אין די מיטעלע יאָרן האָט פאַר איר פאָרגעשטעלט דעם נייעם גאַסט האָט ער אויך דערציילט, אַז יענער איז היינט פאַרטאָג אַוועקגעפאָרן...

* *

*

ווידער איז אַ נאַכט געקומען, נאָר ניט אַזאַ נאַכט ווי נעכטן. אַלץ אַרום איז ווי יענע נאַכט, נאָר פאַר איר איז די נאַכט אַנדערש, אַנדערש...

איר צאַרטע נעשאָמע האָט געוויינט פון ליידן: פּלוצים איז ער אין איר לעבן אַריין און פּלוצים איז ער אַוועק.

זי איז אַריין צו זיך אין צימער. זי האָט אים פון איר האַרצן געריסן און ער איז דאָך פאַרבליבן. זי האָט געקושט יעדעס אָרט וואו ער איז מיט איר אין צימער געווען.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון בעט און שטיל געשעפּטשעט:

ווען איך האָב דיר מיין לייב געגעבן, האָב איך מיין נעשאָמע און מיין האַרץ ניט געקאָנט אָפּטיילן. איך האָב זיך געוווּרט — ניט קעגן דיר, נאָר קעגן זיך.

. . . אירע ווערטער האָבן אַ שטראָם טרערן באַגלייט. — דער שטערנדל צווישן די צוויי צווייגעלעך האָט פאַרנומען דעמזעלבן אָרט ווי נעכטן.

די פּאַטשיילע

דאָס גאַנצע שטעטל אין דער אַלטער היים האָט זיך געגרייט צו מיריאַמס כאַסענע. ניט אַזוי צוליב מיריאַמס כאַסענע, ווי צוליב איר אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

מיריאַם איז געווען אַ יונג מיידל, געהאַט אַסאַך כאַווערטעס, און אַז די כאַווערטעס האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיריאַם האָט זיך אין דער גרויסער שטאָט ביי אירער אַ מומען באַקענט מיט איר איצטיקן אַמעריקאַנער כאָסן, וואָס באַלד נאָך דער כאַסענע נעמט ער איר קיין אַמעריקע, האָבן זיך זייערע הערצער געפרייט פון זייער פריינדינס גליק.

אַז מיריאַם וועט קומען אַהין, וועט זי אַלע אירע כאַווערטעס, נאָך איידער איאָר וועט זיך ענדיקן, אַריבערנעמען. זיי וועלן אַלע זיין דאָרטן.

אַזוי האָט זי מיראַם פאַרזיכערט. דערפאַר האָבן זיי מיריאַמען פאַרגונען דאָס גליק.

די צייט צו איר כאַסענע איז קורץ. מען וואַרט שוין אויף דעם כאָסן פון דער גרויסער שטאָט, וועלכער דאַרף קומען מיט אַפּאָר טעג פריער און באַלד נאָך די יאָנטויווים פאָרן זיי אָפּ.

אַרבעט האָט מיריאַם איבערן קאָפּ. זי קויפט, זי נייט, זי נייט־אויס, זי שטריקט. אַלע שרייען, אַז אין אַמעריקע איז האַנד־אַרבעט מיט גאָלד גלייך. היימישע זאַכן פאַרצוקערט מען. פעדערן און אונטערוועש זיינען ווערט מיליאָנען. היינט קאָלד־רעס! רוסישע פּלאַכטעס! שוואַרצע, זיידענע שאַרפן! פּאַט־שיילעס!

דאָס אַלץ האָט מיריאַם פאַרצייכנט אין אַ קליין ביכעלע,

געקויפט אַ גרויסע געפלאָכטענע שטרויענע קאַרזינע און זי האַלט אין איין פּאַקן.

ווי אַזוי די קאַרזינע האַלט עס אַלץ אויס, איז אַ גרויסער נעס. פריער פלעגט מיריאַם אַלע ווײַלע אויפהויבן די קאַרזינע נאָך יעדן מאָל, ווען זי האָט אַרײַנגעלעגט זאַכן. עס האָט זיך געלאָזט גאַנץ גרינג, דערנאָך — אַביסל שווערער, און נאָכדעם ווי זי האָט אַרײַנגעפּאַקט פינף גרויסע קישנס מיט אַ פּערענע, איז די קאַרזינע געשוואָלן געוואָרן און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

אין טאָג פון איר כאַסענע האָבן זיך געפרייט קינד און קייט. די מאַמעס פון שטעטל האָבן מיטגעבראַכט זייערע קינדער, אויסגעפּוצט אין ווײַסע, מוסלינענע קליידעלעך מיט פּעכערלעך אין די הענט. ווײַסינקע ליענטעס אײַנגעפלאָכטן אין זייערע צעפּ. כיילעוונע בלימלעך צוגעשטאָכן צו די אַקסלען.

די מאַמעס האָבן איינע די אַנדערע באַגריסט און געוואונטשן צו דערלעבן אַזאַ פרייד ווי מיריאַמען.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געבראַכט דראָשע־געשאַנק. אַלץ צוליב דעם וואָס מיריאַם פאָרט אוועק אַזוי ווײַט. איז אַזוי יונג און אַזוי עלנד. און אַז זי וועט קומען אַהין, אין דעם ווײַטן לאַנד, זאָל זי קוקן אויף די מאַטאַנעס און זיי אַלעמען דערמאָנען.

מען האָט געהוליעט ביז טאָג. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אויסרופן די כאַסענע מאַטאָנעס. יעדעס מאָל, ווען מען האָט אונטערגעטראָגן אַ מאַטאָנע, האָט מען אויסגערופן פון וועמען דאָס איז, און די קלייזמאָרים האָבן אָפּגעשפּילט אַ פריילאַכס.

כאָסן־קאַלע זײַנען געזעסן ביים טיש אויבנאָן און אויף דעם ווײַסן טישטוך האָבן זיך גענומען מערן די מאַטאָנעס.

מיריאַם איז געזעסן, דעם כופּע־שלייער שוין אַרונטערגענומען — שוין אויסגעקוקט ווי אַ יונג ווײַבל. דער כאָסן איז געזעסן רואיק, ווי טויזנטער פודן מאַסע וואָלטן פון אים אַראָפּ, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעזאָגט דעם „האַריי־אַט”...

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעדרע פון געזעגענען זיך. אָרימע מיריאַם! אירע ליפּן האָבן געמוזט קושן זיך מיט אַלע מאַמעס, מיט די קינדער, און מיט די פעטערס און מומעס, וואָס זײַנען אָנגעפאָרן פון דערבײַאיקע שטעטלעך און דערפער.

בלויז איין מומע איז געקומען פון דער גרויסער שטאָט — די רייכע.

און אַז מען האָט אויסגערופן איר נאָמען, האָט זי אויסגעקוקט ווי אַן אָפּגעבריטע.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, די גרויס־שטאָטיקע, די רייכע מומע, און האָט געלאָזט וויסן דעם אוילאָם, אַז איר דראָשע־געשאַנק וועט זי אָפּשיקן אַזש קיין אַמעריקע, ווען מיריאָם וועט שוין זיין דאָרט, ווייל מיריאָם האָט צופיל זאַכן מיט זיך צו פירן, ווייל זי איר פאַרגרינגערן די רייזע...

זי פילט, אַז איצט איז איר מאַטאָנע איבעריק...

דערפאַר האָט טאַקע מיריאָם קיין גרויסן כיישעק ניט געהאַט זיך מיט איר צו קושן!

— נו, גוט, — זאָגט מיריאָם שטילערהייט צו איר כאָסן — אַ מאַטאָנע איז עפּשער שווער, אָבער געלט? דאָס איז דאָך גרינג.

דער כאָסן האָט איר אָבער דערקלערט, אַז געלט וועט סיי ווי סיי האַלב, ווען מען קומט קיין אַמעריקע, מוז מען עס דאָך דאָרט אויסבייטן.

האָט זיך מיריאָם האַלב באַרואיקט.

* *

קיין אַמעריקע איז מיריאָם אָנגעקומען אום אָנפאַנג האַרבסט. עס האָט גערעגנט, די טעג זיינען געווען כמאַרנע, אומעטיקע, און איר צימערל איז ניט געווען באַהייצט.

די פערענע מיט די קישנס האָבן זיך אויפן בעט אויפגעהויבן קימאַט ביז'ן סטעליע. אין ווייסן אָנגעטאָן זיינען זיי זיך רואיק געלעגן און גערוט.

מיריאָם איז זיך מעכאַיע ווען זי קריכט אַריין ביינאַכט אין בעט, און די פערענע נעמט אַרום איר קערפּער.

זי ליגט און טראַכט:

די פעדערן מיט פוך אויסגעמישט האָט זי געהאָלפן פליקן. זי גיט זיך אַ כאַפּ פאַר אירע פינגער, פונקט ווי זי וואָלט נאָך איצט געפילט דעם ווייטיק פונם פליקן.

זי ליגט און קוקט אויפן וואַנט, וואו זי האָט אויפגעהאַנגען

אַ לייווענטענעם האַנטוך, מיט רויטע און שוואַרצע פעדים אויס־געגייט.

ביידע זייטן פון האַנטוך זיינען צעשפּרייט איבערן וואַנט, צוגעקלאַפּט מיט נעגעלעך — און דער מיטן פון האַנטוך הענגט אויף אַ גרעסערן צוועקל.

זי טראַכט ווי זי און איר כאַווערטע האָבן ביידע דעם האַנטוך אויסגעגייט. יענע האָט אויסגעגייט איין זייט, און זי — דעם צווייטן, און אַזוי פּאַרזיכטיק — אַז קיין קניפּל פונם פאָדים זאָל זיך ניט זען.

דאָס אויסגעגייטע שטעלט פאָר אַ ברונעם. נעבן ברונען־פּאַרקאַן פון איין זייט שטייט אַ שייגעץ, האַלט אַ היטל אין האַנט.

פון דער צווייטער זייט — אַ שיקסע מיט אַ קאַראָמעסלע און צוויי עמער.

מיריאָם שמייכלט.

גערדאַרפט דעם קאַראָמיסלע אויסבויגן אַביסל...

און דעם פאַרקאַן אַנשטאָט שוואַרץ מאַכן גרין.

אַז ס'וועט זיך איר גלוסטן, וועט זי דאָ אויסנייען אַ אַנדער האַנטוך און וועט שוין מאַכן אַ גרינעם פּאַרקאַן.

* *
*

מיריאָם וואוינט שוין אין עטלעכע צימערן. אַסאַך יאָרן זיינען פאַריבער זינט זי איז אַהער געקומען. קיין איין כאַווערטע האָט זי נאָך ניט אַריבערגענומען. און אַפילע אירע טייערסטע האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט „דאָרט".

פריער די מילכאָמע, דערנאָך — פּאַרשידענע אומשטענדן, האָבן זי דערוויטערט און פאַרפרעמדט.

זי האָט שוין אַ דערוואַקסענע שיינע טאָכטער, און אין די אָוונטן מוז מיריאָם זיצן און דערציילן איר ווי אַזוי עס זעט אויס „יענע זייט" פון וואַנען זי איז געקומען, וואָס זיינען עס פאַר אַ מענטשן, ווי אַזוי לעבן זיי דאָרט און נאָך איינצעלהייטן.

מיריאָם האָט דערפון אַי ווייטיק, אַי פאַרגעניגן: ווען זי זיצט לעבן איר טאָכטער, זעט זי זיך. ווען זי רעדט פון איר היים,

זעט זי זיי אלעמען אין גערדאנק. און זי שילדערט פאר איר קינד אלץ מיט בענקשאפט און אומעט.

דאס גרעסטע גליק איז פאר מיריאמען, וואס זי האט א טאכטער, וואס הערט זיך אזוי הארציק צו ווען זי רעדט.

צערטלעך גלעט די מיידל איר מוטער, און פארטרויט איר, אז איר באלעמט זיך אפט פון אלץ, וואס געפינט זיך דארט.

ווען מיריאם איז היינטיקן ווינטער צוגעגאנגען צו דער שטרוי־ענער קארב, וועלכע זי היט אפ ווי אן אויג אין קאפ, האט זי אנגעהויבן ארויסנעמען לופטערן די זאכן.

האלב פון אירע אייראפייאישע וועש — נאך ניט געטראגן. א גרויס טישטוך ליגט צונויפגעלעגט נאך פון דער היים מיטן היימישן צעטל פון דער פאבריק.

און איר אויג איז געפאלן אויף א פאטשיילע.

זי האט געטראגן די פאטשיילע עטלעכע מאל אין די ווינטער־נעכט, עטלעכע מאל צוגעדעקט איר מיידעלע, ווען זי איז געווען א קינד, און יעדעס מאל האט זי זי געזשאלעוועט...

געזשאלעוועט טראגן, געזשאלעוועט צודעקן דאס קינד, און אזוי די פאטשיילע געשפארט.

וויפל גרויסע געשעפטן מיריאם האט שוין באזוכט, האט זי נאך אזא פאטשיילע ווי אירע ניט געזען.

זי האט באטראכט די פאטשיילע און באשלאסן זי צו געבן צו „קלינען".

מיט אפאר טעג שפעטער האט מען אנגעקלונגען ביים טיר. מיריאם איז צוגעקומען און געעפנט.

א הויכער, דארער אינגל האט מיריאמען דערלאנגט א באנדל.

ס'האט איר א קלאפ געטאן אין הארץ: אט וועט זי באלד זען די פאטשיילע א ריינע, א „געקלינטע" אין אמעריקע, נאך אזוי־פיל יארן ליגן אין קארב. זי האט אזש נעציטערט ווען זי האט אראפגענומען דאס שטריקל פונם באנדל.

זי האט א כאפ געטאן די פאטשיילע, זי אויסגעשפרייט אויף דער פארבעטער בעט, זי צוריק אויפגעהויבן, באקוקט דורך און דורך, און זי ווידער אויסגעשפרייט אויפן בעט.

מיט אויגן — ברייט צועפּנט — קוקט זי טרויעריק אויף דער פּאַטשיילע, ווי איינגעשרומפּן זי איז געוואָרן.

געווען אזא פּוכקע, אזא פולינקע, אזא ווייכע... און איצט — אזא איינגעלאָפּענע, אזא דורכזיכטיקע...

ווי אַ קראַנקע קוקט די פּאַטשיילע אויס...

מיריאַם נעמט זי אין די הענט, טוליעט זי צו צו זיך ווי אַ קינד. צערטלעך קלייבט זי צענויף אין אַ באַנדל אירע פרענז און פילט, אַז זיי זיינען אויך איצט ניט דיזעלבע.

מיריאַם זעצט זיך נעבן פענצטער מיט דער פּאַטשיילע צו־געפּרעסט צום הארצן. און קוקנדיק אין דער ווייטקייט אריין, דערמאָנט זי זיך אָן איר באָבענע.

זי דעמאָנט זיך, ווי זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די פּאַ־טשיילע. עס איז שוין געווען נאָך איר באָבענע, פּונקט פאר זייער אָפּפאָרן, האָט די מומע זיי געבראַכט די פּאַטשיילע, וואָס זי האָט גע־קויפט פון אַ טשערקעס אויף אַ יאַריד.

— אָן עמעצע סאַראַטאָווער פּאַטשיילע — האָט איר מומע אויף איר ערלעכן, פּאַשעטן לאָשן גערעדט.

— געוואָלט האָב איך דיר קויפן אַ ניקעלנעם טולער סאַמאָ־וואַר, נאָר איך האָב געטראַכט, אַז עפּשער פּאַרנדיק, וועט ער זיך איינבויגן. די פּאַטיישלע האָט צו מיר פון דער פּאָליצע געוואונקען און איך האָב זי געקויפט. אַז דו וועסט מאַכן אַ ברים, וועסטו זיך מיט איר ארומוויקלען און מיך דערמאָנען.

עס הויבן אָן צו קלינגען אין מיריאַמס אויערן די ווערטער: „די פּאַטשיילע האָט מיר פון פּאָליצע געוואונקען" און זי דערמאָנט זיך ווי די פּאַטשיילע האָט אויסגעזען ווען די מומע האָט זי פּאַ־נאַנדערגעוויקלט.

— אַ נייאינקע, אַ יונגינקע, די גרינע, רויטע און ראָזעווע שטרייפן האָבן אַזוי ווי געבליט אויף דעם העלן, ברוינעם שטיק וואָל.

אַלע זיינען איר מעקאַנע געווען. איר שטיף־מאַמע האָט געבאַלעשט זי זאָל איבערלאָזן די פּאַטיישלע אין דערהיים.

— דו וועסט זי אין אַמעריקע סיי־ווי־סיי ניט טראָגן — האָט

די שטיף־מוטער געזאָגט — וועסט עס מיסטאַמע לעגן אויפן דיל און וועסט טרעטן איבער איר. עס פעלט דען אין אַמעריקע אַזעלכע שמאַטעס?

מיריאַם צעוויינט זיך שטיל.

זי וואָלט איצט וועלן איר שטיף־מאַמע זאָל זען, ווי זי טוליעט די פּאַטשיילע מיט ווייטיק און טרערן צו איר האַרץ. זי וואָלט כאָראָטע געהאַט אויף די ווערטער, וואָס זי האָט דאַן געזאָגט.

זי וואָלט אויך געוואָלט זען די מומע!

ווייזן איר, אַז די פּאַטשיילע איז יאָ קראַנק. אַז אַ טולער סאַמאָוואַר וואָלט זיך עפּשער ניט איינגעבויגן...

זי באַגיסט די געקלינטע פּאַטשיילע מיט וואַרימע, ווייכע טרערן, קושט זי מיט אָרומגעכאַפּטער בענקשאַפט און טראַכט פון דער אַלטער היים, פון וואַנען זי און די פּאַטשיילע קומען.

אין אָוונט האָט מיריאַם זי איבערגעפּרעסט, צונויפגעלעגט, אַ לאַנגע צייט געגלעט און זי אוועקגעלעגט לעבן דעם נייעם טישטוך — אויפן דעק פון דער קאָרזינע.

דער בוקעט בלומען

איר בעט אין האָספּיטאַל־צימער איז געשטאַנען נאָענט צום פענצטער. אויף דעם העכסטן שטאָק פון דער געביידע. די שיידס זיינען געווען האַלב אַרונטערגעצויגן אַזוי, אַז זי זאָל קענען אַרומ־קוקן אין גאַס און זען יעדן און אַלץ אַרום.

זען יעדן און אַלץ אַרום — איז ניט געווען איר קאַוואָנע. אויף איין מענטשן האָט זי געוואַרט, און געגאַרט אים זען. שטונדן לאַנגע, פלעגט זי איר בליק האַלטן צוגעשמידט צום פענצטער, און קוקן אויף יעדן מאַן, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, אויף יעדער קאַר, וואָס פלעגט פאָרן אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל.

זי איז שוין צוויי טעג אַליין אין צימער. די איבעריקע צוויי פּאַציענטן, מיט וועלכע זי האָט געטיילט דעם צימער, האָבן זיך אויסגעשריבן. זיי האָבן איר, מיט זייערע שוואַכע שמייכלען, גע־ווינשן אינגיכן זיך „אויסשרייבן". זי האָט מיט ווייטיק צוריקגע־שמייכלט, געוואונשן זיי זאָלן ביידע קיינמאָל זיך אַהער ניט צוריק־קערן. זי איז זיי די גאַנצע צייט וואָס זיי זיינען געווען אין צימער אַזוי מעקאַנע געווען.

איינע פון זיי איז געווען אַן עלטערע פרוי, אַ קליינינקע, אַ ציכ־טיקע, מיט זילבער־ווייסע האָר, אַ ליבינקע. פלעגן די קינדער אירע קומען, מיט קלינגנדיקע קושן, פאַר אירע אָפּגעצערטע באַקן, דער־ציילן פריידיק איר נייעס, וועגן אירע אייניקלעך.

די צווייטע איז געווען אַ יונגע ברונעטקע, מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, וואָס פלעגן ניט דורכלאָזן קיין איין אינטוירן... אַזוי שנעל ווי די יונגע דאָקטוירים פלעגן מאַרשירן איבער די קאָרידאָרן,

יעדערער צו זיין פליכט, פלעגט זי שוין זיצן גרייט אין א שרייענדיק־רויטער קימאָנע, מיט אָנגעפארבטע ליפּן, און זיי אָפּשטעלן.

יעדעס מאָל האָט זי געהאָט אַן אויסרייד: דאָ איז איר האַנט־זייגערל קאַליע געוואָרן, און דער פּרימאָרגן ציט זיך אַזוי לאַנג, אַז אירע נערוון ווערן אָפּגעשוואַכט... אָדער צי ווייס ניט אימיצער פון זיי, ווען איר דאָקטער וועט הײַנט קומען? און די דריטע זאַך איז געווען אַ שפּאָגל נייער ליגן.

זי האָט געהערט, אַז אין אַ צימער האָט אימיצער שרעקלעך געליטן, און זי האָט געמוזט אַרונטערגיין אין מיטן־נאַכט און זוכן פון וואַנען דער ווײַ־געשרײַ הערט זיך. נאָר פּונקט דאַן, האָט דער קראַנקער אויפגעהערט שרייען...

און אַ דאַנק אירע אײַנפאַלן, פלעגט אין צימער זיין פריילעך, פול מיט אינטואירנס און נוירסעס.

דערפאַר זיינען די ערשטע צוויי טעג פון זייער ביידנס אוועק־גיין געווען פאַר איר פון איין זייט אײַנזאַם, פון דער צווייטער זייט — צופרידנשטעלנד. דאָס צווייטע איז וואָס זי האָט אירע בליקן פרייער איבערגעגעבן צום פענצטער. זי זעט ניט אויף זיך קיין אויגן פון די איבעריקע געלעגערס.

די צוויי שמאָלע בעטן שטייען פאַרפּוצטע אין ווייסן, און רוען זיך אָפּ. דער אַפּריל ווינטעלע האָט זיך דורך די דריי פענצטער אין צימער אַרייַנגעיאָגט און אַרייַנגעבראַכט מיט זיך פרישע לופט און אויך דעם צוזאָג פון אַ פריען זומער.

זי האָט אײַנגעאָטעמט דעם אַראָמאַט פון די אַראַנדזשערייען און פונם פעלד. פרייד האָט איר דער ווינטעלע, אין איר אײַנזאַם האַרץ, אַרייַנגעבראַכט — האָפענונג און שמייכל. זי זעט ווי די ווייסע צודעקן, וואָס הענגען אַרונטער פון די בעטן, טאַנצן צום טאַקט פון דעם ווינט. די ברעגן פון די ציכלעך האָבן געלאַשטשעט דעם ליילעך, און עטלעכע קליינע פעדערלעך האָבן זיך פון די קישנס אַרויסגע־גאַנוועט און האָבן זיך אויפגעהויבן אין דערהויך, אויסגעדרייט זיך אין אַ רעדל און זיינען פון די פענצטער אַרויסגעפלויגן.

אַ טרויער האָט זי באַנומען. זי האָט נאָכגעקוקט אַ פעדערל, וואָס איז לאַנגזאַמער פון די איבעריקע געפלויגן. זי האָט אויף דעם פעדערל ראַכמאָנעס געהאַט. עפּעס אַזאַ ווייסינקער, אַזאַ צאַרטער, אַ

דארניקער. ווי קראַנק וואָלט עס געווען. נאָר צוליב דעם פרילינג האָט עס זיך פון שפּיטאָל ארויסגעגאַנוועט און איז געפלויגן אין פעלד זיך צו דערהאָלן.

— היינט איז דער ערשטער טאָג פּייסאך — טראַכט זי. נעכטן האָט מען איר צוגעטראָגן א פּייסעכדיקן אָוונט מאָלצייט. די הויפּט־נוירס, מיט דער נאַכט נוירס, האָבן איר דעם מאָלצייט אין בעט דערלאַנגט. זי באַקוועם אוועקגעזעצט און זיינען ארויס פון צימער.

לאַנג האָט זי געטראַכט איידער זי האָט געקענט צורירן זיך צו די שפּייז. אַליין איז זי געזעסן. יענע ביידע זיינען שוין אינדערהיים אויף יאָנטעוו. די אַלטע אוואדע ביי אירע קינדער, און די יונגע צו דעם פארפוצטן פראַנטל, אין דעם שווארצן, שמאָלן אַנצוג, וואָס איז זי געקומען צונעמען.

נאָר זי איז געבליבן אַליין. איר סאַלא, הייסט עס, האָט פאַר־געסן אין איר. קיין כאַסענע איז צווישן זיי ניט פאָרגעקומען. ביידע פרייע, האָבן זיי געלעבט צוזאַמען אַלס מאַן און פרוי. זי איז קראַנק געוואָרן. א גוטער, געניטער דאָקטאָר האָט איר געראַטן אוועקפאָרן אין שפּיטאָל אויסערן שטאָט, זי זאָל קריגן מעדיצינישע באַ־האַנדלונג, גוטע אויפפּאַסונג, רו און לופט, וועט זי אין עטלעכע וואָכן ארום פארגעסן אין אַלעם.

די אַלע זאַכן האָט זי געקראָגן, נאָר סאַלאן האָט זי פאַרלאָרן. די ערשטע וואָך איז ער געקומען, און מער האָט זי פאַר די לעצטע פאָר וואָכן פון אים ניט געהערט. אומזיסט זיינען געווען אַלע פאַר־בינדונגען וואָס זי האָט געזוכט צו מאַכן, ער איז פארשוואונדן.

נאָך א טאָג פון ווארטן און האָפן איז שוין ווידער אוועק. א מידע האָט זי אירע אויגן פון פענצטער צוגענומען, דעם קאָפּ אין קישן אריינגעגראָבן, זיך גלייך אויפן רוקן אויסגעצויגן און געקוקט ווי די שטערן צינדן זיך אָן אויפן בלויען הימל; געזען ווי די שטערן רייסן זיך אָפּ און פליען פון איין אָרט צום צווייטן; געהערט דעם גערויש פון אָטאָמאָבילן, געלעכטער, מוזיק און געזאַנג פון ראַדיאָס פון די ארומיקע הייזער.

פלוצלונג איז די נאַכט־נוירס אריין אין צימער. — מערי, — האָט זי שטיל געזאָגט — א מאַן מיט א בוקעט בלומען וויל אייך זען.

זי האָט אָנגעהויבן ציטערן, האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, זיך

אוועקגעזעצט און געבעטן די נוירס דערלויבן דעם מאַן אַריינצוקומען און זיך אַנטשולדיגט פאַר איר, וואָס מען איז זי געקומען באַזוכן ווען די וויזיט־שטונדן זיינען שוין לאַנג פאַריבער.

אַ מאַן מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון צימער. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די בלומען, אין דער צווייטער דאָס היטל.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מעריס בעט און שטילינקערהייט גענומען ריידן:

אַ מאַן איז צוגעקומען צו זיין טעקסי, האָט ער אָנגעהויבן, און האָט אים געבעטן צופאָרן צו אַ בלומען־סטאָר. יענער איז אַריין אין סטאָר און איז באַלד ארויסגעקומען מיטן בוקעט בלומען, און ער האָט אים געגעבן דעם שפּיטאָל אַדרעס, באַצאָלט אים, און געבעטן ער זאָל די בלומען אַרויפטראָגן צו דעם און דעם פערזאָן.

זי האָט געקוקט אויף דעם קליינעם, פעטן מענטשן, און קימאַט ניט געהערט זיינע רייד. זי האָט גענומען די בלומען, זיי אוועקגע־שטעלט אויפן טיש, געגעבן דעם מאַן אַ „טיפּ”. יענער האָט זיך פאַר־נייגט און איז אוועק.

זי האָט צונויפגעלייגט אירע הענט, אַריינגעלייגט אַ פינגער אין אַ פינגער, און זיי געדריקט ביז זיי זיינען בלוי געוואָרן. די האַרץ האָט געקלאַפּט, און זי האָט קאַלט געקוקט אויף דעם אָנגעפילטן קאָרב מיט רויטע רויזן.

זייער לאַנג איז זי אַזוי געזעסן ביז זי האָט פאַנאַנדערגענומען אירע הענט. זי האָט אַרונטערגענומען אַ צעטעלע, וואָס איז געווען צוגעשפּעט צו אַ ברייטן ראָזעווע לענטע, עס פאַנאַנדערגענומען און דורכגעלעזן בלויז: צו מערין, פון סאַלאַ.

עס האָט איר גאָרניט וויי געטאָן.

עס איז געווען אַזוי ווי זי וואָלט גלאַט געזען בלומען, אַזוי ווי זי וואָלט גלאַט געלעזן אַ נאָמען פון אַ פרעמדן מאַן, וועלכן זי קען אַפילו ניט. זי האָט אָנגעקלונגען. די נוירס איז אַריין. זי האָט איר געבעטן אַרויסטראָגן די בלומען, ווי אַלע בלומען טראָגט מען אַרויס אויף דער נאַכט, און מען ברענגט זיי צוריק אינדערפרי באַ־גאָסענע און דערפרישטע.

מערי האָט זיך צוריק געלייגט אויפן געלעגער. וויינען און

קלאָגן וועט ניט העלפן, האָט זי צו זיך גערעדט. עס וועט זי בלויז פאַרשעמען דאָ פאַר די נויראַטעס. ווידער אונטערגראָבן איר געזונט, און עס וועט ניט העלפן.

— דו ביזט דאָך קיינמאָל קיין גרויסער נאַר ניט געווען — האָט זי איינגעטיינעט — און אַלעמאָל דאָס לעבן און זיינע באַדינגונגען גוט פאַרשטאַנען. פרייד און יעסורים קען דאָך יעדער מאַן צוטיילן... און ליבן, ליבט דאָך אויך ניט בלויז איין מאַן... דאָס לעבן גיט און נעמט צוריק... דאָס לעבן שטראָפט ווען עס באַלוינט...

* *

*

דער מאָנאַט מאַי האָט אויפגעטאָן וואונדער פאַר איר. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין אַנדערע מאָנאַטן אויף דער וועלט אַחוץ מאַי. און אויב זיי זיינען דאָ, קענען זיי קיין אַנדערע ניט זיין, נאָר אַזוינע, ווי דער מאָנאַט, וועלכער האָט זי אַזוי געזונט געמאַכט.

ליכטיקע, בליענדיקע טעג; קילע און וואַרעמע נעכט. די וועלט ווערט גרינער און גרינער. זי ווערט געזונטער און געזונטער. זי געפינט זיך אין „קאַנטרי", אויף אַ פאַרם, ניט ווייט פון שפּיטאָל. זי רוט און שטיפט. זיך באַגעגנט מיט עטלעכע מענער, וועלכע קומען אַרויס אין אָנפאַנג פון זומער געניסן פון אָנקומענדיקן זומער. זי האָט פאַרגעסן אָן אַלעם.

דער צווייטער מאָנאַט פון זומער האָט מערין געבראַכט אַ נייע ליבע. אַ יונגן, אַ פריילעכן און אַ רייכן. דאָס לעצטע איז געווען אַ נייס אין איר לעבן. יונג און פריילעך איז סאַלאַ אויך געווען, אָבער ניט קיין רייכער, און דער איז רייך. און געקומען איז ער פונקט אין צייט. אַקוראַט ווען זי האָט זיך צעבליט, ווען אַלע אירע ווייטיקן האָבן זיך אויסגעהיילט, און אויך דער ווייטיק פון סאַלאַס לעצטער באַליידיקונג איז אַוועק.

דער דריטער מאָנאַט פון זומער איז געווען פאַר מערין דער גליקלעכסטער פון אַלע. זי און רובי, איר נייער געליבטער, האָבן זיך גליקלעך געליבט. רובי זאָגט איר, אַז דאָס האָבן זיי ביידע, מיט זייער ליבע, אַראָפּגעבראַכט אַזאַ בליענדיקן זומער, אַז קיין זומער איז ניט געווען אַזאַ שיינער ווי דער איצטיקער.

די ארומיקע קאַנטרי פּלעצער, די בערג און די טאָלן, די פאַרמס, די ווייטע, גלאַטע וועגן, האָבן זיי ביידע אין רובים נייער, קאַסטבאַרער קאַר געזען.

זיי עסן אין שיינע רעסטאָראַנען. זיי גייען אין באַפּוצטע טאַנץ־פּלעצער. זיי טאַנצן, גאַנווענען זיך אַריין אין שטאָט, אין די העלע, ראַשיקע געגנטן, זען אַ פאָרשטעלונג, און שפּעט אין אָוונט, מיט די פערים, פאַרשווינדן זיי ווידער אין קאַנטרי, צווישן בערג און וואַסער.

ביינאַכט גייען זיי ארוים אויפן וועג, שטייף געאָרעמט. פאַר־קערען זיך צו אַ שמאָלן וועג, וואָס פירט צום לייק, און גייען די פּאָר מייל זיך קושנדיק, און איינגעטוליעט איינער אינם צווייטן. קומענדיק אין צימער, אויפן צווייטן שטאָק, וועלכן זיי ביידע האָבן גענומען, צינדט מערי אָן אַ קליין פייערל פון אַ רויטער ליכט. רובי לאָזט אַראָפּ די שיידס. פון ביידע זייטן פענצטער פלעגט זיך דער לעוואָנעס קאָפּ אַריינרייסן, און זיי ביידע פלעגן זיך דערטרינקען אין ליידנשאַפט...

מערי האָט קיינמאָל פון הייראַט ניט געטראַכט. זי פלעגט מיט סאַלאָן אָפט שפּאַסן, אַז זי וועט ווערן אַלט, און מיד ווערן פון אירע געליבטע, וועט זי זוכן אַ באַשערטן, אַן עלטערן, און זיך דאַן באַקענען מיט אַ געזעצלעכער כאַסענע און האָבן קינדער...

איצט, זינט זי איז מיט רובין, גייט קיין איין טאָג ניט פאַרביי ער זאָל ניט זאָרגן, וואָס זי וויל ניט הייראַטן מיט אים. ער האָט זי ליב. ער וויים פון איר פריערדיקער ליבע. ער איז אויך אַזוי פריי אין געדאַנק ווי זי. אָבער אים דוכט זיך, אַז ווען זי ווערט אומעטיק, טראַכט זי פון סאַלאַס איבערלאָזן זי.

מערים פאַרזיכערונג איז געווען אַ פייערדיקע, אַן ערלעכע, פול מיט ליבע, מיט פרייד, אַז זי טראַכט ניט פון סאַלאַן, און ניט פון כאַסענע האָבן.

און אַזוי האָבן זיי ביידע געבליט צוזאַמען מיטן זומער.

ווען רובי איז איין טאָג אַוועק אין שטאָט פאַר געשעפט, האָט זי גענומען דעם אויטאָ און איז ארויסגעפאָרן אַליין פאַר אַ שפּאַציר. דאָס געדאַנק האָט זי געצויגן צום שפּיטאָל, און זי האָט אים געפּאָלגט. צוקומענדיק נעענטער אַהין, האָט זי זיך באַטראַכט, אַז זי האָט ניט צו וועמען צו גיין און זי האָט געוואָלט פאָרן צוריק. נאָר די צוויי נוירסעס, וועלכע זיינען געווען אַזוי צערטלעך צו איר, זיינען אויס־

געוואַקסן אין איר געדאַנק, און זי האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, און איז אַרויף זיך פרעגן אויף די דאָזיקע נוירסעס.

די צוויי נוירסעס זיינען געווען צופרידן פון איר באַזוך. זיי האָבן איר קאָמפּלימענטירט פאַר איר אויסזען, פאַר אירע גוטגעפּאַסטע ספּאָרט־קליידער, און זיי האָבן זי פאַרבעטן אין שפּיטאָל־גאָרטן, ווייל זיי זיינען איצט פריי, וועלן זיי אביסל שפּאַצירן.

אַרונטערקומענדיק אין גאָרטן, געאַרעמט מיט די נוירסעס, איז איר בליק געפאַלן אויף סאַלאַן.

ער איז האַלב געלעגן אויף אַ באַקוועמער שטול, און לעבן אים איז געזעסן אַ געשמאַקלאַז פאַרפּוצטע מיעסע פרוי.

אַ בלאַסקייט האָט אַרומגענומען איר פּאָנים, ווען אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט סאַלאַס. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, ווי צו אַנטלויפן, און יענע פרוי, ניט פאַרשטייענדיק גאָרניט, האָט אים צוגעהאַלטן.

מערי האָט זיך שנעל באַהערשט — נאָך שנעלער, ווי זי איז בלאַס געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין איר פולער שיינקייט און געזונט, האָט אַרויפגענומען אַ שמייכל אויף אירע ליפּן, האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע צו אירע אויגן זיך ברייטער צו עפענען און האָט מיט איין האַנט דעם סוועטער נידעריקער אַרונטערגעצויגן אין דעם טיפן טאָל פון אירע בריסטן באַפרייט...

די נוירסעס האָבן זיך נעבן סאַלאַן אָפּגעשטעלט, אים שמייכלענדיק געפרעגט ווי ער פילט.

מערי האָט באַפרייט אירע אָרעמס פון די נוירסעס. זי האָט זיך געשטעלט קעגן סאַלאַן און שמייכלענדיק אים אין די אויגן געקוקט, געקוקט אויף זיין בלוילעך, אָפּגעצערטן פּאָנים, אויף די איינגעפאַלענע אויגן, אויף די האַלב־טויטע הענט, וועלכע האָבן זיך נע־קאָרטשעט איינע אין דער צווייטער, געקוקט אויף דער פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן אים אַזוי קאַלט, ווי זי האָט געקוקט אויף די בלומען, וואָס סאַלא האָט איר אין האָספּיטאַל געשיקט, און זיך פריידיק געפרייט.

דערנאָך איז זי מיט לאַנגזאַמע טריט — האָבנדיק איינזינען, אַז סאַלא וועט איר נאָכקוקן, — אַוועק מיט די נוירסעס אין גאָרטן, איבער די אַלייען, וואו עס זיינען געזעסן נאָך קראַנקע מיט באַזוכער.

פון די נויירסעס, וועלכע האָבן פון גאָרניט געהאַט קיין אַנונג וועגן מעריין און סאַלאַן, האָט זי זיך דערוווּסט אַז ער איז אַ קראַנקער אָדער אויף אַ לאַנגער צייט, אָדער זיין ענדע איז נאָענט. עס ווענדט זיך ווי זיין האַרץ וועט אַרבעטן, און אַז די דאַמע נעבן אים איז זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט צוליב געלט כאַסענע געהאַט.

צוקומענדיק צום קאַר, איז זי געווען אַביסל אומעטיק. זי האָט געוואָלט אים איצט זען, זען און זאָגן אים אַזוי הויך ווי מעגלעך, אַז זי איז גליקלעך; אַזוי הויך אויסשרייען, אַז די עכאָ זאָל אין גאָרטן אָפּקלינגען און זיך אין שטאָט צו רובין דערטראָגן.

באַלד האָט זי זיך געמוסערט פאַר זיין אַזאַ נעקאָמע־נעמעריין. זי האָט גענומען דעם רעדל אין האַנט און האָט גענומען טרייבן די קאַר...

אויפן וועג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און באַשלאָסן צו וואַרטן ביז סאַלאַס ווייב וועט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. לאַנג האָט זי ניט געדאַרפט וואַרטן. יענע איז באַלד אַרונטערגעקומען די טרעפּ, האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז געטריבן גע־וואָרן פון אַ „שוואַרצן" שאָפער, און איז אַוועקגעפאָרן.

פאַר די נויירסעס האָט איר ניט געפּאַסט זיך צוריקקערן, איז מערי אין אַ צווייטער ריכטונג אַוועקגעפאָרן.

בייניאַכט, ווען אַלע זיינען אין שפּיטאָל שוין געשלאָפן, איז אַ נאַכט־נויירס צו סאַלאַן אין צימער אַריין, און שטיל אַוועקגעשטעלט אויף זיין טישל אַ קוישל מיט רויטע רויזן. דאָס קוישל איז געווען איבערגעבונדן מיט אַ ברייטער ראָזעווע ליענטע און אין מיט אַ דרעטל איז געווען באַהעפט אַ צעטעלע מיט צוויי ווערטער:

פון מערי...

געפאַלענע באַלעבאַטים

די פאַמיליע סיגל איז אין קליינעם שטעטל געווען באַוואוסט פאַר אָנגעזעענע באַלעבאַטים. די איבערגעטריבן־שטאָלצע און נאַרישע מרס. סיגל האָט, אַ דאַנק איר מאַנס פאַרמעגן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין עפּענטלעכן לעבן. עמעס דאָס ביסעלע קאָוועד האָט איר אָפּגעקאָסט אַסאַך געלט, איבעריקע געלט. דאָס איז איר אָבער ניט אָנגעגאַנגען. ס'איז דאָך געווען איר מאַנס געלט.

ער, דער מאַן אירער, האָט אין די יונגע יאָרן, שווער געאַרבעט און ענדלעך, ווען ער איז שוין געקומען אין די מיטעלע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער ערשט געקאָנט, געבן זיין פרוי און קינדער דאָס וואָס ער האָט אין די יונגע יאָרן ניט געקאָנט. זיין פרוי, האָט אָבער גיך פאַרגעסן יענע יונגע יאָרן, זי צוזאַמען מיט איר עלטערער טעכטערל מיני. אָבער, מיט די פאַרגאַנגענע יונגע יאָרן איז אויך אַוועק זיין געזונט.

און פון זיין שענער היים, וועלכע זיין מויאַך האָט אויסגעבויט, האָט אים זיין סאָסייטי־ווייב אַוועקגעשיקט אין האָספּיטאָל.

און דאָרטן, אויף דעם באַקוועמען געלעגער, ווי זיין ווייב פלעגט עס רופן, איז ער געלעגן און געטראַכט יעדע מינוט פון טאָג וועגן זיין שיינער, בלאָנדער צווייטער טאָכטער רייזעלען.

רייזעלע, זיין ליבלינג — וואָס וועט פון איר ווערן? זי, אָט־די יונגע רויז, איז געראָטן אין אים: אַ ליכטיקער פּאָנים און נאָך אַ ליכטיקערע נעשאָמע...

נאָר רייזעלע פאַרשטייט אים: זי איז די איינציקע, וואָס זאָרגט זיך אַזוי האַרציק פאַר זיין געזונט.

מינעלע איז אינגאַנצן די מוטער: שטאָלץ, פּוסט און נאַריש.

בייז איז ער ניט געווען אויף זיין פרוי און עלטערער טאָכטער. פארקערט: ער פלעגט זיי בלויז באדויערן: וואָס זיינען זיי נעבאך, שולדיק וואָס גאָט האָט זיי פארקארגט דעם סיכל?

די יאָרן האָבן געטאָן זייער ארבעט.

מענטשן גליקלעך און אומגליקלעך געמאכט, געבראכט פרייד און אומעט, גליק און אומגליק, און ניט פארגעסן זיך אָפּשטעלן ביי דעם בעט פון דעם אַלטן, אויסגעדארטן סיגלען. זיי, די יאָרן, האָבן אים פאראורטיילט פאר אַן אייביק-קראַנקן...

די פרוי זיינע האָט זיך צוריקגעצויגן פון איר פּוסטן לעבן אויס מאַנגל אין געלט. מען קאָן זיך שוין מער ניט לאָזן אַזוי פיל קאָסטן, און דאָס שטעטל האָט גיך פארגעסן אָן איר.

ניט פארגעסן אָן זיך האָט מיסיס סיגעל אַליין. זי מיט איר טעכטערל מינעלע, ביי איר זייט, האָט מען אנגעהויבן טראַכטן פון דער הויז.

די אַמאָליקע קליידער, וועלכע האָבן זיך יאָרנלאַנג באהאַלטן אונטערן שטויב, האָבן זיך איצט אָפּגעלעבט: האָבן זיך געקוויקט פאר נאכעס, וויגנדיק זיך אויף אַ שטריק געגן דער ליכטיקער זור־מערדיקער זון. זיי האָבן איינגעאָטעמט דעם פרישן זומערדיקן ווינטעלע, ווען וועלכן זיי האָבן יאָרנלאַנג געטרוימט אין זייערע איינגע, פארלייגטע צימערלעך...

וואו עס איז נאָר געווען אַ פאַלד אין קלייד, האָט זי זיך פריידיק צונומען און געטאנצט געגען דער זון. קנעפּלעך האָבן געשמייכלט און די זון האָט זיי געקושט...

די זיידענע פארנייטע זאָקן האָבן זיך צעגעדריקט צו מיסיס סיגעל'ס פיס, און די זיידענע פעדעמלעך האָבן זיך מיט די לעצטע קויכעס געהאַלטן ניט איבערגעריסן צו ווערן...

אָט־די — אַלע שמאַטעס האָבן — פאר זיך אַ וועלט דערזען, און מוטער און טאָכטער גיבן זיי אָפּ פיל קאָוועד...

די שיינע עלענדע רייזעלע האָט שוין לאַנג מיט אירע פינגער קיין פיאַנאָ ניט באַרירט. מען האָט זי, די טייערע פיאַנאָ, פאר־קויפט פאר זייער ביליג: דער אַלטער זאָל ניט וויסן...

רייזעלע האָט אויפגעהערט צו שטודירן — אויך דער טאַטע זאָל ניט וויסן. זי ארבעט און גיט דער מאַמען פאר דעם טאַטן...

זונטיק, איז דעם קראַנקנ׳ס בעסטער טאָג. רייזעלע קומט מיט בלומען א שמייכלענדע. ער זעט גאַנץ גוט, אַז די יונגינקע טאָכטער זיינע קומט שוין מיט פאַלשע פאַרב אויף אירע באַקן, און ליפּן. אָבער ער קאָן זיך ניט העלפן. דעם זעלבן עמעסדיקן שמייכעלע האָט דאָך רייזעלע אויף אירע ליפּן...

האָט זיך איינמאָל דעם אומגליקלעכן מאַן און פאָטער, פאַרוואָלט זען זיין הויז — זיין היים. און — מען האָט אים זיין וואונטש געמוזט נאָכגעבן. מען האָט געוואוסט, אַז ער וועט מוזן צוריקקומען אין שפּיטאָל.

ליגענדיק אין בעט מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, האָט ער באַטראַכט זיין היים.

די טרערן האָבן קיין קויכעס ניט געהאַט אַרויסצוקריכן פון זייערע ערטער, האָבן זיי זיין אויסגעדאַרט האַלדז געשטיקט...

ער דערקאָנט זי ניט, זיין אַמאָליקע היים. וויפיל קויכעס, וויפיל מי, וויפיל געלט און האָפנונג האָט ער איינגעמויערט אין יעדן ווינקעלע? . . .

די פּיאַנאָ — ניטאָ. די ניי־מאַשין פאַרנעמט דעם אָרט. די ניי־מאַשין, א צונומענע, באַדעקט מיט שטויב און שמאַטעס, שטייט און טרויערט. די סטעליע איז קויל־שוואַרץ, ווי סע וואָלט שוין באַצייטנס זיך אין טרויער אָנגעטאָן...

זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף רייזעלען. שטיל איז זי ביים פענצטער געזעסן און מיט א קלאַפּענדיק האַרץ אַרויסגעקוקט אויף דער מוטער.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט זיין שרעקלעכע, אויסגעמאַטערטע שטימע:

—וואו איז די מאַמע מיט מינעלען?

רייזעלען האָט א זעץ געטאָן אין האַרץ. אירע דאַרע הענטלעך האָבן זיך געטרייסלט און די אויגן זיינען אין א מינוט געוואָרן דריי מאָל אַזוי גרויס. קיין ליגנערטע איז רייזעלע ניט, און זי האָט מיט אירע לעצטע קויכעס באַשלאָסן צו זאָגן דעם אומגליקלעכן דעם עמעס...

„די מאַמע מיט מינען זיינען געגאַנגען כאַסמענען פּאַפּירן. מען האָט פאַרקויפט אונדזער הויז!״

דער קראַנקער טאַטע, איז פאַרציטערט געוואָרן ביי די ווער־טער: „אונדזער הויז". מאָדנע האָבן אין זיינע אויערן געקלונגען רייזעלעס ווערטער — פרעמדע, גאַזלאַנישע. זיי האָבן ווי מיט אַ טעמפּער האַק אומבראַכמאַנעסדיק אויפגעריסן זיין מויעך.

אָבער אַ קראַנקער מוז אויף אַלץ פאַרבייסן מיט די ליפּן. האָט ער אָפּגעצויגן זיין אָטעם, און גלייכגילטיק געקוקט, אין אַ ווייטן פּינטעלע.

רייזעלע, איז שטיל צוגעקומען צו אים, אָפּגעווישט זיין שוויס, און מיט אַ שמייכל זיך געזעצט אויף זיין בעט.

— פּאָטער! — האָט רייזעלע שטיל געזאָגט — איך האָב עפּעס, וואָס דו וועסט עס מיר געוויס פאַרגינען. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט רואיק זיין — וועל איך דיר זאָגן.

ער האָט געשמייכלט, און אין זיין האַרצן האָט אָנגעהויבן צוגיין ווי שניי קעגן דער זון. דער קאַעס קעגן זיין ווייב און יענער טאָכטער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר, און רייזעלע האָט פאַר דעם פאָטער פאָרגעשטעלט איר כּאָסן. רייזע־לע'ס באַקן האָבן זיך איצט מיט עמעסער פאַרב פאַרפּוצט. דער יונגער מענטש האָט האַרציק דעם קראַנקן אַרומגענומען.

דער קראַנקער האָט זיך דערפילט גליקלעך.

אין געדאַנק האָט ער דערזען זיין פרוי מיט יענער טאָכטער.

זי האָט געוואוסט, אַז איך קום היינט אַהיים — האָט זי מוירע געהאַט, אַז זי וועט ניט קאָנען דורכפירן דאָס פאַרקויפן פון דעם הויז! האָט זי זיך צוגעאיילט... ער האָט געזאָלט ווערן אינקאַעס אָבער רייזעלע'ס אויגן האָבן אים איינגעשטילט און ער האָט סאָ־פּענדיק געמורמלט.

ניין, ער איז ניט ברויגעז.

— ניין, ראָבעלע, — רופט ער זיין ווייב ביים נאָמען, צום ערשטן מאָל אין אזויפיל יאָרן, — ביזט גערעכט. זי איז אַ גרעסערער בוילע פון מיר די מאַמע דיינע. גאָט האָט זי געשטראָפט נאָך מער פון מיר. אַ מענטש אָן סייכל איז אָן אייביקער בוילע.

ער האָט געלאָזט צו זיך רופן דעם ראָוו. יענער איז געקומען.

האָט זיך געפרייט אים, דעם גוטן, געפאַלענעם באַלעבאָס נאָכ־אַמאָל צו זען. זיי האָבן זיך דורכגערעדט.

מען האָט גערופן נאָך אַ פּאָר מענטשן.

זיי זיינען איידעם געווען. רייזעלע האָט זיך רויטלענדיק צו־געטוליעט צום כאָסן, און — יענער האָט זי אַ שטראַלענדיקער מע־קאַדעש געווען...

דעם שוסטערס ווייבעלע

אין אַ גרויסן צימער אין לייזער לייבס אַלטער הויז, וואוינט אַרע דער שוסטער מיט זיין יונגער ווייבל ראָבקע. דער צימער האָט פיר גרויסע פענצטער, וואָס דורך זיי זעט מען דאָס גאַנצע שטעטל מיטן פיש מאַרק אפילו.

ניט אומזיסט האָט לייזער לייב אַזאַ גרויסן שעם מיט זיינע הייזער. די צימערן זיינען גרויסע און ליכטיקע איז פאַר יענעם אַ גרויסער גליק, וואָס האָט די זכיה זיך אריינצוקלייבן אהין.

אַרע דער שוסטער איז אַ נייער אין שטעטל, דערפאַר האָט מען אים גערופן דער נייער בעזים. אַ נייער בעזים קערט גוט און דעם נייעם שוסטער גייט גוט. פלעגן מענטשן זאָגן.

אַרע האָט אויפגעעפנט אַ מייסטערסקאַיע מיט פראָסטע און בעסערע אַרבעט, האָט זייער שווער געאַרבעט, אַביסל שפּעטער האָט ער געמוזט צונעמען אַן אַרבעטער און טאַקע אריינעמען גאָר גוטע לעדער.

די געווירים פון שטעטל האַלטן אין איין באַשטעלן ביי אים שיך און באַשטעלן, באַשטעלן זיי דאַווקע נאָר „כראָם" אָדער „שאָוורא" אָדער „לאַקיראָוועגע און אויף פּראָסטן פּאָשעטן „יוכט" איז אפילו קיין נאָכפראַגע ניטאָ.

געאַרבעט האָט ביי אים אַן אַלטער גוי אַ שיקער, וואָס האָט געהייסן פּיפּקע, און פּיפּקע האָט קיין אַנדער לעדער אויסער יוכט אין זיינע הענט ניט געהאַלטן. יוכט איז פאַר אים געווען ווי פּוטער.

פּיפּקע האָט זיין גאַנצן לעבן געאַרבעט פאַר זיך דאָרט אין דער קליינער כאַטקעלע אין געסל. ער פלעגט מאַכן שטיוול פון יוכט, טשאַרעוויקעס פון יוכט. די אָרימע לייט פלעגן לעבן ניט לאָזן.

„גערענק, פּיפּקע", פלעגן זיי ביי אים זיך בעטן, „מאַך זיי שטאַרק, זיי זאָלן קאָנען אויסהאַלטן דעם ווינטער און ווען מען וועט קלאַפּן אַ פּוס אָן אַ פּוס זאָלן זיי ניט צעפּלאַצט ווערן."

און פּיפּקע פלעגט זיי פּאָלגן. ער פלעגט אויפניען די שטיוול און אָנשמירן זיי מיט דזשעגעכץ און אויסשטעלן זיי אין פענצטער פלעגן זיי בלישטשען ווי די זשוקעס.

אָבער איצט ביי אַרען איז אים שלעכט. ער קאָן זיך צו קיין אַנדער לעדער ניט צוגעוואוינען. קומט ער שיקער. פאַר דאָס ביסל געלט וואָס ער קריגט, טרינקט ער זיך אָן און האַלט אין שילטן די געווירים.

אַרע האָט אוועקגעשיקט צו אַ באַקאַנטן שוסטער אַ בריוול, ער זאָל וואָס גיכער קומען צו אים אַרבעטן גוטע אַרבעט און איידער פּיפּקע האָט זיך אויסגעניכטערט, איז שוין אויף זיין אָרט געזעסן אַ יונגער שוסטער, דאָווידקע פון קראַליעוועץ.

דאָווידקע טראָגט גרינע הויזן, אַ שוואַרצע רובאַשקע מיט אַ שוואַרצן גאַרטל, זיינע האָר זיינען געשאָרן „פּאַדפּאַליגו", קוקט זיין שמאָלער קאָפּ אויס ווי אַ וואַרעניק.

אַלע אין שטעטל האָבן באַלד אָנגעהויבן ריידן פון דאָווידקען. דאָווידקע אַהער און דאָווידקע אַהין. שאַבעס פלעגט דאָווידקע שפּאַצירן מיט אַרען און זיין יונגער שיינער ווייבל אויף דעם נעווסקי פּראָספּעקט. דאָווידקע פלעגט שפּאַנען ווי אַ סאָלדאַט, די שיך זיינע קליינע מיט סקריפּ, מיט אַ העכערן קאַבלוק ווי געוויינלעך, זיין שוואַרצע, קורצע טוזשורקע מיט פיר קעשענעס אייבן און אונטן זיינען, אַ כוץ זיינע גרינע הייזן געווען אַ גרויסע ניים אין שטעטל.

ביז אים האָט קיין שוסטער, קיין סטודענטישע פאָרמע ניט געטראָגן. אַלע מיידלעך פלעגן קומען באַשטעלן שיך ביי אַרען, אַבי הערן דאָווידקען פייפן אָדער זינגען „אוכאַר קופּיעץ".

דעם פישערס, הויכע ווייב, וואָס האַלט איר קאָפּ העכער פון איר לאַנגער נאָז, באַשטעלט זיך שיך שוין אַביסעלע צו אָפט. זי האָט שוין שיך פון אַלערליי סאָרטן און שמירן שמירט זי זיך ווי בראָד־סקעס טאָכטער. ניט אומזיסט איז פיש טייער געוואָרן. שיך און פאַרב קאָסט געלט.

זי, די פישערקע, און יוינע דעם קירזשנערס טעכטער זיינען גוט בייז אויף אַרע דעם שוסטערס ווייב.

זיי וואָלטן זי אין אַ לעפל וואסער דערטרונקען, ווען זי וואָלט זיך לאָזן. ווען זיי זעען זי אויף נעווסקי פּראָספּעקט מיט דאָווידקען. זי איז גאָר שענער געוואָרן, אירע ראָזע באַקן בליען אַזש און די בלאָנדע האָר פאַרדרייט אין אַ שיינעם קובליק אין מיטן קאָפּ מיט צוויי בלישטשענדיקע קעמעלאַך פוןביידע זייטן פּאַסן אַזוי צו אירע בלויע אויגן, אַז אַפילו אַן אַפיצער וואָלט זיך אין איר פאַרליבט...

יוינע דער קירזשנער האָט פינף טעכטער, געזונטע טעכטער. ער האָט אָבער צו זיי קיין מאַזל ניט, פּונקט ווי ער האָט פאַר זיי קיין נאַדן ניט.

דאָס זעלבע איז מיט איטשעם דעם רויטנס קאַצעוו'ס טעכטער ער האָט אויך פינף שטיק און נאָך רויטע דערצו. און אַז אַלע פינף לאָזן זיך אַרויס אין אַ שיינעם טאָג אויף אַ שפּאַציר, ווייסט מען שוין אַז די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע גייט.

כאַווערן זיך די פינף רויטע מיט די פינף פון דעם קירשנער. און איצט זינד דאָווידקע איז געקומען אין שטעטל האָפן זיי אַלע אויף אים.

דאַרף זיך טרעפן, אַז לייבקע דער צירולניק, מיט די טראַכאָמנע, קליינע רויטע אויגן איז קראַנק געוואָרן פּונקט ווען ער האָט געפּ־לאַנעוועט, פאַרגרעסערן זיין צירולנע, זיין ווייב בראָכע איז דאַווקע, געוועזן זייער צופרידן, אי וואָס ער איז קראַנק, אי וואָס ער וועט פאַר־גרעסערן די פּאַריקמאַכערסקע, ווי זי פלעגט רופן די צירולנע „פּאַריק־מאַכערסקאַיאַ" איז איר שענער געפעלן געוועזן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די פּאַריקמאַכערסקע האָט געקראָגן אַ גרעסערן און שענערן אויסזען און צוויי באָכורימלעך פון וואַראָניעזש זיינען געוועזן גאַנץ גוט באַשעפטיקט.

לייבקע איז געוועזן צופרידן וואָס ער האָט אָראָפּגעטרעבעוועט, די יונגע לייטלעך. ער האָט געליעטשעט זיינע אויגן און געוואונקען צו פריען.

דער ערשטער פון די וואראניעזשער באָכורימלעך איז געוועזן אַ שווארציינקער, האָט מען אים אין שטעטל געגעבן אַ נאָמען „ציגאַ־

ניאָק", דער צווייטער האָט געהאַט אַ ליסענע אין מיטן קאָפּ, קיי־לעכדיק ווי אַ לעווּאָנע און עס האָט געגלאַנצט פון דער צו אָפּטער פּאַמאַדע, מיט וועלכער ער פלעגט זיך שמירן, האָט מען אים גע־רופן „לונאיאַ נאָטש".

און איצט זיינען די 10 כאַווערטעס אין זיבעטן הימל, און וואַרטן אויפן שאַבעס ווי אויף מאָשיאַכן.

מיט דעם איינציקן שוועדן ביסן מיט וועלכן די מיידלעך ווערגן זיך, איז דעם שוסטערס ווייב, ראָכקע, אַזוי ווי דאָווידקע כאַווערט זיך מיט די צוויי צירולגיקעס פון וואַראַניעזש, זעען זיי ראָכקען מיט זיי אויך.

ווען גאַנץ נעווסקי פּראָספּעקט איז געווען אָנגעפילט מיט יאָנטעוו שפּאַצירער, האָבן די מיידלעך דערזען ראָכקען אין אַ שוואַרצער סאַמעטענער קלייד מיט דער שליאַפּע אין האַנט און דאָווידקע ביי איר זייט.

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אָפּשטעלן, נאָכקוקן, שעפּטשען און אַז מען שעפּטשעט מוז מען זיך צוהערן, און אַז מען הערט זיך צו דערוויסט מען זיך.

היינטיקס מאָל האָט מען געשעפּטשעט, אַז ראָכקע איז אַביסעלע פולער געוואָרן, און די טאַליע אירע איז קאַליע געוואָרן, בריי־טער און בלייך איז זי אויך, איז מאַכט זי אַ ברים.

דערנאָך האָבן זיי אַריינגענומען דאָווידקען אין זייערע מיילער און שמייכלענדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אַז אָט אָט און עס וועט געבוירן ווערן אַ דאָווידקעלע.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און די נייס פון נעווסקי פּראָספּעקט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין פּאַריקמאַכערסקע, דערנאָך אויפן פּיש מאַרק ביז עס איז אָנגעקומען צו דאָווידקען.

און דאָווידקע, אַן ערלעכער, פּאָשוטער באָכרל, האָט טאַקע ניט פיינט געהאַט ראָכקען מיט אירע ראָזעווע באַקן און שיינעם פּאָנים, מיט די בלויע אויגן, האָט מיט וויטאָג דערציילט אַרען, וואָס מען רעדט.

אַלע בייזע, וויסטע כאַלוימעס צו זייערע קעפּ, האָט זיך אַרע שטיל און באַשיידן געראַנגלט מיט דאָווידקען איך וועל זייערע

צינגער אַרויסרייסן און וועל אויפן קאַלאַדקע אַוועקלייגן און מיט צוועקעס אָנקלאַפּן.

דאָווידקע איז געווען ערנסט באַזאָרגט צוליב דעם בילבל און זיך גענומען בעטן ביי אַרען, אַז ער וויל מער ניט עסן ביי אים קיין קעסט, וועט ראָכקע ניט דאַרפן פאַר אים קאָכן.

אַרע איז געקומען אַהיים אָן דאָווידקען. ער האָט גלייך דער־ציילט ראָכקען וועגן אַלץ. יענע איז רויט געוואָרן ווי אַ בוריקאָווער באָרשטש. זי האָט שטאַמלענדיק קוים אַרויסגערעדט, אַז עס אַרט איר ניט, ווייל גאָט האָט זיי אין שטעטל געהאָלפן און זיי האָבן פאַר־נאָסע, דאַרף מען זיך מיט קיינעם ניט קריגן.

אַרע איז אַוועק צוריק אין מייסטערסקאַיע. און ראָכעלע האָט געקוקט אין די גרויסע פענצטער פון איר צימער. דאָווידקע איז אַ טייערער מענטש, — שעפּטשעט זי קוים. ער איז צו איר אַזוי גוט און זינד ער איז אָנגעקומען צו זיי אַרבעטן איז זיי אַוועק מאַזעלדיק. זי האָט זיך געריכט אַרויסציען זיך אין אַ פּאָר צימערן און פאַר דאָווידקען אויך אַ צימער וועט ער ניט דאַרפן וואוינען ביים טויבן פּאַפּיראָסניק — האָט זיך אַרען פאַרוואָלט אַ קינד.

אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט אויפגעעפנט און איר ברודער איז אַריין אין הויז. קיינער האָט אין שטעטל ניט גע־וואוסט, אַז ראָכקע האָט אַ געשמאַדטן ברודער נאָר זי און איר מוטער, אַפילו אַרען האָט זי קיינמאָל אויסגעזאָגט דעם שרעקלאַכן סאָד.

זי קוקט מיט פאַרוואונדערונג אויפן ברודערס פּלוצלונדיקן וויזיט צו איר. מיט אַ גרויסן בעריאָזאָווען שטעקן, האָט ער זיך פאַרמאָסטן קעגן איר און הייזעריק גענומען שרייען: — איך האָב אָפּגעוואַרט ביז דיין מאַן איז אַוועק. איך וועל דיין אַרבעטער און ליר־באָוניק, דאָווידקען דערהאַרגענען. דו זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אים פון הויז אַרויסטרייבן, אַניט גיב איך דיר אַ זעץ אין בויך, — וועסטו דיינע קישקעס דערזען.

אויפן פּיש מאַרק האָב איך געהערט, וואָס פאַר אַ פּאָדלע שוועס־טער איך האָב, און איצט מעג איך שוין אויסזאָגן, אַז איך בין דיין ברודער.

ראָכקען האָבן די פיס גענומען ציטערן. הייס און קאַלט איז איר. די ציין קלאַפּן אַזוי שטאַרק, אַז זי קאָן זיי ניט איינהאַלטן אין מויל.

איר קאָפּ איז שווער געוואָרן, אָט ווײַל זי עפּעס זאָגן און מער גע־
דענקט זי גאָר ניט.

זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט זי דערזען דר. סוכאָמלין,
זיצט נעבן איר, האַלט איר האַנט און קוקט אויפן זייגער. אַרע שטייט
און שמייכלט. בראַכע דעם צירולניקס ווײַב, איר געטרײַע פֿרײַנדין
קוקט אויף איר אַזוי ראַכמאָנעסדיק, און זי ליגט אין בעט אַזוי ווי
אַ קינפּעטאָרן...

זי האָט מוירע צו רעדן. זי פֿאַרמאַכט די אויגן און דער־
מאָנט זיך וועגן איר געשמאַדטן ברודערס באַזוך. אירע אויגן לאָדן
ווערן אָנגעפילט מיט טרערן, אַזאַ געשמאַדטער הונט, געקומען פֿאַר־
גיסן מײַן בלוט, פֿאַר גאָר ניט. גאָט ווייסט דעם עמעס, שעפּ־
טשעט איר צונג צווישן די ציין.

שווער איז איר צו טראַכטן וועגן איר ברודער, הויבט זי אָן
טראַכטן פֿאַרוואָס זיינען אַלע לעבן איר, וואו איז דאָווידקע, מען
דאַרף אויפשטיין קאָכן עסן, און פֿאַרשווייגן וועגן אַלץ. ווי גערן
זי איז אַלץ דערציילן אַרען, אָבער דער געדאַנק אַז אַרע ווייסט ניט
פֿון איר געשמאַדטן ברודער האַלט זי צוריק, אַזוי איז אָפּגעמאַכט ביי
זיי אין דער פֿאַמיליע. קיינער טאָר ניט וויסן. ער לעבט אונטער אַן
אַנדער נאָמען און ער לאָזט זיי צורו.

דער דאָקטאָר און בראָכע זיינען אַוועק און אַרע האָט זיך געזעצט
אויפן ברעג בעט.

— ראָכקעלע, דו ווייסט, — האָט ער איר געזאָגט, — דאָס בין
איך שולדיק. ווען איך וואָלט דיר דאָס ניט געזאָגט, וואָלסטו מיר
עפּשער געבוירן אַ זונעלע.

ראָכקע גיט זיך אַ צאַפּל, בלייבט ליגן אומבאַוועגט. זי פּרובירט
זיך אויפהויבן, אָבער זי איז שוואַך. אַרע זאָגט איר אויס, אַז זי
האָט געמאַפּלט...

אַ פּאָר שווערע וואָכן האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט ראָכקען און אויף
זייער אָרט זיינען אָנגעקומען בליענדיקע טעג. ראָכקע האָט זיך
אַריינגעצויגן אין אַ גרעסערער דירע. זי איז געזונט און איז פֿאַר־
נומען מיט איין געדאַנק. זי וועט זיי וויזן צי זי מאַכט אַ ברית,
און צי האָט מען געדאַרפֿט ריידן אויף דאָווידקען.

אויף פּייסאַך, האָט זי זיך אַליין אויפגענייט אַ שיינע דורכזיכ־

טיקע קלייד פון העלן קאָליר, מיט אַ זיידענעם אונטערשלאַק. שטאָלץ איז זי געשטאַנען קעגן שפּיגל און געמאָסטן איר קלייד. איר שיינע, דינע פיגור האָט זי איינגעשנורעוועט אין גאָרסעט. און אירע ראָזע באַקן שפּיגלען זיך אָפּ ווי צוויי רויזן. אַ פּאָר שווארצע שיך האָט דאָווידקע פאַר איר געמאַכט, כאָטש נעם און שטעל זיי אויף אַ וויסטאַווקע.

צו צימבערען דעם שניידער איז זי געקומען און געקויפט אַ זומערדיקן מאַנטל.

דעם ערשטן טאָג פּייסאַך, האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין אירע נייע קליידער און איז אַרוים אויף נעוווסקי פּראָספּעקט, מיט אַרען פון איין זייט און מיט דאָווידקען פון צווייטן זייט.

זי האָט מיט די אויגן געזוכט די רויטע מוידן, מיט זייערע פריינדינס, קיין סאַך ווארטן האָט זי אויף זיי ניט געדאַרפט. ביי דעם סאָבאָרנעם קלייסטער האָבן זיי זיך באַוויזן. זי איז געבליבן שטיין לעבן קריגערס אַפּטייק. זאָלן זיי זי אָנקוקן... קלוימערשט אַריינגעקוקט אין פענצטער.

די מיידלעך האָבן געגומען איינע די צווייטע קנייפּן די אָרעמס: זיי האָבן זי ערוואַרטעט צו זען שוין אין די „הויכע מאָנאַטן". זיי זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי איר און האָבן מיט זשעדנע אויגן געקוקט אויף איר פיגור.

און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ רעדל און ראָכקע איז פאַרבייגעגאַנגען זיי, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן פון נעוווסקי פּראָספּעקט.

דער וואַלד־הענדלער

געווען אַמאָל אַ דערפל מיטן נאָמען אַלטינאָווקאַ.

אין דערפל האָבן געוואוינט עטלעכע צענדליק אידן.

זיינען אַלע געווען גאַנץ פאַרמעגלעך, און יעדערער פון זיי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן יאַכסן.

ווען איין איד פלעגט זיך קריגן מיטן צווייטן, פלעגט עס ניט זיין ערנסט, ווייל עס איז קימאַט ניט געווען וואָס פאַרצואוואַרפן איינער דעם צווייטן.

ביידע גלייכע יאַכסאָנים.

האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמערן די אידישע איינוואוינער, האָבן זיי געפילט ביי זיך, אַז דער דערפל טאָר מער ניט הייסן דערפל, נאָר מען מוז זיך ווענדן צו נאַטשאַלסטווע אַז מען זאָל געבן אַן אַנדער נאָמען.

כאָטש שטעטל זאָל עס הייסן. אַפילו דאָס וואָרט שטעטל איז זיי ניט געווען צום האַרצן.

מען איז פאַרמעגלעך, מען פילט לייטיש — איז עפּעס דערפל, שטעטל, אַביסעלע פריקרע.

פלוצלונג, צו זייער אַלעמעס איבעראַשונג, האָט מען אָנגע־הויבן בויען אַ באַן־וועג. עס האָט געהייסן, אַז באַנען וועלן דאָ איינגיכן אָנהויבן לויפן — וועט טאַקע זיין מער פּאַרנאָסע און מען וועט זיך ניט דאַרפן ברעכן מיטן אָקס אין די שטעטלעך אַריין.

וועט מען איצט מוזן ענדערן דעם דאָרפישן נאָמען פון דאָרף.

האָט ניט לאַנג גענומען — און דאָס קליינע, איינפאַכע פאַרוואָרפענע דערפעלע האָט געקראָגן גאַנצע צוויי נעמען.

צוליב דעם וואָס די באַנען לויפן שוין, מוז דער קאָנדוקטאָר אויסשרייען הויך:

— סטאַנציאַ אַלטינאָווקאַ!

און ווען די אידן דערהאַלטן בריוו, הייסט עס, מוז מען אדרעסירן:

— „מעסטיעטשקאָ אַלטינאָווקאַ!"

אביסל האָט עס זיי וויי־געטאָן: עפּעס מיעסטעטשקאָ איז ניט אַזאַ ברייטער נאָמען, אָבער אַלץ בעסער איז עס ווי עס האָט געהייסן: דערפל.

איבערהויפּט איז געווען געגן דערפל, דער גאַבע פון שול. אים האָט עס מער פאַרדראָסן ווי אַלע. ער, דער גאַבע, האָט געהאַט גרויסע געשעפטן, אַסאַך איינפלוס אין דאָרף — האָט ער דאָס איינגעלייגט וועלטן עס זאָל ווערן אוים דערפל!

אז די באַנען האָבן אָנגעהויבן לויפן און אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן זען מענטשן אַראָפּשטייגן, וואַרטן אויף אַ צווייטער באַן, אָדער טאַקע זיך אָפּשטעלן אין דאָרף אויף אַ ווײַלע, איז דער גאַבע געפאַלן אויף אַ פּלאַן, און האָט ניט ווייט פון וואָקזאַל, אויף אַ גרויסן שטיק פעלד אָנגעהויבן בויען אַ מיל, אַ קראָם און אַ גרויסע, ווייסע הויז.

דער גאַבע, הער פרידשטאַנד, איז געווען אַ וואַלד־סויכער, אַ רייכער און אַ בעקאָוועדיקער איד. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ לענגערע צייט אין דאָרף, און אַ פרומער, איז ער געוואָרן דער גאַבע פון שול.

הער פרידשטאַנד איז געווען אַ גרויסער פאַמיליע־מאַן. אַ ווייב מיט זין און טעכטער אָן אַ שיר.

די זין זיינען געווען מיט אים אין די געשעפטן. די אינגערע טעכטער — האָבן געלערנט זיך אין גרויסע שטעט און אין דער־בייאיקע שטעטלאך, און די עלטערע זיינען געווען הויז־באַלע־באָסטעס.

איינגיכן איז פאַרטיק געוואָרן די הויז, די קראָם מיט דער מיל.

די הויז איז שטענדיק געווען פול מיט אָנגעפּאַרענע געסט. די מיידלעך מיט דער ווייב האָבן נאָך צוגענומען אַ שיקסע אויך, און אַפילו איצט האָט קיין הענט ניט געסטייעט.

די קראַם איז געווען איבערגעפּאַקט מיט סכוירע און מען האָט געמוזט צונעמען אַ פּריקאַזטשיק, וואָס האָט נעבאַך, גע־אַרבעט פאַר פינף, פון פריען פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. און נאָך האַלבע נאַכט, איז ער געוואָרן אויס פּריקאַזטשיק, נאָר טאַקע אַ גאַנצער בוכהאַלטער: האָט געמוזט פירן די ביכער אויך.

פרידשטאַנד איז טאַקע געווען זייער אַן ערלעכער מענטש, אָבער אַ קאַרגער, און ביי אים האָט מען געמוזט אַרבעטן און פאַרדינען שווער און ערלעך אַ שטיקל ברויט.

די מיל איז, כאַלילע, ליידיק ניט געשטאַנען. די פליגלען האָבן זיך בייטאָג און ביינאַכט געהאַלטן אין איין דרייען. ווע־גענער זיינען געשטאַנען אָנגעלאָדן לעבן מיל, און דער גאַבע איז זיכער געווען צופרידן פון דער נייער שטעטל...

איז איינעם גוט, גייט אים פון אַלע זייטן. האָט דער גאַבע געהאַט אַ ווייב פאַרטיפט אין באַלעבאַטישקייט פונקט ווי ער, און צוויי מאָל אַזוי קאַרג ווי ער. אַ הערינג האָט קיינער ניט געטאָרט צו־שניידן, אויסער זי אַליין. פון דעם קלענסטן הערינגל פלעגן פון אונטער דעם מעסער אַרויסקריכן צוועלף שטיקלעך הערינג.

טאָמער האָט זי צוטיילט ביים טיש ניט מער ווי ניין מענטשן, האָט זי דריי שטיקלעך פון דעם „גזזאַלצענעם אומגליק" גע־מוזט אַרונטערנעמען און באַהאַלטן אין טשולאַן.

מיט געבאַקטע קאַרטאָפל איז ניט געווען אַנדערש. אָפּגע־באַקט קאַרטאָפל פאַר יעדן צו איינס. טאָמער איז געווען ווײַ־ניקער מיט אַ מענטש ביים טיש, איז די קאַרטאָפל געווען מאַזלדיק און געבליבן אין אויוון.

אין איין זאַך איז פרידשאַנדן ניט געגאַנגען: ער האָט ניט געהאַט קיין מאַזל מיט זיינע געראָטענע קינדער. ניט מיט די זין און ניט מיט די טעכטער.

די זין — ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט — וואַרטן ביז מען וועט פאָטער ווערן פון די מיידלעך. און די מיידלעך וואָלטן וועלן פאָטער ווערן פון זיך אַלס מיידלעך. זיינען קיין באַלאָנים ניט געווען.

זיינען די יאָרן געלאָפן, די מיל פליגלעך האָבן זיך געדרייט, געשעפטן זיינען געוואַקסן, און די מיידלעך זיינען געזעסן.

פון צייט צו צייט פלעגן זיך אָפּזוכן אַ פּאָר באַלאַנים. אַ שאַדכן האָט געשוויצט, פלעגט צושטעלן אַ פּאָר כאַסאַנים, האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער גאַבע איז רייך און די סכוירע איז ניט קיין יונגע; פלעגט מען זיך אָנהויבן דינגען.

פרידשטאַנד איז זיכער געווען מער באַזאָרגט, ווען עס איז אים ניט געלינגען אַזוי שנעל פּאָטער ווערן פון אַ ווערדל, וואו די געהילץ האָט נאָר „געטויג אויפן פייער״, איידער וואָס זיינע אַ טאָכטער וועט נאָך דאַרפן זיצן אַ פּאָר יאָר.

ביינאַכט, ווען אַלע שטוביגע זיינען שוין געווען אויפן וועג צו זייערע בעטן, פלעגט זיך הינטער פרידשטאַנדס שלאָפצימער צומאַכן די טיר און מען האָט געקאָנט הערן ווי די ווייב דערגייט אים זיינע יאָרן.

— וואָס וועט פאָרט זיין מיט די קינדער? — פלעגט זי טיינען. — ענטפער מיר נאָר, מעניע, וואָס וועט זיין? אַבוץ האַנדלען מיט וואַלד און דרייען מיטן מיל און זיין אַ גאַבע אין שול ביזטו דאָך אויך אַ טאַטע צו קינדער.

ביי איר האָבן זיי געהייסן קינדער. ביי אַ מאַמען זיינען פאַר־זעסענע מוידן נאָך אויך קינדער. און זי האָט ווייטער גערעדט:

— דו פאָרסט איצט אַוועק אין וואַלד אויף צוויי וואָכן. ביזט אַ קאַלטער גאַזלען, ביזטו. עס וועט נעמען וואָכן ביז מען וועט אויסהאַקן דעם וואַלד, ביז מען וועט אָנלאָדן און אַרויס־פירן דאָס געהילץ, און דאָ — „טאָמער מאַכט זיך עפּעס״.

פרידשטאַנד איז שוין אַזוי צוגעוואוינט צום וואָרט: „טאָמער״. אַז ער איז גלייכגילטיק צו אירע טיינעס.

האַלב פאַרשלאָפן ענטפערט ער איר:

— זאָל נאָר גאָט ווייזן אַ נעס.

— צוואַנציק פורן האָב איך שוין באַשטעלט, עס זאָל נאָר ניט רעגענען. דאָס געהילץ זאָל ניט פאַרנעצט ווערן, וועט שוין זיין גוט. דעם קליינעם בערעזעוון וואַלד האָט מען שוין לאַנג געענדיקט. אָבער דאָרטן וועל איך קיין גליקן ניט מאַכן.

אַזוי ענטפערט ער איר אום פּאָטער צו ווערן פון די שידוכים־געשפּרעכן.

— זינא שרייבט פון וואָראָניעזש מען זאָל זיך פאַר איר ניט זאָרגן ווענן באַסענע־האָבן.

און דערביי באַקלאָגט זי זיך, אַז זי האָט פאַר איר מוירע. אַ־סאַך, דערציילט זי זאָגט, אַז זי איז דאָרט, אין וואָראָנעזש, גאָר אַ גאַנצע רעוואָלוציאָנערקע געוואָרן.

— נו, מיילע, ענטפערט פרידנשטאַנד — האָט מען זי אין מיל!

— און סאָניא שרייבט, אַז זי האָט אימיצן יאָ: איז אַמאָל וויל ער און אַמאָל ניט.

— יאָ, וואָס טוט מען אָבער מיט די אַלטע „טעליעצעס"?

— זאָגט ער און דרעמלט איין.

אַ פּאָר יאָר זיינען אוועק.

זינאַ'ן האָט מען אין אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד דער־הארגעט.

אַ בילד איז אָנגעקומען מיט אַלע אירע זאַכן און דאָקומענטן. אַלץ איז אָנגעקומען, נאָר די קליינע, צאַרטע, איידעלע זינא איז ניט אָנגעקומען...

סאָניא האָט נאָך אַלץ יענעם, וואָס וויל און וויל ניט...

און די אַלטע „טעליצעס" זיצן...

דערפאַר האָבן זיי נאַכעס פון זייער עלטערן זון ארענען.

ערשטנס, האָט אַרן אויף זיך גאַנצע פיר און פערציק יאָר. צו דעם האָט ער גאַנצע אַכצן טויזנט רובל אין „קאַזנאַטשייסטווע", געהאַט. הא טער זיך געקויפט אַ קאַלע פון אַכצן יאָר. פאַר יעדן יאָר האָט ער באַצאָלט אַ טויזנטער.

שווער, זייער שווער איז אים אָנגעקומען צו נעמען אַ יונגע ווייבל. אַלע ווײַלע האָט ער זיך געשאַדכנט צו אַן אַנדערער...

אַלע ווײַלע האָט ער דערציילט אַן אַנדער מיידל ווענן זיין געלט.

אָט האָט ער דערציילט איינער, אַ טוסיען מירינסקי, אַ יונגער מיידל, ווענן זיין געלט. אָט האָט ער דערציילט ביילקען קאַראַסיק.

די מיידלעך האָבן זיך זייער ווייניק געפרייט מיט זיין געלט, ווען זיי האָבן דערזען אויף זיין פּאָנים זיינע יאָרן...

און אַרנס פּאָנים איז געווען אַן עמעסער שפּיגל: עס האָט

געוויזן יעדן יאָר. פלעגן די מיידלעך זאָגן, אַז זיי זיינען ניט קיין בוימער פון וואַלד און זיי פאַרקויפן זיך ניט פאַר קיין געלט.

איז ער אוועקגעפאָרן קיין גאָמעל, זיך געלאָזן גיין צו אַ שאַדכן און באַצאָלט אים אַ גוטן מעקאַך, און ער האָט אים אויסגעשאַדכנט אידאַן.

אידאַ איז אַזוי ווי פון הימל אַרונטערגעפאַלן.

אַ בלאָנדע, שיינע, נארישע און קאַפריזנע מיידל — האָט זיך אידאַן פאַרוואָלט כאַסענע האָבן מיט אַן עלטערן.

און זי האָט עם אויסגעפירט.

האָט זיך אַרן אויסגעבויט אַ שטיבל ניט ווייט פון זיין טאַטן.

האָט געבראַכט אידאַן אַזש פון גאָמעל.

און אידאַ קאָמאַנדעוועט איבער גאַנץ אַלטינאָווקע.

פרוי פרידשטאַנד שניידט נאָך אַלץ אַ הערינג אויף קליינע שטיקלעך.

און די אַלטע „טעליעצעס” זיצן אין קראָם...

דער אויסטוישער

מאָנטיק און פרייטיק פלעגן די שמאָלע געסלעך פון דעם קליי־נעם שטעטל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין יאַריד.

די איבעריקע טעג פון וואָך האָבן זיך די קליינע קינדער, באַהאַל־טענערהייט, געגרייט אויף אָט די צוויי טעג.

מאָנטיק אינדערפרי האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלעקל. און פון פענצטער האָט מען באַלד דערזען אַ ווייסן מאָגערן פערד, וואָס האָט געשלעפט אַ וואָגן פול מיט שמאַטעס. פאָרנט פון וואָגן איז געשטאַנען אַ קאַסטן... ביים זייט פון פערד האָט מיט לאַנגע טריט געשפּאַנט רעב שיע דער אויסטוישער. אַ קליין בייטשל האָט ער געהאַלטן אין האַנט, די צוויי פּאָלעס פון זיין לאַנגן סורטוק פאַרקאַטשעט פון פאָרנט און פאַרלעגט אין גאַרטל.

קליין געוויקסיק, מיט אַ ברייטער, עטוואָס גרויער, באָרד, מיט אַ שמייכל אויף זיין פּאָנים, האָט ער אויסגעזונגען:

מיידעלעך, שמאַטעס! מיידעלאַך, ביינער! מיידעלעך, רינגע־לעך! מיידעלעך אוירינגלעך!

אַלע קינדער האָבן שוין געוואוסט אַז דאָס מיינט ער זיי — זיי זאָלן אַרויסטראָגן שמאַטעס, ביינער, וועט מען דערפאַר קריגן פון רב שיען אַ רינגל, אָדער אַפּאָר אוירינגלעך.

גאַנץ אָפט האָט זיך מיטגעכאַפּט אַ מאַמע פון די קינדער, זיך שטילערהייט געדונגען מיטן אויסטוישער — פּרובירט ביי אים נעמען נאָך אַ רינגעלע פאַר אירס אַ צווייטן קינד.

פּרייטיק איז פאַר רב שיען געווען בעסער ווי מאָנטיק. די מו־טערס זיינען מאָנטיק געווען אין מאַרק און מיטגענומען די קינדער

מיט זיך, אָבער פּרייטיק זיינען זיי פּרי געווען אין דער היים — צוליב די פיש קאָכן און צוליב די בולקעס...

רב שיע האָט געוואוסט ווי אַזוי פרייטיק צו האַנדלען. אַ פּרוי פלעגט צוקומען צו זיין וואָגן מיט עטלעכע פון איר׳ע קינ־דער, די אויגן האָט זי גלייך געוואָרפן צום קאַסטן, די קינדער האָבן אונטערגעטראָגן די שמאַטעס און אַרומגעקראָכן אויף די רעדער קוקנדיק אויף דעם קאַסטן. רב שיע האָט זיך ניט וויסנדיק גע־מאַכט. ער האָט די שמאַטעס געוואויגן, געמאָסטן, זיך באַקלאָגט אַז עס האָט ניט גענוג וואָג פּאַר אַ פּאָר פינגערלעך. האָט עס צוריקגעגעבן, געהייסן וואַרטן ביז מאָנטיק — עפשער וועט צו־קומען נאָך...

דערביי האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן וואָגן, אויפ־געעפנט דעם קאַסטן, און די אויגן פון די פינגערלעך און די אוירינגלעך האָבן געקוקט אויף אים מיט צענדליקע „פאַלשע" בליקן.

ער האָט עטלעכע רינגלעך גענומען אין האַנט אַרויפגערוקט זיי אויף דעם „מיזיניקל" פון זיין פינגער און כיטרע האָט ער גע־פרעגט די מאַמעס אויב די טייג וועט ניט איבערגיין, אָדער די פיש איז שוין אָפּגעלאָשן. די מוטערס האָבן זיך אָנגעהויבן איילן. די קינדער האָבן זיי געשלעפּט פאַר די פאַרטוכער און איילענדיק זיך, האָט מען גענומען פון רב שיען וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

רעב שיע האָט אַ סמאַטשקע געטאָן צו זיין פערד, דאָס פערד האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זיין ווייסער גריווע, אַרונטערגעטריבן אַ ביסל פליגן פון זיך, אַ טופּע געטאָן מיט די קאָפּיטעס, אַ שלעפּ געטאָן דעם וואָגן און זיך לאַנגזאַם געלאָזן איבערן געסל. אַרויספאָרנדיק פון געסל, איז ער אַריינגעפאָרן אין מאַרק, וואו די גויעס זיינען אין „ריאַד" געזעסן מיט קוואַס און פיאַלגע הערינג און קוריאָנ־קעס, זיך געפאָכעט מיט צונויפגעלייגטע שטיקלעך פּאַפּיר.

דערזעענדיק רב שיען, האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל קומען צו זיי זונטיק, ווען זיי וועלן ניט זיצן אין „ריאַד", וועלן זיי אים אויך געבן צולייזן. די גויעס האָבן אים געקאָנט נאָך פון זיין פריער יוגנט, ווען זיין פאָטער האָט געפירט אַ וואָגן. רב שיע איז דאָן געזעסן אויפן קאַסטן, פּונקט ווי די אוירינגלעך און פינ־

גערלעך זיינען טאַקע „גוטע". האָט ער זי געהיט און דער טאַטע זיינער איז אַליין אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן און געקליבן די שמאַטעס — עס זאָל ווייניקער קאָסטן. פון דעם טאַטן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די אַלע שמאַטעס, פּאַפּירן און ביינער שיקט מען אָפּ אין אַ גרויסן זאַוואָד און מען מאַכט דערפון קליידער און צוקער.

אַרויספאָרנדיק פון „ריאַד" האָט זיך דאָס פערד פאַרקערט אויף דער „גאַנטשאַראָווקע" — אַ גאַס מיט אַזאַ נאָמען, וואו עס געפינען זיך די טאַנדעטנע מאַסטערסקאַיעס, וואָס מען אַרבעט דאָרט אויס די וואָרימע קליידער פאַר פּויערים און סאָלדאַטן און וואָס מען טראָגט זיי דערנאָך אַוועק אין מאַרק צו די טישלערקעס.

אויף דער גאַנטשאַראָווקע אַרבעט מאַשקע די פעטע, אַן אַלטע מויד, וואָס רב שיע שאַדכנט זיך צו איר זינט זיין ווייב איז געשטאָרבן. לאָזט ער איבער דאָס פערד אין דרויסן און אַליין גייט ער אַוועק אין מאַסטערסקאַיע צו מאַשקען.

דאָס פערד רוט זיך דערווייל אָפּ. ער שטייט און עסט דאָס ביסל האָבער פון טאָרבע, וואָס רעב שיע האָט אויפגעהאַנגען אויף זיין האַלדז און ער איז אַזוי פאַרטאָן אין דער אַכילע, אַז ער פילט ניט די פליגן, וואָס עסן זיין לייב. זיין מאָרדע אַריינגערוקט אין טאָרבע קייט ער און קייט און בלויז ווען די פליגן דאָקוטשען אים שוין צופיל, צופּט ער מיט דער פעל פון זיין גרויסן בויך, שמייסט זיך מיטן וויידל און קוקט מיט איין אויג צום הויף צו, וואו רעב שיע געפינט זיך.

עס דויערט היבש לאַנג איידער ר' שיע קומט אַרויס צוריק פונם הויף. געווייגלעך קומט מאַשקע אויך מיט אים און טראָגט אַ פּעקל שמאַטעס פון טאַנדעט. ר' שיע האָרט לעבן איר. זי לאַכט און רויטלט זיך. ר' שיע כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואָגן, און דאָס פערד נעמט אַרויס די מאָרדע פון טאָרבע, גיט בערויגעז אַ קוק צו מאַשקען און לאָזט זיך צו אַ צווייטער גאַס.

שאַבעס נאָך שוואוּעס איז געווען ר' שיעס כאַסענע מיט מאַשקען.

באַלד נאָך דער כאַסענע האָט ער פאַרקויפט זיין פערד און וואָגן מיטן קאָסטן צו אוורעמלען דעם וואַסער־טרעגער. און דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין געקאַכט וועגן דעם, אַז אַ גליק האָט גע־

טראָפּן מאַשקען די טאַנדעטניצע — זי פאָרט קיין אַמעריקע.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז סיי זי און סיי ער האָבן אָפּגעשפּאָרט געלט — זי פון טאַנדעט און ער פון די שמאַטעס.

* *
*

ר' שיע און מאַשקע זיינען אָנגעקומען אין ניויאָרק אָנפאַנג זומער. מאַשקע האָט דאָ געהאַט אַ מומע, כאַסיע גאָלדע די לאַנגע. אַן אַלמאָנע מיט אַ זון, וועלוועלע און אַ טאָכטער, ביילקע. זיי האָבן געהאַט אין קוני איילענד אַ קליינעם דריי־גודס סטאָר, מיט אַן איי־נגענער הייזקעלע, און צוויי צימערן צו פאַרדינגען.

ר' שיען איז קוני איילאַנד זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט אַלע ווילע איינגעאָטעמט די פרישע לופט און איבערגערעדט, אַז ער האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט נאָך אַזאַ גרויסע וועלט.

דער זומער האָט זיך איינגעשטעלט. די הייסע טעג האָבן גע־בראַכט הונדערטער טויזנטער מענטשן צו די ברעגן פון יאַם. מענטשן פלעגן אָנפילן דער מומע כאַסיע־גאָלדעס דרייגודס סטאָר. מאַשקע איז געוואָרן ביי דער מומען אַ סיילסליידי . זי האָט זיך אַריינגערוקט אין אַ פּאָר ברייטע געבלומטע פּאַדזשאַמעס, האָט אָפּגעשוירן די האָר הויך, אַז דער האַלדז איז ביי איר ווי לענגער געוואָרן, האָט זיך אָנגע־טאָן בראַסלעטן אויף די הענט און האָט געבראָכן דעם ענגליש וויפיל זי האָט נאָר געקענט.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט שוין ר' שיע דערזען מאַשקען אין אַ בעידינג סוט... און דאַווקע אין אַ גרינעם... גאַנץ קורץ. מען זעט אַרויס די פיס, די קני, און נאָך מער ווי די קני.

שווער געווען ר' שיען דאָס אַראָפּצושלינגען, — עפּעס אַזוי מאָדנע קוקט מאַשקע אויס. זי ליגט אַריין אין מויל אַ זאַך און קייט עס אַ גאַנצן טאָג. דרייט מיטן מויל אַזוי, ווי זי וואָלט אימעצן געשאָלטן...

ביינאַכט האָט ער איר געפּרואווט אויסרעדן, אָבער אַז זיין גאַנץ געלט איז שוין געווען ביי מאַשקען אין די הענט און די מומע כאַסיע גאָלדע איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע, האָט זיך ר' שיען דאָס

ערשטע מאָל אָפּגעריסן אין הארצן, אין אמעריקע. שווער איז אים „עסן קעסט" ביי דער מומע כאַסיע גאָלדען. ער פלעגט שטונדן לאַנ־גע ווארטן א הונגעריקער לעבן דריי גודס סטאָר, אָדער לעבן הויז אויפן סטופּ, ביז מאַשקע האָט אים א ברויגעזע גערופן עסן. געגעבן אים ניט דעם זעלבן מאַלצייט, וואָס זי האָט געגעסן.

פּאַרגאַנוועטערהייט האָט ר' שיע געקוקט אויפן קוישל מיט אָראַנדזשן, באַנאַנעס און פלוימען, וואָס מאַשקע האָט זיך צוגע־כאַפּט.

גאַנצע טעג און נעכט האָט זיך ר' שיע ארומגעשלעפּט אויפן באָרדוואָק, אונטערן באָרדוואָק און לעבן די קראָמען, אָפּגעשטעלט זיך אויף די ראָגן און געטראַכט פון זיין פערד, פון די שמאַטעס, פון דעם קאַסטן מיט די רינגעלעך, און פון די היימישע קינדער — דאָרט איצט אַזוי ווייט פון אים.

ער האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין און איז צוגעקומען צו א וואוילוואָרט צען־סענט סטאָר. מיט ברייט צעעפנטע אויגן איז ער געבליבן שטיין לעבן פענצטער, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט מיט בראַסלעטן, פינס, קארעלן, רינגעלעך און אייערינגלעך.

זיין הארץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן און ער האָט טיף געאָטעמט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער צווייטער פענצטער פון סטאָר. געקוקט צום אַריינגאַנג. און וואָס מער ער האָט געקוקט, האָט אים מער יסורים פאַרשאַפט.

שנירעלעך פּערל, ווייס ווי שניי, און גאָלדענע און זילבערנע רייפן שפּילקעס מיט אַלערליי שטיינער. ער האָט געוואָלט וויסן דעם פּרייז, ער האָט אַפילע געזען לעבן די אַלע זאַכן ברוינע קאַרטלעך מיט גרויסע ווייסע בוכשטאַבן — צען און פינף, נאָר עפּעס האָט זיך ניט געלאָזט גלויבן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך, און דערזען די רויטע שילד מיט דיקע גאָלדענע ווערטער — פינף און צען.

איצט איז שוין ר' שיען קלאָר געוואָרן, אַז די אַלע זאַכן קען מען קריגן צו פינף און צען סענט א שטיק. ער האָט זיך אינסטינקטיוו א נעם געטאָן פאַר זיינע קעשענעס. זיי זיינען געווען ליידיק. ער האָט זיך צוגערוקט צום פענצטער מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ.

אין סטאָר האָבן זיך די לאָמפּן אָנגעצונדן. ר' שיע האָט ערשט

איצט דערזעען די קאָנטערס אָנגעפּאַקטע מיט זאַכן, וואָס ער הויבט ניט אָן צו וויסן ווי זיי הייסן. מענטשן דאָרט — קעפּ אויף קעפּ. אויפן טראָטואַר איז אויך ניט דורכצושטופּן זיך. די עלעוויטאָרס קלאַפּן אַזוי אַז ער פאַרשטעלט זיך די אויערן.

ער טראַכט ווידער: — אָרימער פערד מיינער. געדאַרפט נעבעך שלעפּן אַזויפיל שמאַטעס, אַזויפיל ביינער, אַ קאַסטן מיט רינגעלעך, און ציטערן איבער זיי. אַז אָט דאָ קען מען קריגן אַזאַ „גיץ" פאַר שפּאָט ביליק...

דער הונגער האָט ר' שיען דערמאָנט אָן מאַשקען און כאַסיע גאָלדען. אינווייניק אין האַרצן האָט אים אָנגעהויבן ווײ טאָן — האָט ער זיין רעכטע האַנט צום האַרצן צוגעטראָגן און געגלעט וואו עס טוט אַזוי ווײ...

אָבער גיין אַהיים האָט זיך אים ניט געוואָלט. האָט ער זיך געלאָזט גיין צום באָרדוואָק, זיך געזעצט אויף אַ באַנק און האָט גע־נומען אין זיינע געדאַנקען אַריבערברענגען זיין אַלטע היים אַהער צום יאַם...

ערשט פאַרטאָג, ווען קיין איין מענטש איז שוין אין גאַס ניט געווען, און אַ גערדיכטער נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן יאַם און דער לעוואָנע, האָט זיך ר' שיע פון באַנק אויפגעהויבן. וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, האָט ער, האַלטנדיק זיך מיט די הענט ביים האַרצן, אַוועקגעשלעפּט זיך צו מאַשקען.

זעליקמאַן דער לענדלאָרד

זעליקמאַן דער לענדלאָרד האָט שוין לאַנג פאַרגעסן ווען ער איז יונג געווען.

כאָטש ער איז אַלט און שוואַך איז ער אָבער גענוג יונג און שטאַרק צו זיין אַ לענדלאָרד פון זיינע הייזער. צו העכערן זיינע טענענטס דירע געלט. דירע געלט האָט ער זייער ליב צו „רייזן״, ווייל קיין אנדער ארבעט האָט ער נעבאַך נים.

איין הויז איז פּאַשעט אַ גאָלד גרוב, אויבן וואוינען שכיינים, אונטן אַ רעסטאָראַנט, ביי איין זייט אַ באַרבער שאָפּ, ביי דער צווייטער אַ קלינינג סטאָר און אונטן וואוינט ער אַליין.

אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ בייזער און אַ ביטערער, איז ער שטענדיק ארומגעלאָפן מיט פּאַפּירן אין די הענט.

אין אָנפאַנג אָסיען, ווען עס איז געוואָרן אַ לויפעניש נאָך רומס, ווען מען האָט זיך צוריקגעקערט פון דער קאָנטרי, איז ער געוואָרן אַזוי ביזי, פאַררעכענענדיק צו נייע שכיינים, און טאַקע רייזענדיק די רענט, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן און האָט זיך פאַרשוויצט.

אויף מאָרגן נאָכן „רייזן רענט״ האָט אים באַזוכט די פליו, אום צו באַדאַנקען פאַר די נייע פאָר דאָלער, וואָס ער האָט אַזוי גרינג „איינגעקאָלעקטעט״.

אויפן דריטן טאָג פון דער פליוס באַזוך, האָט אַ דאָקטאָר איינגעקאָלעקטעט ביי אים פון די נייע „רייזעס״.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט אים אָפּגעשטאַמט אַ וויזיט אַ פּראָפעסאָר, און דאָ האָט שוין זעליקמאַן, געמוזט צום פּראָפעסאָר דערלעגן זיינע „אייגענע״ פאָר דאָלער.

ליגט זעליקמאַן און פּאַכעט מיט זיין אַלטער גאָלדענער נע־
שאַמע, פון היץ, וואָס די מאַדאַם פּליו האָט אים געשענקט. און
ער טראַכט — אַז ביים צווייטן מאָל, ווען אַ טענענט וועט אריינ־
מופן, וועט ער ארויפּרייזן דאָס וואָס ער האָט צום פּראָפּעסאָר
דערלעגט.

אָט זאָל אים נאָר אביסל גרינגער ווערן! פונדעסטוועגן האָט
ער זיך יעדן טאָג מיט די דאָקטוירים גענוג געדונגען.

נאָר זיינע טעכטער און זין, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז סיי
ווי סיי וועלן זיי קיין סאך דאָקטוירים מער ניט דאַרפן, האָבן
אים געבעטן ער זאָל ניט זיין אזוי איינגעשפּאַרט...

פּרייטיק פונקט צו דער וואָך פון זיין קראַנק ווערן, איז גע־
וועזן זיין בעסטער טאָג.

ער האָט ניט געוואוסט וויפיל עס קאָסט אים היינט. עס האָט צו
אים אריינגעמופט דער מאַלעך־האַמאָוועס.

פּאַרנאַכט שוין האָט זיך דער טויטן וואָגן אָפּגעשטעלט נעבן
זיין הויז. דער אנדערטייקער האָט געוואָלט וויסן צו דער טויטער
האָט באַלאַנגט צו וועלכע עס איז סאָסייטיס. עס האָט זיך ארויס־
געשטעלט, אַז ער באַלאַנגט צום „לענדלאָרד פּאַריין" פון רייזן רענט...

האָט דער אנדערטייקער פאַרשטאַנען מיט וועמען ער האָט
דאָ צו טאָן און ער האָט אָנגעהויבן „רייזן".

„די אומגליקלעכע זין און טעכטער שטייען נעבאך און דינגען
זיך. עס ווילט זיך ניט צאָלן פאַר אַן אַלטן דאַרן, טויטן טאַטן,
וואָס וועט באַלד פאַרשווינדן אויף אייביק.

— סטייטש, איר האָט דאָך אַ האַרץ פון אַ גאַזלען, — טייַנען די
קינדער צום אַנדערטייקער. — עס איז דאָך ערעוו שאַבעס. מען מוז
דאָך מאַכן שנעלער, ער זאָל ניט פאַרבלייבן ליגן ביז נאָך האַוו־
דאָלע.

און דער אַנדערטייקער אליין, קאַלט ווי דער טויט וויל פון
גאָר נישט וויסן. ער גיט אַ באַפעל צו זיינע מענטשן, אריינטראָגן
אייזבעגס און איז אוועקגעפאָרן.

ליגט זעליקמאַן אויפן אייז־בעג, אויף וועלכן ער האַלט שאַ־
בעס. ער ליגט אויסגעצויגן און קאָן נעבאך ניט „רייזן" און קאָן
ביליגער ניט מאַכן. עס איז ניט פאַראַכטאָגן.

כאָסן־קאַלע

וואַלד און באַרג האָבן זיך זומער דערזען און זיך פאַרליבט. און ווי אַלע פאַרליבטע, זיך געברוגעזט און געקריגט. קאַלע־באַרג האָט זיך געגרויסט קעגן איר כאָסן־וואַלד.

— דו האָסט דער ערשטער פרייד לידער צו מיר געזונגען. האָט באַרג דעם וואַלד פאָרגעוואָרפן.

האָסט די זוניקע שטראַלן מיט דיינע בלעטער געצערטעלט, האָסט שטיקער הימל צווישן דיינע בוימער צוטיילט, און זיי אַלעמען אָנגעוויזן אויף מיר. און ווען איך האָב דיר אויף דיין ליבע ניט געענטפערט, האָסטו זיך געברוגעזט אויף מיר פאַר מיין שווייגן.

און ביינאַכט האָסטו אין מיינע אויערן געשעפּטשעט פון דיין אייביקער בליענדער ליבע צו מיר. האָסט זיך אין דיינע טונקעלע נאַכט קליידער איינגעהילט, דיינע געדיכטע האָר, איבערן גאַנצן לייב צושאָטן. האָסט צו מיר געוואונקען און גענייגט זיך פאַר מיר. האָסט די לעוואָנע אין דיינע גרינע קליידער באַהאַלטן און דו אַליין האָסט אויף מיר געקוקט ווי איך רו אויף דער ערד.

מיין גרינע קלייד איז נאָך געווען דין און דורכזיכטיק, האָסטו מיין שוואַרצע לייב געזען... האָסט מיר אין בלעטער ליבעס בריוו געשיקט, זיינען זיי אויף מיר געפאַלן און מיין רו מיר געשטערט. און ווען איך האָב דיר ווידער ניט געענטפערט, האָסטו זיך גערייצט מיט מיר.

דער וואַלד האָט געשוויגן. און זיך געצאַפּלט אונטער אַ מילדן ווינט. וואַרט! — האָט ער אין זיך געברומט, זאָל נאָר די נאַכט קומען! זאָלן נאָר אַלע איינשלאָפן וועסטו מיין ענ־

טפער דערהערן. דערהערן אַזוי אַז דו וועסט מאָרגן, פאַר דער זון זיך שעמען צו באַווייזן.

איז אָנגעקומען די נאַכט:

אַ שוואַרצע, אַ בייזע אין אַ שווערן פינצטערן וואָלקן איינגעהילט. אַ בייזער ווינט האָט זיך צום וואַלד צוגעטשעפעט, און אים געפאַטשט, אויף זיינע פיס ניט געלאָזט איינשטיין.

אין דער טיפער פינצטערניש, האָט דער וואַלד מיט קאַעם געזוכט זיין געליבטע.

די פויגל האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. צו־שראָקענע, ווייל דער ווינט האָט זיי פון די צווייגן אַרונטערגעיאָגט, האָבן זיי זיך אַרונטער געלאָזן, אָט צו קאַלע־באַרג, און אָט צוריק צום כאָסן־וואַלד.

די ביימער האָבן זיך געטרייסלט, געבויגן זייערע קעפּ הין און צוריק.

און שפּעטער איז דער וואַלד פאַרזונקען אין טיפער טראַכטונג וועגן זיין קאַלע. ער האָט צו ביסלעך אָנגעהויבן נאָכצוגעבן זיין קאַלע: זי איז גערעכט מיין שיינע קאַלע. איך האָב טאַקע די ערשטע צייט פון איר אַביסל כויזיק געמאַכט, וואָס זי שווייגט ווי אַ נאַר...

אַזוי טראַכטענדיק איז ער איינגעשלאָפן.

האָט דער ווינט צו די וואָלקנס אַ וואונק געטאָן, האָבן זיי די טירן פון הימל אויפגעעפנט און אַליין זיינען זיי זיך צולאָפן.

אַ רעגן האָט דעם וואַלד גענומען וועקן און דערנאָך צום באַרג זיך אַרונטערגעלאָזן.

און באַלד איז פאַרטאָג געקומען, און די זון פון איר שלאָף אויפגעוועקט. האָט זיך דער וואַלד אויפגעכאַפּט. און גענומען אַרונטערטרייסלען פון זיך די רעגן טראָפּנס, און זיין האַרץ האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער נעצט איין זיין קאַלעס זומער קלייד.

און די זון האָט אירע שטראַלן דעם וואַלד ניט געגעבן, זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען, און זיך אָפּגעשטעלט אויפן באַרג.

דער וואַלד אַ פאַרצאָרענטער האָט זיין קאָפּ אַרונטערגעבויגן, און גאַנייוויש געקוקט אויף זיין קאַלע. און ווי ערשטווינט איז ער געוואָרן פון איר פּלוצלומדיקער שיינקייט.

רעגן טראָפּנס האָבן איר לייב פולער און גלאַטער געמאַכט. די גראָזן העכער אויפגעהויבן, די קנאָספּעס פון אירע בלומען ברייטער צועפנט, און די זונען שטראַלן האָבן זי הייס געקושט.

ער האָט געוואָלט צו איר אָנהויבן רעדן. באַגריסן זי מיטן שיינעם פרימאָרגן. מאַכן שאָלעם מיט איר. מאַכן איר קאָמפּלי־מענטן, נאָר ער זעט אז זיין קאַלע קוקט גאָרניט אויף אים.... ער זעט ווי זיין יונגער וואַלד־שאָכן נויגט זיך פאַר זיין קאַלע, שיקט איר ליבעס בריוו דורך זיינע בלעטער, זיי פאַלן אַראָפּ אויף זיין קאַלע, אויף די בלומען, אויף די שטראַלן פון דער זון.

פאַרנאַכט האָט זיך די זון אָפּגעגאַנווענט... האָט זיך אין שלאָף־ציי־מער פאַרשלאָסן און איבערגעלאָזט די שיינע קאַלע מיט איר נייעם כאָסן־וואַלד אַליין.

סימקע

ווען סימקע פלעגט זומער ביינאַכט אַריינלויפן אין הויז און טרעפן איר עלטערע שוועסטער זיצן מיט איר כאָסן און דער לאָמפּ איז געווען האַלב אַריינגעדרייט, פלעגט עס סימקען שטאַרק פאַר־דריסן.

— וואָס הייסט זיצן אין דער פינצטער? ווי קאָן מען זען איינער דעם צווייטן? וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדע פאַרברענגען אין דער פינצטערניש?

פלעגט זי טאַקע צולויפן צום לאָמפּ, מיט איין האַנט אים אַ כאַפּ טאָן פאַרן האַלדז, מיט דער צווייטער פאַר דער מאַשינקע, און דער אומגליקלעכער לאָמפּ האָט געמוזט אַרויסשטעלן זיין ברענענדיק צינגל אין דער פאַררויכערטער גלאָז.

אַ פּאָר מאָל האָט דאָס פייערל אַ ציטער געטאָן, ווי עס וואָלט זיך דערשראָקן פאַר דעם ווייס־אויסגעקאַלכטן צימער.

די שוועסטער מיטן כאָסן פלעגן אָנשטעלן אויף איר די אויגן און, פאַררויטעלטערהייט, זיך שעמעוודיק איבערקוקן.

— וואָס אַרט אייך, אַז דער לאָמפּ ברענט ליכטיק? — שרייט סימקע — האָסטו געזען? אַזאַ שיינער שפּיגל, אַזעלכע שיינע בלומען־טעפּ, אַזוי פיל ביכער, און זיי זעצן זיך אַוועק און קוקן אוים ווי צוויי שאָטנס! איר ווילט זיצן אין דער פינצטער, גייט אַריין אין „טשולאַן”, אָדער צו די הינער אויף דער „סידלע”. דאָרטן וועט אייך זיין פינצטער. איך קום איצט פון אַ לאָדקע. אַזאַ ליכטיקע נאַכט! אַזאַ גרויסע לעוואָנע! אַזויפיל שטערן! אַלע זיינען פריילעך, און איר? ווי אידיאָטן!..

שטיל פלעגט זיך די עלטערע שוועסטער אויפהויבן, א וואונק געבן צום כאַסן און שמייכלען.

ביים טיר האָט די שוועסטער ארויסגעשטאַמלט:

— וואַרט, סימקעלע, וועסט אַמאָל אויך וועלן זיצן אין דער פינצטער...

— ס'א קלייניגקייט! א מעציע א גאַנצע! איך וועל וועלן? נאָך וואָס דאַרף איך עס? פלעגט סימקע ענטפערן. דערנאָך הויך, שטיפעריש, זיך צעלאַכן. זי פלעגט דאַן צוגיין צום שפּיגל און מיט א ביכל אין האַנט, זיך זעצן לייענען.

אויף יענער זייט טיר פלעגט די שוועסטער שוין מיט א ביסל קאַס זאָגן צום כאַסן:

— אָט נאָך א קינד...

סימקעלע איז געוועזן קליינשטעטלדיק באַלעזן. זי האָט געלעזן מערסטנס טאָלסטוי, האַמסון, מאָפּאַסן, דאָסטאָיעווסקין.

נאָר מער פון אַלעמען האָט זי געמוטשעט נאַדסאָנען.

דער יונגער, אומגליקלעכער פּאָעט איז שטענדיק געווען אין אי־רע הענט.

אויף מאָרגן, אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט אירע כאַווערטעס, פלעגט זי אומעטיק און זיפצנדיק זיי דערציילן וואָס זי האָט נעכטן געטאָן מיט נאַדסאָנען...

צו לאַנג אומעטיק איז סימקע קיינמאָל ניט געווען. אַזוי שנעל ווי זי האָט אויסגעלערנט א פּאָר זאַכן אויף אויסווענינק פון נאַדסאָנען, איז א פריידן זי באַפאַלן.

טאַנצן, זינגען, דעקלאַמירן, איז ביי סימקען געווען אַן אידעאַל.

אויף אַלע כאַסענעס, אויף טנאָאים, „אימענינעס" — סימקע איז דאָ!

שטענדיק א לוסטיקע, א לאַכעדיקע, א רעדעוודיקע — פלעגן איר די כאַווערטעס מקאַנע זיין און זי ליב האָבן.

אַזוי זיינען אַריבער א פּאָר יאָר פון סימקעס לעבן. יונגע לייט האָבן זי פאַרערט, זי געוואָלט פאַר א קאַלע.

סימקע אַליין איז געוואָרן א רואיקע, אָנגעהויבן זיך קליידן אין לאַנגע, טונקעלע קליידער, צוויי צעפּ פאַרלייגט אויף איר קאָפּ.

די עלטערע שוועסטער איז שוין פאַרהייראַט. איז זי די

עלטערע — מעג מען שוין אָנטאָן אַ לענגער קליידל און מען מעג שוין אַפּילו די צעפּ פאַרלייגן...

אויף דער לאַנגער קליידל איז זי אַביסל ברויגעז. זי פּלאָנ־טערט זיך איר אונטער די פיס. נאָר פאַרפאַלן — זי איז די עלטערע...

שטייט זי לאַנג ביים שפּיגל.

זי רוקט צו איר פּאָנים נאָך נעענטער צום גלאָז...

זי שמייכלט... עפּעס אַ זיסקייט לויפט אַדורך איבער איר פּלייצע, שפּרינגט אריין אין ברוסט און טוט אַ קלאַפּ אין האַרץ. אין קאָפּ טוט איר אַ זעץ — הערשעניו!...

זי פאַרטראַכט זיך.

הערשעניו דעם פּעטערס, האָט קעסיידער געצאָלט די קליי־זמאָרים פאַר אירע טענץ, ווען זי האָט נעכטן געטאַנצט אויף אַלטעס כאַסענע.

וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נאַרישקייט? — רעדט זי צום שפּיגל — גאָר הערשעניו!

מאיר איז אַסאַך שענער פון הערשעניו'ן. הערשוניו איז אַ רויטער און מאיר איז שוואַרץ־כענעווודיק.

אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּאָנים אין ליכטיקן שפּיגל.

דער שוואַרץ־כענעוודיקער מאיר לאַשטשעט איר געדאַנק און שמייכלט צו איר.

אָבער באַלד קומט הערשעניו מיט זיין רויטן קאָפּ, מיט זיין געזונטן, יונגן אויסזען און טרייבט אַוועק מאירן.

זי דערמאָנט זיך ווי הערשעניו האָט איר געבעטן זיך דורך צושפּאַצירן, ווען זי איז געוואָרן מיד טאַנצדיק.

ער איז געגאַנגען נאָענט לעבן איר, ער האָט זי געפרעגט צי עס געפעלט איר די כאַסענע.

דאָס וואָרט „כאַסענע" האָט איר געגעבן אַ שטשיפּ אין די באַקן... זי זעט נאָך איצט אין שפּיגל דעם סימן... אַ פאַררויטעלטע קוקט זי אויף אירע ברענענדיקע באַקן.

— יאָ, — האָט זי אים געענטפערט — אַוודע געפעלט מיר די כאַסענע.

און גייענדיק לעבן איר, האט הערשעניו איר אין די אויגן אריינגעקוקט.

זי האט געזען זיינע אויגן: בלויע — פונקט אזעלכע ווי ביי נאדסאנען...

זי געדענקט גוט אז זי האט געלייענט וועגן נאדסאנס בלויע אויגן.

און הערשעניו איז מיט נאדסאנ׳ס אויגן אין הארצן איר אריין און איז שוין דארט אן אייגענער...

פלוצלונג האט זי זיך געכאפט, אז זי שטייט צופיל ביים שפיגל.
זי איז אריין אין קיך. אלע זיינען געזעסן און געטרונקען טיי.
איר בליק איז געפאלן אויף איר עלטערער שוועסטער. זי איז געזעסן מיט איר מאן און אינגעלע.

זי האט זיך פארשעמט. זי האט זיך דערמאנט ווי זי האט אפט דער שוועסטער געשטערט אירע גליקלעכע מינוטן, און זי האט געפילט ווי צולויפן צו איר שוועסטער, קושן זי און בעטן, זי זאל זי ענטשולדיקן...

איצט, אין די לאנגע קליידער, מיט׳ן טיטל „עלטערע״, און מיט הערשעניו׳ן אין הארצן, האט זי אנגעהויבן כאראטע האבן...

ווען זי איז אריין אין קיך האבן אלע ביים טיש זיך איבער־געקוקט. דער פאטער האט א בורטשע געטאן:

— א גאנצע „באַרישניע״!...

* *

*

א פאר פריידיקע און אומעטיקע וואכן האבן סימקע׳ן פאר אן אנדערער געמאכט. זי האט אלע כאווערטעס אויסגעמידן, נאר די קליינע כאנעלע איז איר געוון צום הארצן און איר האט זי פאר־טרויט וועגן הערשעניו׳ן.

איינמאל פארנאכט, ווען סימקע איז אריין אין הויף, האט זי דורכן פענצטער דערזען דעם פעטער מיט הערשעניון אין שטוב. זי האט זיך געגעבן א רים צוריק, צום טויער.

אבער די אויגן זיינען געבליבן ביים פענצטער. זי האט געזען ווי אלע לאמפן ברענען. אלע זיצן ביים טיש: מען טרינקט טיי מיט „ווארעניע״.

אפילו די נייע אָפּגעפּרעגעלטע „ווארעניע" האָט זי דערקאָנט.

זי איז צוגעגאַנגען צום טיר, האָט זיך איינגעהערט א ווײַלע: זי הערט איר נאָמען... מען רעדט פון איר.

עפּעס איז איר דאָס מאָל דער נאָמען אירער געוואָרן טייער. זי איז געוואָרן שטאָלץ אויף דעם נאָמען „סימקע".

סימקע איז געוואָרן א קאַלע פאר הערשעניו'ן, און קיין צווייטע צו טיילן סימקעס פרייד איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן.

אַלע אָוונט קומט הערשעניו אויף זיין וועלאָסיפּעד, זיי פאָרן אויף לאָדקעס, שפּאַצירן אין סאָד צווישן די געדיכטע אַלייען, און אַז זיי בלייבן אַליין אין צימער, איז עפּעס אַזוי גוט. עס איז שטיל, קיינער שטערט ניט. זי זיצט און רעדט מיט הערשעניו פון אַזוינע גוטע זאַכן...

הערשעניו דרייט איין דעם לאָמפּ. אין שטוב ווערט פינצטער, און אין דער טונקעלהייט זיינען הערשעניו'ס אויגן נאָך בלויער, זיינע קושן נאָך הייסער...

ווידער דערמאָנט זי זיך אָן איר שוועסטער. יענע איז טאַקע געוועזן גערעכט, ווען זי פלעגט זיצן אין דער פינצטער מיט איר כאָסן...

ווען איך טרינק טיי

ווען איך גיס זיך אָן אַ גלאָז טיי און עפֿן דאָס פֿענצטער און אַ פֿרילינג־ווינטל נעמט זיך שפּילן מיט די פֿאָרהאַנגען, ווען די בלעטער פֿון די אַרומיקע ביימער וויגן זיך און כאַפּן אַ קוק צו מיר אין די פֿענצטער — דערמאָן איך זיך אָן מיין היים. איך דערמאָן זיך אָן מיין פֿאָטער און אָן מיינע ליבסטע און טייערסטע, איך דערמאָן זיך אָן יעדן ווינקעלע פֿון מיין היים, וואו איך בין געבוירן און גע־וואַקסן. איך זע פֿאַר מיינע אויגן יעדן שטיינדעלע וואָס איז אויסגע־מאָשטשעט ביים הילצערנעם טויער. די ווייסע צויג, ביעלקאַ, וואָס איז געווען צוגעבונדן אויף אַ קייט. דעם גרויסן קופּערנעם סאַמאָוואַר וואָס פֿלעגט שטיין אויפֿן טיש און זשומען ווי אַ בין.

איך טרינק די טיי און דריק פֿעסט דאָס גלאָז אין מיין האַנט, און פֿון איין זופּ ביזן צווייטן, זע איך אַ גאַנצע וועלט. איך גיס אָן אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, אַפֿילו ווען עס ווילט זיך מיר ניט טרינ־קען, ווייל עס ווילט זיך ניט איבערייסן דעם פֿאָדעם, וואָס פֿאַר־בינדט מיך מיט מיין ווייטער היים.

ניט מער ווי אַ גלאָז טיי — און דאָך, וויפֿיל גליק עס קאָן פֿאַרשאַפֿן!

אָט זע איך מיין פֿאָטער:

אין דעם גרויסן הויף שטייט אַ טיש, אַ בעראָזעווער, צוגעדעקט מיט אַ טישטוך מיט פֿרענזן. אַרום, שטייען ווינער שטולן. דער הויף איז ערשט אָפּגעקערט געוואָרן. דערויף קאָנען איידעם זאָגן: אַי דער גרויסער בעזים, אַי די גרויסע גראַבליע מיט די שאַרפֿע ציין, און דאָס פֿרישע קופּקעלע מיסט וואָס איז פֿאַרשאַרט אין אַ

ווינקעלע. אויפן טיש שטייט דער באָבע׳ס סאַכאַרניצע, וואָס אַז אימיצער זאָל זי, כאָלילע, צעברעכן, וואָלט מען זי ניט געקאָנט מיט קיין זאַך אויסקויפן. די סאַכאַרניצע איז שוין אַלט עפּשער הונדערט יאָר, און מען היט זי אָפּ אַסאַך מער ווי אונדזער ליבלינג די מיזינקעלע, אידאַ.

ווייל מיידלעך זיינען מיר געווען, קיין איין־האָרע צוועלף. און דער באָבע׳ס אויצער, איז נעבעך איינאיינציקע, אַ ציטעריקע באַס־יעכידע...

דער סאַמאָוואַר האָט זיך צעקאָכט ווי אַ גאַזלען, און די פּאַ־רע וואָס רייסט זיך אין דער הויך, גיט אָנצוהערן, אַז דאָס וואַסער וועט באַלד איבערלויפן.

עס ווינקען צוויי גרויסע, שיינע לימענעס. פרישע ,דופּטיקע, פּונקט ווי זיי וואָלטן ערשט פון אַ בוים צו אונדז אויפן טיש אַרונ־טערגעפאַלן. מיין פאָטער גיסט זיך אָן די ערשטע גלאָז טיי, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און הויבט אָן טרינקען. אויף זיין פּאָנים באַווייזן זיך די ערשטע טראָפּנס שוויים. ער וויקלט אַ פּאַפּיראָס און שמייכלט.

— וואָס וואָלט אייך קינדער געאַרט, ווען איר לאָזט מיך רויכערן אַ ליולקע? וואָס מיינט איר, עס וואָלט מיך טייערער געקאָסט? איז — ניין. דאַרף איך זיך מאַטערן און דרייען פּאַפּיראָסלעך.

זיין שמייכל קריכט אים אַריין אין די באַקן און באַהאַלט זיך דאָרט. זיין פּאָנים ווערט ערנסט. די ליפּן צונויפגעדריקט, קוקט ער בייז אויף מיין עלטערער שוועסטער. זי, הייסט עס, האָט אים פאַרבאָטן רויכערן אַ ליולקע. מיין שוועסטער דערשרעקט זיך ניט. האַסטיק און קלאָר, הער איך איר שטימע:

— פּאַפּאַ, וואָס הייסט דו וועסט רויכערן אַ לולקע? דו וועסט אויסקוקן פּונקט ווי אַ מוזשיק, און דאָס פּאַסט ניט, ניט פאַר דיר, און ניט פאַר אונדז, קינדער.

— אהאַ, איר שעמט זיך? — ענטפערט ער שוין ווידער מיט אַ שמייכל, — גאָרניט פּאַסט אייך ניט.

דאָ האָב איך געגעבן אַ זופּ, און אין גלאָז איז געוואָרן לייר־

דיק. איך האָב זי גיך צוריק אָנגעפּילט מיט טיי און גענומען טרינקען — אום ניט איבער צו רייסן דעם געשפּרעך דאָרט, אין הויף ביים גרויסן טיש. דאָרט, ערגעץ ווייט, פון וואַנען איך בין שוין לאַנג אוועק און וואו איך וועל עפּשער קיינמאָל מער ניט זיין, און יענעם געשפּרעך מער ניט הערן.

איך נעם מיין גלאָז צו די ליפּן: — אַנו, טאַטעניו, רעד וויטער....

עס פּאַסט אונדז אַלץ, — הער איך דער שוועסטער׳ס שטימע, — גענוג אַז דו טראָגסט שטיוול מיט צונויפגעלעגטע כאָלאַוועס, אַזוי ווי הירינקע, דער פּאַזשאַרנער קאָמאַנדיר. אָבער אַ ליולקע? דאָס פּאַסט שוין פאַר דיר ניט.

ביעלקאַ אויפן קייט, האָט זיך צוהאַווקעט.

— אָ, אימעצער מוז זיין ביים טויער, — זאָגט דער פאָטער.

דער ראַבינער מאַרשין איז אריין אין הויף.

— גוט אָוונט, — באַגריסט ער אַלעמען — אַט אייך איז גוט, אין מיטן הויף זיך באַזעצט, און די כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן, זעט איר ניט. היינט איז אַ „פאַרזאַמלונג" אין טאַלמוד־טוירע, און איר זייט דאָך עפּעס אַ „מיטגליד". קומט זשע אין צייט, איך בין דורכגעגאַנגען פאַרביי, האָב איך געוואָלט באַגריסן און דער־מאָנען. צום ווידער זען, אַדיע!

מיין פאָטער באַגלייט אים ביזן טויער.

— אהאַ, זעסט? — אַט טראָגט דער ראַבינער אויך שטיוול מיט צונויפגעלעגטע כאָלעוועס. און דו ווילסט אַז איך זאָל טראָגן שטיוויליעטן.

— אָבער אַ ליולקע רויכערט ער ניט! — כאַפּט אונטער מיין שוועסטער.

— ניין, ער רויכערט דינינקע פּאַפּיראָסלעך מיט לאַנגע מונ־שטוקלעך פון „סטאַמבאָל" טאַבעק, גיט מילד צו מיין פאָטער.

די כמאַרע האָט זיך פאַרגרעסערט און גרויסע טראָפּנס רעגן האָבן אָנגעהויבן צו פאַלען פון הימל, באַגלייט מיט אַ זומערדיקן ווינט.

דאָס קופּקעלע שטויב וואָס איז געווען צונויפגעשאַרט, האָט

אָנגעהויבן צו צופליען, און האָט ניט פארגעסן צו קומען באזוכן דאָס ווייסע טישטוך, דער באָבע׳ס סאַכארניצע און אַפילו זיך אַריינגעגאַנוועט צווישן די ציין.

מיין גלאָז האָט זיך ווידער אויסגעליידיקט.

און דער רעגן האָט אַלץ צעשטערט . . .

אינהאַלט:

זייט

פון שטאָט און דאָרף 3
מאַלקעלע 74
דאָס אינגל 100
גלאָקן געקלאַנג 107
אַ דאָרפיש מיידעלע 112
דער ערשטער טאָנעס 119
פאַרגאַנגענע יאָרן 123
טייבקעלע 130
אין אַ קעמפ 140
די פאַטשיילע 146
דער בוקעט בלומען 153
געפאַלענע באַלעבאַטים 161
דעם שוסטערס ווייבל 166
דער וואַלד הענדלער 173
דער אויסטוישער 179
זעליקמאַן דער לענדלאָרד 185
כאָסן־קאַלע 187
סימקע 190
ווען איך טרינק טיי 195